STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08973

IKH, ZI UN ER

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק:

ז. סעגאלאוויטש

ניינטער באַנד.

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

אלע ווערק פון ז. סעגאלאוויטש

ערשטער באַנד — פּאָעמען
צווייטער באַנד — קאַפּ־יזן
דריטער באַנד — קרימער נעכט
פערטער באַנד — אַ לעגענדע וועבט זיך
פינפטער באַנד — ראָמאַנטישע יאָרן
זעקסטער באַנד — מעשׂיות פון דער רוסישער קאַזאַרמע
זיבעטער באַנד — לידער
אַכטער באַנד — דערציילונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע
ניינטער באַנד — איך, זי און ער
צענטער באַנד — אייביק איינזאַם
עלפטער באַנד — דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל
צוועלפטער באַנד — אונזער פרוי (דער גט)

ז. סעגאַלאָוויטש

איך, זי און ער

באַוועלן.

ווערטער מעגן בערופֿט נאָך זײַן יוגנט,
בלויז עקזאַלטירטע נשמות
רופֿן זייער וועלט אַרויס צום לעבן,
דורך ליטעראַטור, מוזיק און אַרטיזם בכלל.

מײַן טײַערן פֿרײַנט לייב לעווין,
דײַן מײַנסט מיט האַרץ און נשמה
דאָס בוך - אַ מתנה.
ישראל [illegible]

פֿילאַדעלפֿיע דעצעמבער 1973

וואַרשע, 1926

געזעצט: פ. קרימער, פולאוו.
הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי.
געדרוקט ביי י. הענדלער, ווארשע, דלוגע 26.

JA, ONA i ON
Z. SEGAŁOWICZA
Wydawnictwo
CH. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

נאָך איינע.

מער איז אין וואַגאָן קיינער נישט געווען, אָבער די צוויי זענען אומרויִק די גאַנצע צייט.

ער פֿאַררייכערט כּסדר נייע פּאַפּיראָסן און וואַרפֿט זיי אַוועק נישט דעררייכערט.

און ווען ער זעצט זיך אַוועק, הייבט זי זיך אויף און גייט צו צום פֿענסטער, קוקט, ווי די שנעלקייט פֿון צוג שלינגט איין די גאַנצע וועלט.

מען זעט די גאַנצע וועלט פֿון וואַגאָן-פֿענסטער און מען זעט גאָרנישט. די פּאַנאָראַמע חזרט זיך איבער. דער וואַלד, וועלכער האָט זיך געזען מיט צען קילאָמעטער פֿריִער, איז איצט אַהער איבערגעשפּרונגען. די זעלבע טונקעלע שאָטנס צווישן די ביימער, די זעלבע נישט פֿרישע, פֿאַרשטויבטע גרינקייט.

דאָ איין הײַזל, דאָרטן צוויי. עס טראַכט זיך כּסדר, אַז אין דידאָזיקע הײַזלעך לעבט און שטאַרבט דער עלנטסטער עלנט...

די פֿרוי פֿאַרלאָזט דאָס פֿענסטער, זי גלייבט, אַז דער איינציקער פּאַסאַזשיר אין קופּע אינטערעסירט זי מער, ווי די גרויסע האַלב-ליידיקע האַרבסט-וועלט.

זי איז יונג, בלאָנד און קינדיש געבויט. אין די אויגן דאָך

רייפקייט און, דאַכט זיך, זי באַדאַרף זיין אַ קאַפּריזנע, אַ בייזע און אַנטשלאָסענע.

ער איז הויך, ברייט געבויט, צווי מאָל אַזוי אַלט, ווי זיין שכנטע. מידע אויגן מיט אַ לייכטן שאָטן פון אומעט.

אַזעלכע אויגן, וואָס האָבן שוין אַ סך דורכגעלעבט און אַ סך געזען.

איצט ערשט האָט ער זיך דערמאָנט צו פרעגן:

— מען מעג רויכערן?

— דאָ איז שוין גענוג אָנגערייכערט, איר מעגט עס ווייטער טון!

— אַ דאַנק!

נאָר איצט האָבן זיי ביידע דערפילט, אַז שווייגן איז אוממעגלעך און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשפרעך: ווו מען פאָרט? פון וועמען? צו וועמען? אויף לאַנג? צו וועלכן צוועק?

איבערגעשפרונגען פון איין טעמע צו דער צווייטער, געלאַכט און ערנסט געוואָרן, ביז עס איז געקומען יענע מאָדנע וואַגאָן-שטימונג, בשעת מען ווערט ביז גאָר אויפריכטיק און מען דערציילט זיך אַזעלכע זאַכן, וואָס נישט אַלע מאָל פאַרטרויט מען זיי פאַר פריינט אפילו...

— איך בין איצט נאָך אַ גרויסער קאַטאַסטראָפע אין מיין לעבן, — האָט זי געזאָגט...

— וואָס איז? — האָט ער בייגעריג געפרעגט.

— אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע, און אפשר פאַרגרעסער איך דאָס אַליין... מיין פאָטער האָט מיך שטענדיק געלערנט, אַז אונידזערע גרויסע צרות זענען נישט מער, ווי קליינע זאַמדעלעך אין לעבן, מען מוז אַלץ אַליין פאַרקלענערן.

— דערציילט, וואָס מיט אייך האָט פאַסירט.

די אויגן אירע זענען ערנסט געוואָרן און באַלד האָט אַ שמייכל דעם ערנסט פאַרטריבן...

— עט, מען באַדאַרף עס אַלץ נעמען לייכט, נאָר לייכט, מען טאָר נישט גיסן קיין בליי אויף דער פילענדער נשמה.

און דערביי האָט זי געמאַכט אַזאַ מינע, פון וועלכער מען האָט נישט געקענט פאַרשטיין, צי זי קאָקעטירט, צי זי פילט אוימעט פון דער פאַרגאַנגענהייט. דערביי האָט זי אַרויסגענומען איר פאַרב און פודער, געמאַכט אין אָרדנונג די ליפן, די בעקלעך, דאָס נעזל... אָן דעם וואָלט זי נישט געקענט רעדן — אַזוי האָט עס זיך אויסגעדאַכט.

דער מאַן איז געזעסן געדולדיק, קענטיק, ער האָט זיך גוט פאַרשלאָגן אויף מענטשן, און דער עיקר — אויף פרויען.

— וואָס איז געשען מיט אייך, פריילין, דערציילט!

זי האָט אָנגעהויבן:

— אַן אַלטע געשיכטע: ליב געהאַט עטלעכע יאָר אַ מענטש, געוואַרט אויף אים, ער האָט געלערנט, געענדיקט און געקומען צו מיר, היינטיקן הארבסט האָט געזאָלט זיין אונדזער חתונה, — אַזוי האָבן טאַטע-מאַמע און קרובים באַשלאָסן, נאָר מיר האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף די צוגרייטונגען און צערעמאָניעס מיט וואָס אַ חתונה איז פאַרבונדן... זומער און זון, אַ ווייס היידל אין דאָרף, נישט ווייט פון שטאָט, טאַטע-מאַמע האָבן צוגעגרייט די חתונה און מיר האָבן דערווייל פאַרבראַכט, ווי אונדז האָט זיך געוואָלט.

ווי מענטשן רופן עס: מיר זענען געווען גליקלעך.

פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אַראָפּכאַפּן אין שטאָט צוליב די שניידערקעס, וועלכע האָבן גענייט מיינע חתונה-קליידער. איך פלעג פאַרבלייבן אין טומל אַ צוויי דריי טעג, מיין חתן האָט געוואָלט קיין געבענקט נאָך מיר, און צוליב זיין בענקען פלעג איך קיין איבעריקע רגע אין שטאָט נישט פאַרזוימען.

איך האָב געגלייבט אין זיין ליבע, איך האָב מער, ווי געגלייבט, ווייל איך האָב וועגן דעם נישט געטראַכט, דאָס, וואָס איך האָב דורכגעלעבט האָט פול געמאַכט מיין טאָג און נאַכט, דער מענטש איז געוואָרן מיין היינט און מיין מאָרגן... וואָס באַדאַרף מען מער? אפילו די קליידלעך האָב איך ליב געהאַט אַנדערש, ווי אַלע מאָל, ווייל צוליב, וואָס איך האָב דאַמאָלס גענייט, דאָס

האָט אַלץ געהערט צו אונדזער יום-טוב, צו אונדזערע חופּה־טעג. ווען מען זאָל מיך לאָזן, וואָלט איך אין פעלד אַרויס און פון גראָז און בלומען געפלאָכטן קליידער פאַר זיך... איך האָב נישט איינמאָל געהאַט אַזאַ פאַרלאַנג...

מאַכט זיך איינמאָל, מיט צוויי חדשים צוריק, אין מיטן זומער, איך זאָג אים צו, אַז אין צוויי טעג בין איך דאָ, און ווי גליקלעך בין איך געווען, ווען איך האָב אַלע מײַנע ענינים דערליידיקט אין איין טאָג און אויף מאָרגן אינדערפרי בין איך שוין געווען בײַ זײַן טיר. איך האָב אַליין אָפּגעצויגן די מינוט פון גליק, זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט זיך דערפרייען מיט מײַן אומגעריכטן קומען.

עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי, דער שאָסיי לעבן וועלכן אונדזער הויז איז געשטאַנען, איז געווען אינגאַנצן באַזילבערט פון זון, פונדערווייטנס האָט זיך געזען אַ שטראָם וואַסער און פון וואַלד איז געגאַנגען אַ פילטעניק געזאַנג.

דאָרט האָט זיך געזען אַן אַלט איבערגעדרייט שיפל, איך האָב זיך דערמאַנט, אַז אויף יענעם אָרט האָט ער מיך מיט צוויי טעג צוריק געקושט. עס האָט פון פרייד צוגעריקט צום האַרצן.

דערפרישט און אויפגעמונטערט פון פרימאָרגן, האָב איך האַסטיק אויפגעעפנט די טיר פון אונדזער צימער... און... און...

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זײַן בעט... אַ שײנע ציגײנערין מיט אַ פּאָר גרויסע צו-להכעיס-אויגן, אַ פּאָר גרויסע גוטעשלעכטע אויגן האָבן האַלב לאַכנדיק, האַלב איבעראַשט, געקוקט אויף מיר און מײַנער, מײַן חתן, האָט זיך פון שרעק באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע.

כ'געדענק נישט... דאַכט זיך, אַז איך האָב דאַמאָלס אַ ווילדן געשריי געטאָן, ס'האַרץ מײַנס איז אַראָפּגעפאַלן ערגץ טיף, טיף. איך בין אַרויסגעלאָפן און גענומען אַ ומשוועבן איבער די פעלדער מיטן יונגן קאָרן. אין וואַלד אַרײַנגעלאָפן, ווי אַ משוגענע... דער ציגײנערינס גרויסע אויגן מיט אַ שטיק אָפּגעדעקט לײַב האָט כסדר געשוועבט פאַר מיר, און אויסגעדאַכט האָט זיך מיר דאַמאָלס, אַז איך וועל שוין מער קיינמאָל צו די מענטשן נישט קו-

מען... קיינמאָל נישט! אַט אַזוי וועל איך אַרומלויפן איבער פעל-דער, וועלדער און עסן גראָז, עסן גראָז...

איך בין געזעסן אין דעם קאָרן, אַרום מיר איז געגאַנגען א פריילעך לעבן פון בינען און פייגל און פאַר מיר האָט כסדר געשוועבט דער נאַקעטער אַקסל פון דער ציגיינערין. אין מינוטן פון באַוווסטזיי, האָב איך געפילט און פאַרשטאַנען, ווי נאַריש ער מענטש איז אין זיין זיכערקייט פון גליק... ערשט נעכטן איז די וועלט געווען מיינס, דער זמגר מיינער, דער חתן מיינער און איצט וואַלגער איך מיך אין דעם קאָרן א באַשפּיגענע... און די ציגיינערין שטשירעט די ציין און לאַכט. אויס... איך האָב נאָר איין זאַך נישט פאַרשטאַנען, וואָס טוט מען מיט זיך, מיט דעם נאַגנדיקן קערפּער, מיט דער טעמפּ-געוואָרענער נשמה... וואָס טוט מען מיט זיך?

פאַרנאַכט האָט ער מיך אויפגעזוכט, איך בין געווען צעמישט און פאַרחלשט. צוערשט האָב איך נישט געפילט און נישט פאַר-שטאַנען, וואָס ער רעדט צו מיר, נאָר פּלוצלינג איז ער מיר גע-וואָרן אַזוי עקלהאַפטיק, איך האָב אים א שטויס געגעבן פון זיך און ער איז געוואָרן אַזוי נעבעכדיק, אַזוי אומבאַהאָלפן, שפּייען האָט זיך מיר געוואָלט אויף אים.

א צייט האָבן מיר געשוויגן, שפּעטער האָט ער זיך גע-דרייסט און דערציילט פאַר מיר אַלץ, ווי עס איז פאָרגעקומען: די ציגיינערין איז נעכטן אַריין צו אים לייגן קאָרטן, זי האָט צו אים דערביי אַזוי מאָדנע געשמייכלט און אירע באָרוועסע פיס, איר רונדער בוזעם.

זי איז געבליבן נעכטיקן בא אים.

דערנאָך בין איך געקומען אומגעריכטערהייט:

— ווען דו קומסט מיט עטלעכע שעה שפּעטער, וואָלסטו פון גאָרנישט געוווסט און מיר וואָלטן געבליבן גליקלעך...

איך האָב געוויינט פון חרפּה און עלנט און ער האָט גע-רעדט.

ער איז געוואָרן אין זיין רעדן דרייסטער, ציינישער... ער האָט פאַר מיר גענומען אַנטוויקלען א גרויסע אויסגעלערנטע טע-

אַריע: איין פרוי, האָט ער געזאָגט, קען בּאַ אַ מאַן ווערן דער עיקר און די איבעריקע אַלע... גאָרנישט... מען שפּילט זיך אַ ביסל...

— איך האָב דאָך פריִער אויך פאַרבראַכט מיט פרויען, וואָס גייט דיך אָן, אַז עס איז צוגעקומען נאָך איינע?

אַט אַזוי האָט ער דאָס טאַקע אַרויסגערעדט: „נאָך איינע".

איך בין פון אים אַוועק, איך האָב אים שוין באַלד פאַרגעסן. פון די גאַנצע עטלעכע יאָר איז גאָרנישט געבליבן, אויסער די פּאָר ציגײַנערישע אויגן... אַט שוועבט זי ביז איצט פאַר מיר, האַלב צוגעדעקט מיט זײַן טיגער-פעלד, און זי לאַכט מיר אין פּנים... מיר דאַכט זיך, אַז זי לאַכט פון מיר שטענדיק. פון אַלעמען לאַכט זי: פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע זײַטן און געזעצן... זי לאַכט, און איר ווייסט, איך וואָלט אויך אַזוי וועלן לאַכן.

דער מאַן איז געזעסן אַנטקעגן אין אַלץ אויפמערקזאַם אויסגעהערט, געשוויגן...

זי האָט שוין געענדיקט רעדן און ער שווייגט.

— וואָס שווייגט איר?

ער הייבט אויף אויף איר די אומעטיקע קלוגע אויגן און גיט אַ שמייכל.

— איר ווייסט, פון וואָס איך טראַכט?

— זאָגט!

— בשעת איר האָט דערציילט, האָב איך געקוקט אויף אײַערע שלאַנקע פיס און אײַער שמאָלן, שלאַנקן קערפּערל, איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב שוין אַ סך געשיכטעס דורכגעמאַכט מיט פרויען, און געטראַכט האָב איך בּאַ זיך...

— וואָס?

— איך האָב געטראַכט, ווי אינטערעסאַנט עס וואָלט געווען איצט אין שפּעטיקן האַרבסט, ווען די קוליגעס, די רויטע, לויכטן אַזוי רייצנד אַרום די קליינע באַן-סטאַנציעס. ווי גוט עס וואָלט געווען איבעררײַסן די רייזע, נישט דערפאָרן די גאַנצע שטרעקע

מיט די געקויפטע בילעטן... מיר ביידע. ערגעץ דאָ אין אַ שטעטל, צי אין אַ דערפל.

— און...

— און עס וואָלט בײַ מיר געווען, נאָך איינע.

— איר זענט זייער דרייסט, איר צילט זייער ווייט...

— פּאַרקערט, איך ציל זייער נאָענט...

זיי האָבן גענומען לאַכן. עס האָט זיך געזינדיקט מיטן לאַכן, מיט יעדן בליק, וואָס איינער האָט געוואָרפן צום צווייטן.

זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום פענצטער.

איצט איז די נאַטור געוואָרן היימישער צו זיי ביידן, דאַכט זיך, אַז די אַלע פעלדער, די ליידיקע, די שטומע וועלדער, אַלץ פון דער נאַטור באַהאַלט איין אמת׳ן געדאַנק: זינדיקט, לעבט פרום, זייט גוט, צי שלעכט — עס וועט אַלץ פאַרגעסן ווערן.

גערעדט, געוויצלט און נישט באַמערקט, ווי איינער פון צווייטן איז געפאַנגען געוואָרן.

— זעט אייך דאָס נישט אויס נאַריש?

— וואָס מיינט איר?

— אָט דאָס, וואָס דער צוג טראָגט אונדז מיט זיין האַס-טיקן אימפּעט און מיר לאָזן זיך... אַזוי איז מיטן לעבן אויך, מיר גייען נישט אַראָפּ פון די אייזערנע שינעס, אַזוי איז אָנגע-צייכנט.

— אָ, ניין, איך טראַכט, אַז איר גייט יאָ אַמאָל אַראָפּ פון דער אָנגעצייכנטער ליניע.

— און איר?

— אויב איך האָב אַ זיכערן באַגלייטער...

ער האָט איר דערלאַנגט זיין האַנט.

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, איר בליק האָט זיך אָנגעצונדן, אין דער רגע האָט זי אים דערמאָנט אַ מין חיה פון דער קעצישער משפחה. אין דער רגע האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז די גאַנצע געשיכטע מיטן געליבטן, מיט דער ציגיינערין איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינע סטאַציע, פון נאָנט האָט זיך געזען וואַלד, עטלעכע הייזער.

און געפילט האָט זיך אַ גרויסע שטילקייט, אַן אונטערטעניקייט פון דער נאַטור.

זיי זענען ביידע אַרויס פון וואַגאָן, דער צוג איז מיט האַסטיקער פאַרע אוועק, און דעם צוגס אוועקגיין האָט זיי אַזוי ווי אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט...

זיי זענען געבליבן אַליין מיט זיך —
אַליין פאַר זיך...

אש פון א ציגאַר.

ער איז געשלאָפן ביז א האַלבן טאָג, ווייל ער איז ערשט פאַרטאָג געקומען צופאָרן פון אָדעס מיט דער שיף.

איצט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דאָס שלאָפצימער געווען פול מיט זון. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן א שטיל גערויש. קינדער האָבן זיך ערגעץ געשפּילט, א טאָטער האָט באַטאָן אויסגעשריגן זײַנע „טשאַדרעס" און אויסגעשטריקטע זאַכן.

ער האָט זיך אין זײַן גאַנצער לענג אויסגעצויגן אויף דעם געלעגער, האָט דערפילט אין זיך א צופלוס פון קרעפטן, אויסגעשלאָפן, יונג און געזונט. די געשעפטן אין אָדעס גייען גוט, די דירעקטאָרן פון דער באַנק האָבן באַשטעטיקט אַלע זײַנע פּראָיעקטן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, יעדע קלייניקייט האָט אים איצט געפרייט און צופרידנגעשטעלט. אין צימער זענען געווען בלומען. ער האָט מיט א באַזונדערער הנאה געקוקט אויף די צוויי בעטן, פרישקייט און ווייסקייט, זײַן זיידענע פּיזשאַמע האָט געגלעט דעם קערפּער זײַנעם. ער האָט זיך אַליין געפילט, געלעבט און געאָטעמט מיט זיך, דער ברייטער ברוסט-קאַסטן האָט אים צוגעגעבן דרייסטקייט און זיכערקייט אין לעבן.

עס זענען פאַראַן באַם מענטש מאָמענטן, ווען ער

שטעלט זיך צופרידן, ווען עס דאכט זיך, אז ער אײנער איז קעניג און הערשער, ער אײנער האט א גליקלעכן שטערן.

ער האט איצט דורכגעלעבט אזא מאמענט, ווי ער וואלט די וועלט באזיגט, און אלץ איז אים אונטערטעניק. גוט איז צו אים דער שיקזאל, און דאס איז דאך אלץ.

א פאליע פון מונטערקייט האט אים ארומגענומען.

ער דערמאנט זיך, ווי מענטשן האבן אים באגעגנט און באגריסט, ווי ער איז גוטמוטיק געווען צו זיי... פארוואס נישט?

אבער פרויען האט ער אויסגעמיטן.

אויף דער שיף, אין דער ערשטער קלאס, האבן פרויען געקוקט אויף אים, לאנג פון אים די אויגן נישט אפגעלאזט... נאר ער איז געווען ערנסט און קאלט. זיי האבן אודאי נישט געוווסט, די דורשטיקע פרויען, אז אין דערהיים אין יאלטע האט ער א יונגע, שלאנקע פרוי, א פרוי, מיט וועלכער ער האט געטאפן.

וואס-וואס...

קיין ליגנט וועט זי נישט זאגן, זי איז אויף דעם נישט פעיק, אין דעם איז ער זיכער און ער טראכט גארנישט פון דעם.

זי שפרייזט דארטן איצט אין די איבעריקע צימערן פון זיין אייגענער ווילע, זי באלעבאטעוועט און גרייט צו פרישטיק. זיין לענא זיינע חברים זאגן, אז מיט איר שלאנקייט איז זי זייער ענ-לעך צו א שוואן, מיט איר שווייגן און שטאלץ איז זי ענלעך צו א ציפרעס, א שאד, וואס ער האט נישט קיין באקאנטן פאעט, זי וואלט באדארפט באזונגען ווערן.

ער איז פויל א ביסל פון שלאפן, עס טראכט זיך אזוי גוט, נאך א ביסל צייט און ער וועט זיך אנטון... דערווייל שוועבט זיין בליק איבערן צימער, צו די שטאלן, צום פענסטער, פון וועלכן ער זעט עטלעכע ביימער און א שטיקל הימל. דערנאך קוקט ער ווידער אויף די ווענט פון זיין שלאפצימער, אויף איר בילד, עס דאכט זיך אים, אז זי איז נאך אלץ אזוי פריש און יונג, ווי מיט

דריי יאָר צוריק, בשעת זיי האָבן חתונה געהאַט, און אַזוי פֿאַלן די אויגן זיינע אַראָפּ אויף דעם צווייטן בעט, וואָס שטייט לעבן זיינעם צוגערוקט נאָנט, און די צוויי בעטן צוזאַמען זען אים אויס, ווי אַ ווייסער פּוכיקער ים...

אָט אַזוי אין פֿוילן טראַכטן, נישט-טראַכטן, בלאָנדזשעט ער מיט די אויגן פֿון איין פּינטל צום צווייטן און פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ אויף איין אָרט...

אויף איין האַלבע רגע רייסט ער זיך אָפּ און שמידט זיך באַלד ווידער צו צום זעלבן פּינטל. עפּעס האָט אים טעמפּ אַ נאָג געטון אין האַרצן...

אויף איינעם פֿון די בעט-קאַרניזלעך, אויף דעם געטאָקטן רעמעלע, האָט ער באַמערקט אַ ביסעלע אַש...

אַש פֿון אַ ציגאַר...

אַ לייכטע צעדולעניש האָט אים אויף אַ רגע פּאַראַליזירט זיינע געדאַנקען, נאָר באַלד האָט ער גענומען לאָגיש טראַכטן: ער אַליין רויכערט נישט, זי רויכערט נישט... אַש פֿון אַ ציגאַר בײַ אים אין שלאָף-צימער, אויף דעם ראַנד פֿון איר בעט...

נאָכאַמאָל. ער פּרוּווט זיך גענוי אָפּגעבן חשבון, וואָס דאָ איז? אַש? אפשר איז דאָס גאָר קיין אַש נישט? רוקט ער זיך צו גענטער און באַרירט עס מיט אַ פֿינגער... אַש. זיינע אויגן נאַרן אים נישט.

קאַלט איז אים געוואָרן.
הייס איז אים געוואָרן...

אַן אומבאַקאַנטער ציטער איז אַריבער זיין לייב — אַ שלאַנג האָט אים איינגעביסן, צי ער האָט איינגענומען אַ שווערע דאָזע סם? און, די שטראַלן פֿון טאָג זענען פּלוצלינג אַזוי גלייכגילטיק געוואָרן — נישטאָ מער קיין שטראַלן, נאָר בלינדע ליכט קוקט אַריין און באַלויכט דעם גליקלעכנס אומגליק...

אַ ביסעלע אַש פֿון אַ ציגאַר.

זיין געדאַנק האָט געאַרבעט, ער איז פּלוצלינג אַריינגעפֿאַלן אין אַ פֿינסטערן קעלער, באַלד וועט ער אַרויסגיין פֿון דאָרט און

ער ווערט ווידער זיין גליקלעך... נאָר דער קעלער האָט נאָך אַ קעלער און נאָך איינעם — ער פאַלט אַלץ טיפער.

ער האָט זיך איינגעצויגן, געוואָרן אין איין רגע קלענער, נישטיקער, אָנגעשטרענגט, איבערגעוואָרפן אין די געדאַנקען אַלע השערות...

„איך רייכער נישט". „זי רייכערט נישט". עטלעכע מאָל האָט ער די ווערטער אויפן קול צו זיך אַליין אַרויסגערעדט...

און עס האָט גענומען וואַקסן אין אים דער [illegible]רדיסער פאַרדאַכט, פון אַ קליין שלענגעלע איז געוואָרן אַ גרויסער שלאַנג און דער שלאַנג האָט געביסן...

עפּעס האָט זיך צעשאָטן, צעשמעטערט... זיין טראָן, זיין זיכערקייט, זיינע פּלענער און געשעפטן, ערגעץ איז דאָס אַלץ אַראָפּגעפאַלן...

און אַ מענטש האָט זיך גענומען כאַפּן אָן אַ שטרויעלע.

— אפשר איז דאָס אַלץ אַ צופאַל? אפשר איז דאָ ווער אַריין אין צימער פאַרריכטן די עלעקטריע?

ער האָט זיך געפילט קליין און נעבעכדיק, צוליב דעם אַליין שוין, וואָס ער מוז דאָס אַלץ איבערלעבן, אויסרעכענען און איבערטראַכטן...

און כסדר געקוקט אויפן ראַנדעלע, וווּ דאָס ביסעלע אַש האָט זיך אויסגעלייגט...

אַש פון אַ ציגאַר...

פון זיינע נאָענטע באַקאַנטע רייכערט צי אַרן איין געמזאַר, זיין חבר געמזאַר... ער באַגלייט טאַקי שטענדיק זיין פרוי... אָבער... טראַכטן, אַז ער, זיין אוניווערזיטעט-חבר... טראַכטן...

פון אומגליק האָט ער געפילט, אַז ער פאַרלירט דעם קאָפּ.

איינגעפאַלן איז אים: כאַפּן און אַנטלויפן. פון אַן אומגליק אַנטלויפט מען. לויפן ווייט, שפּרינגען איבער די בערג, אַריבער־טאַנצן דעם ים, קיינער זאָל אים נישט זען און נישט הערן. נעכטן איז ער רייך געווען און אַ נעכטיקער גביר שעמט זיך מיט דער היינטיקער אָרעמקייט.

ער האָט געברענט אויף זיין געלעגער, די זיידענע פּיזשאַמע

דאָ אים אויסגעזען, ווי אַ משוגעים הימל... אָט באַלד וועט דער גאַנצער בנין אײַנפאַלן — ראַטעווע, גאָט!

אין דעם איז אַרײַנגעקומען די פרוי זײַנע.

ווייס־זומערדיק אָנגעטון...

זי האָט געזאָגט:

— מײַן מאַן שלאָפט נאָך און איך גיי זיך דורך אַ ביסל, אין אַ האַלבן שעה אַרום קום איך צוריק.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— דײַן מאַן איז אַ ביסל צעטומלט.

— וואָס איז טײַערער, די געשעפטן...

— ניין, איך וויל וויסן, ווער עס האָט דאָ געררויכערט. דו האָסט דאָך אַזוי פײַנט דעם רויך פון פּאַפּיראָסן און צי־גאַרן...

— חו, ווען געררויכערט?

ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם בעט־קאַרניזל מיט דעם ביסעלע ציגאַרן־אַש...

יאָ, ער איז זיכער געווען, קיין ליגן וועט זי נישט זאָגן, אַזעלכע, ווי זי, קענען טראָגן אַ ליגן אין זיך, מיט זייערע איידעלע ליפּן וועלן זיי דאָס נישט אַרויסרעדן. ס׳איז אַ ביטערע טרייסט געווען פאַר אים.

ער האָט גערעדט:

— און איך האָב געמיינט, אַז די וועלט איז מײַנע.

זי האָט געשוויגן.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט אַן אויסנאַם. די ווערטער זענען אַזוי שרעקלעך רויִק אַרויסגערעדט געוואָרן אין באַשטראַלטן צימער.

זי איז בלאַס געוואָרן, פון זײַן רויִקייט איז זי בלאַס גע־וואָרן, זי האָט נישט געענטפערט, אָדער נישט געוואָלט רעדן, נישט געפרוווט זיך פאַרטיידיקן, נישט געקוקט אויף אים, נאָר צום פענ־סטער.

איר קורץ שווײַגעניש האָט אַלץ באַשטעטיקט, זי האָט אפילו נישט געענטפערט אויף זײַנע לעצטע ווערטער.

— דו שווייגסט, נו, יאָ. מיר האָבן נישט וועגן וואָס צו רעדן — דאָס ערנסטע, דאָס וויכטיקסטע אין אונדזער לעבן איז שוין געשען...

איך, זי און ער.

אַנומלט האָט זי צו מיר אַזוי געזאָגט:

— מיין פריינט, איך האָב גרויס עגמת־נפש.

— וואָס איז?

— מיין אַלעאַנדער, מיין יינגער אַלעאַנדער, האָט גענומען דאַרן, איך האָב שוין אויסגעפּרווט אַלע מיטלען, עס העלפט נישט.

— קויפט מען אַ צווייטן אַלעאַנדער.

— ניין, דער איז מיר זייער טייער. שוין פינף יאָר איז ער באַ מיר. איך האָב אים געקויפט אין דעם טאָג פון מיין חתונה, אין דעם טאָג, ווען איך האָב מיין ליבע דערגרייכט.

— ווייבעריש סענטימענטן.

— באַ די ווערטער האָט זי אויפגעהויבן אירע קלוגע אויגן אויף מיר.

— סענטימענטן? פּרווט לעבן דריי יאָר אָן די סענטימענטן — ווי די מומיעס פון מצרים וועט איר אויסגעטריקנט ווערן.

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר און איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר, גענומען זוכן אין די נאָטן.

ווען איך וואָלט האָבן אַ ביסעלע העזה, וואָלט איך בײַ איר געפרעגט:

— און וואָס הערט זיך בײַ אײַך. מיט דער ליבע גופא?

זי וואָלט גאָרנישט געענטפערט, ווײַל מיר ביידע האָבן נישט ליב צו רעדן וועגן דעם.

וועגן אירע באַציִונגען און געפילן צו „אים".

„ער" איז מײַן בעסטער פרײַנט...

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך אינדזוער ליבער צײַט פון איבער־מענטשלעכער אומטענטשלעכקייט האָט עס אַ קנאַפּן ווערט דאָס וואָרט „פרײַנט", און נאָך אַ וואָרט האָט נאָך אַ קנאַפּערן ווערט: „פליכט", הייסט דאָס וואָרט.

נאָר איך בין טאָטאַלישט שולדיק, וואָס אין דאָס „נײַע" פון לעבן, האָב איך נישט פאַרגעסן מיטצונעמען אַ ביסל פון דאָס „אַלטע", און דאָס מיטגענומענע לאָזט מיך באמת פרײַ נישט לעבן, עס הענגט אויף מיר, ווי שווערע קייטן הענגען...

פליכט...

איך וואָלט זיך געפילט אינגאַנצן לײדיק, ווען איך פאַרליר די קייטן, איך וואָלט אויפגעהערט הנאה צו האָבן פון לעבן, פון זון און ליכט.

איצט בין איך ווידער אין אַ פּלאָנטער:

איך בין געקומען אין אַ רויקן, יונגן וועלדל, און איינס ווייס איך: ווען איך קום דאָ נישט, וואָלט די רויקייט דאָ ווײַטער פאַרבליבן.

איך בין נישט שולדיק. איך בין געקומען צו מײַן פרײַנט, ער האָט צו מיר געשריבן, אַז ער איז גליקלעך און צופרידן.

איך בין נישט עלטער און נישט יינגער, נישט שענער, נישט קליגער און נישט ערלעכער פאַר אים.

צווישן אונדז ביידע שטייט אַ יונגע פרוי.

און דאָ הייבט זיך אָן דער אונטערשייד.

ער האָט איר שוין אַלץ אָפּגעגעבן און איך בין קאַרג אויף אַ שמייכל.

און קאַרג בין איך אויף דעם נישט דערפאַר, ווײַל איך

בין אַ קאַרגער, נאַר דערפֿאַר, ווייל ער איז מיין פּרייַנט.

און זי? מען קען פֿון אַ פֿרוי קיין סך נישט פֿאַרלאַנגען, זי האָט קיינמאָל קיין פֿליכט נישט געהאַט, דער מאַן האָט פֿאַר איר געטראָגן די פֿליכט. זי האָט בלויז געהאַט מורא. איצט, אין אונזער צייט פֿון אַלע פֿרייהייטן, האָט זי געמוזט דידאָזיקע אָפּגעלעבטע מורא פֿאַרלירן.

איצט בין איך דער איינגעשפּאַרטער.

דאָ בין איך ווידער נישט שולדיק: דורות פֿיל האָבן נאַרישע מענטשן אונדז געלערנט: געוויסן, פֿליכט, שטאָלץ און ריינקייט... אַ קליין ביסל פֿון אָט די מעלות, צי חסרונות, איז אויך אין מיר פֿאַרבליבן...

איך ווייס דייטלעך און גענוי, אַז זי איז באַ אים אַלץ, אַז איר איז ער אַן אָפּגעבראָכענע צווייג פֿון אַ בוים, און אין מיינע הענט ליגט עס: איך קען די צווייג אָפּברעכן און איך קען זי לאָזן ווייטער וואַקסן און גריבען.

איך פֿאַרשטיי, אַז איך זאָל נאָכגיין יענעם העכערן, מענטשלעכן רוף, וואָלט איך דאָ שוין נישט באַדאַרפֿט זיין. ווען דער געדאַנק פֿון אַוועקגיין קומט צו מיר, מאַך איך זיך נישט ווּיסנדיק, אָדער איך לייג עס אָפּ אויף שפּעטער.

זי געפֿעלט מיר...

ניין. זי איז מיין טיף. זי איז מיר נאָענט. זי איז שוין נעכטן, איי־ערנעכטן, געווען אין מיין נשמה. פֿון אייביק אָן...

אָט דידאָזיקע בלויע אויגן מיט די ברוינע ברעמען איבער זיי, די ברוינע האָר, מיט דעם בייגדעלע איבער די אַקסלען, דאָס האָב איך שוין לאַנג אין חלום געזען, איצט האָב איך דאָס דערזען אין לעבן... עס איז מיר שווער אַוועקצוגיין פֿון דאַנען.

איך וויל נישט אַוועקגיין.

איך וויל ניט דערפֿאַר, ווייל איך ווייס נישט, ווער עס וועט מיך באַלוינען פֿאַר מיין פֿרומקייט, און אפשר זענען גערעכט די, וועלכע לאַכן פֿון אַלץ און לאַכן פֿון מיר אויך.

ניין, נישט דאָס איז דער עיקר. באַלוינונג גיט זיך יעדע-

דער אַליין, מיט דעם געפיל, אַז זיין געוויסן איז ריין... אָבער אַוועקגיין קען איך נישט און וויל נישט. פאַראַן שיינקייט אין אונדזער שטרעבן איינער צום צווייטן, צווישן זיי איז שוין קיין שיינקייט נישטאָ.

דערוויל פאַרגייען טעג און נעכט אין אומרו און בענק־שאַפט. אפשר דאַס לאָזן גיין אַזוי, ווי עס גייט? אַט זאָל זיך די צייט טון מיט אונדז, וואָס זי וויל, און דערנאָך וועלן מיר אַלע שולדן אַרויפוואַרפן אויף דער צייט.

אין די אַלע געדאַנקען און טראַכטענישן מיינע רוקט זיך שטענדיק אַריין זיין אָרנטלעך פנים, אָפנהאַרציק קוקט עס מיר אין די אויגן און שטרעקט אויס זיין האַנט.

מען דאַרף זיין שטאַרק צו זיין נידערטרעכטיק.

נעכטן זענען מיר לאַנג געזעסן צוזאַמען. ער איז אַוועק אין ביוראָ אַרבעטן. ער אַרבעט זייער פלייסיק. ער אַר־בעט פאַר איר. יעדן טאָג קומט ער צוגיין און דערציילט איר:

— היינט האָב איך געזען אין אַ פענסטער אַרויסגעשטעלט אַ סוויטער פון כריזאַנטעמע־גאָלד־קאָליר...

— היינט האָב איך געזען אַ קלייד מיט ברוסעלער שפּיצן...

און זיי גייען און קויפן און צאָלן מיט זיין שווערער אַר־בעט.

זי קליידט זיך, ווי אַ פּרינצעסין.

נעכטן האָב איך מיט איר פאַרבראַכט בײַ אים אין שטוב, אין זיין קאַבינעט. זי איז געזעסן אויף זיין געליבטער קאַנאַפּע — איך לעבן איר.

דאָס גאַנצע צימער, דאָס מעבל, דאָס שרייב־געצייג, יעדע קלייניקייט האָט גערעדט פון אים.

און מיר האָבן גערעדט... פון זיך אַליין.

וואָס הייסט דאַנקבאַרקייט? וואָס איז געטרייהייט?

בשעת זי האָט גערעדט איז אויף איר שטערן אַראָפּגעפאַלן אַ הויפנדל האָר...

איך האָב מיט מיינע פינגער די האָר פאַרשאַרט, איך האָב
עס זייער איידל געמאַכט און זייער איבערגעגעבן.

פונקט ווי זי איז אַ קינד...

און איך — דער גרויסער טאַטע.
זי האָט אַ שמייכל געטון און באַדאַנקט.
אין דעם שמייכל, אין דעם דאַנק, איז אַלץ געווען.

פון זיינע אַלע סוועטערס, קליידער און צירונג ווערט זי
נישט איבערראַשט. זיין צ רטלעכקייט נעמט זי גלייכגילטיק.
און אַז איך קום אַריין צו זיי, נעמט אַלץ שפּילן בײַ איר
אין די הענט...

מיט וואָס?
מיט וואָס בין איך אַזאַ גרויסער יחסן? צי נאָר דערפאַר,
ווייל ער איז מיט איר שוין פינף יאָר אונטער איין דאַך און איך
בין אַ נייער מענטש פאַר איר...

פלוצלינג וואַרפט זי אַריין אַ פראַגע:
— האָסט מורא פאַר „אים״?
— מורא האָב איך פאַר זיך... און דו?
— איך טראַכט נישט, איך פיל, נישט מער...

ווער ווייסט צו וואָס מיר וואָלטן זיך דעררעדט, נאָר אין
דער טיר האָט מען אָנגעקלאַפּט: ער איז אַריינגעקומען און צו־
געלאָפן צו איר, געקושט זיך מ ט איר, און זי האָט געהאַט פאַר אים
אַזוי פיל געמאַכטע פריינטלעכקייט.

אין דער רגע איז זי נישט געוואַקסן אין מיינע אויגן.
מיר האָבן פאַרברענגט זאַלבעדריט און אפשר זאַלבעפירט...
מיט אונדז א ז געווען נאָך איינער... דער שקר.

געבליבן צום אָונט-ברויט און ווין געטרונקען, מיט די
גלעזלעך זיך אָנגעקלאַפּט, באמת, פאַרשוועכט דעם לוסטיקן ווין...
איך טראַכט שטענדיק, אַז ער איז גוואַלטיק זיכער אין
זיין גליק.

גליק מאַכט נאַריש אַ מענטש...
און אַ נאַר מעג מען נאַרן.

נאָר יעדע חיה, יעדעס נפש האָט אַן אינסטינקט צו יעדער סכנה... אפילו מיין פריינט.

אין אַנדזערע אָפטע שמועסן האָבן מיר זיך נישט לאַנג דערדערט:

ווען אייפערזוכט, ווען ליבע, ווען פראַט און נקמה.

ער האָט זיך אויסגעדריקט:

— ווען אַ ווילדער כונכוז אָדער האָטענטאָט פארגוואַלטיקט מיין פרוי, וואָלט איך עס אָנגענומען פאַר אַן אומגליק, ווע זי וואָלט בעפערלעך קראַנק געוואָרן, אָדער געשטאָרבן, וואָלט איך עס אָנגענומען פאַר גאָטס שטראָף... נאָר ווען אַ פריינט מיינער, אַ פריינט, וואָס דריקט יעדן טאָג מיין האַנט, ווע ער נאַרט באַ מיר אַרויס מיין גליק, מיין האָפנונג... דאַמאָלס וואָלט איך מיט אַ גזלנישע רו־קייט גענומען אַ גאָלמעסער אין האַנט... אָלץ איינס: פאַר אים, צי פאַר זיך אַליין... אַן בלוט וואָלט זיך עס נישט געענ־דיקט.

איך האָב דערביי עפּעס געשטאַמלט: געזאָגט אים, אַז ער איז צו שטרענג צו זיך און צו אַנדערע, נאָר דער עיקר: איך בין געוואָרן זייער אויפמערקזאַם צו זיינע ווערטער.

איך קען אַנדערש די זאַך נישט פאַרשטיין. ער איז אומ־רויק צוליב מיר און זיין פרוי.

מיין לאַגע איז נישט פריילעך.

איך האָב פאַר זיך דריי וועגן — וועלכן זאָל איך אויס־קלויבן?

אַוועקגיין, וואָס גיכער אַוועקגיין.

דער וועג איז דער ריכטיקסטער, נאָר מיין האַרץ זאָגט אונטער, אַז אויב איך בין ביז איצט דאָ פאַרבליבן, וועל איך שוין ווייטער בלייבן.

דער צווייטער וועג: גנבענען, פאָרזיכטיק גנבענען. באַ דעם וועג אָבער וועל איך האָבן זייער שווערע חשבונות מיט מיין געוויסן.

און איך האָב זייער ליב צו שלאָפן רויק.

בלייבט דער דריטער וועג: אַרויסרופן אים אויף אַן אָפֿענעם קאַמף, פּנים אל פּנים...

אויף דעם בין איך פֿעיִק און פֿאַר אַזאַ קאַמף האָב איך קיין מורא נישט...

אָבער, וואָס וועט זיין מיט „איר?" צי איז זי פֿעיִק אויף אַזאַ אָפֿענעם קאַמף?

פּרויען האָבן אַזוי ליב די מאַסקע, דעם שלייער, דעם שאָטן...

גאַנץ אָפֿט נאַרן זיי צוליבן שקר אַליין און אין נאָמען פֿון שקר...

וואָס וועט זיין מיט איר?

אייגנטלעך איז דאָס אויך בגידה: דער ערשטער שמייכל, דער פֿאַרלאַנג אָפּצוּווּנדערן זיך, מיט דעם פֿאַרקלענערן מיר באַלד דעם ווערט פֿון דעם דריטן, פֿון דעם, וואָס מיר נאַרן, נאָר די קליינע שקרים מוזן אויפֿהערן, בשעת עס קומט אַ קאָמפּליקט, אַ צוזאַמענשטויס...

און עס איז געקומען.

די אַלע פֿילאָזאָפֿיעס וועגן פֿליכט און געפֿיל, די אַלע שטענדיקע שמועסן וועגן רעכט און אומרעכט — אַלץ האָט אין דער רגע געמוזט אויפֿהערן: די פֿרוי פֿון מיין רייכן פֿריינט, די שיינע נירע איז איצט געשטאַנען אין מיין בחורישן צימער.

זי איז אַליין געקומען אָן מיין רוף, מיר האָבן וועגן דעם נישט אָפּגערעדט, קיין רמז זיך אַפֿילו איינער דעם צווייטן וועגן דעם נישט געגעבן.

זי איז געקומען.

רייך געקליידעט, פֿריש, שמעקעדיק, מיט אַן אַנטשלאָסענעם שמייכל אויף די ליפּן...

נאָכדעם שוין, ווי איך האָב איר עטלעכע מאָל געגעבן צו וויסן, אַז פֿון אירע פּרוּוון וועט גאָרנישט אַרויסקומען, נאָכדעם, ווי איך האָב זי מיט אַ כּיוון אויסגעמיטן.

אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז זי האָט פֿון גאָס אַ סך זון מיטגענומען, אַ סך פֿריילעכקייט.

דאָס ווייסע קרוינן־קלייד, דער זיידענער זון־שירם, דאָס לייכ־טע היטעלע, וואָס האָט צוגעדעקט איר אוואַג טוריסטיש קאָפּל — אַלץ האָט גערייצט און דערמאָנט זאַרגלאָזיקייט פון אַ שמעטער־לינג.

זי איז צוגעטרעטן דרייסט:

— איך וועל דיר זאָגן „דו", און דו זאָג מיר אויך „דו".

— וואָס איז דאָס, אַ באַפעל?

— ניין, אַ פאַרלאַנג פון אַ פרוי, וואָס האָט ליב און איז... געליבט.

איך האָב זי באַטראַכט, איך האָב זיך אויף אַזוי פיל פאַר־לוירן פון דעם אומגעריכטן וויזיט, דאָס איך האָב זי אין די ער־שטע מינוטן אפילו זיצן נישט געבעטן.

איצט ערשט האָב איך זיך געכאַפּט:

— זעץ זיך און רעד אָפן, וואָס דו ווילסט פון מיר...

— איך בין געקומען צו דיר און דאָס איז אַלץ.

— אָדער גאָרנישט, — האָב איך געענטפערט.

— דו שפּילסט דיך מיט ווערטער.

— בעסער זיך שפּילן מיט ווערטער איידער מיט זיך אינ־גאַנצן...

זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר און מיט אַ טיפער אויפרעגונג גערעדט:

— הער זיך איין! טעג פאַרגייען, טעג און נעכט... איך בענק נאָך דיר, איך בין נאָך קיינמאָל פון אַ געפיל אַזוי באַהערשט נישט געוואָרן.

איך האָב געענטפערט:

— דו האָסט עס מיר שוין געזאָגט, איך גלייב דיר. ווען מיין געפיל צו דיר ווייסטו אַליין, דו האָסט שוין פריִער גערעדט, אַז דו ביסט געליבט...

— נו?

אָבער איך בלייב בײַ מיינס; דיין מאַן איז מיין פריינט. אַ מענטש, וואָס גלייבט אין מיר, אַ מענטש, וואָס שעצט מיך. איך וויל נישט פאַרלירן אַ פריינט צוליב שקר.

— דאָס איז פּחדנות.

— ניין, דאָס איז מיין שטאַרקער ווילן. צו אַ סך מענטשן זענען מיר גלייכגילטיק, נאָר מיט די, וואָס מיר קומען אין באַריִרונג מוזן מיר אָדער קעמפן, אָדער בלייבן אָפן, אויפריכטיק... פאַר מיר איז אַ פּנים פון אַ מענטש, אַ פּנים פון אַ פריינט אַ שטיק זון, און אויף דער זון וויל איך קוקן מיט אַ ריינעם געוויסן.

זי האָט צוגעקלאַפּט פון אויפרעגונג מיט דעם זיידענעם שירם.

איך פאַרשטיי נישט דיינע פילאָזאָפיעס, נאָר איך פיל, אַז פון דיין זייט איז דאָס פּחדנות...

— שוין צום צווייטן מאָל וואַרפסטו מיר דאָס פאָר.

— איך וועל דאָס טון אַ דריט און אַ פערט מאָל, דו זעסט, איך האָב נישט קיין מורא. איך בין געקומען צו דיר דרייסט און זיכער.

איך האָב אַ ביסל געשוויגן, געווען זיכער אין זיך און דאָך... אַ פרוי... אַ שיינע, אַ יונגע, אַ פרוי, צו וועלכער איך בין גאָרנישט גלייכגילטיק. איך רעד לאַנגזאַם:

— איך אַנערקען, אַז פון דיר איז דאָס אַ דרייסטער טריט, אָבער אין דערזעלבער צייט נישט מער, ווי אַ דרייסטער קאַפּריזער שפרונג. ביסטו אויך גרייט צו מאַכן אַ דרייסטן טריט פון אַ מענטש?

— צום ביישפּיל?

זי איז געוואָרן אויפמערקזאַם, אינערלעך זיך אַ ביסל צעטומלט, קענטיק, אַז זי האָט דערפילט דאָס איך וויל זי צודריקן צו דער וואַנט. געקלאַפּט, ווי פריער, נערוועזש מיטן שירמל און געפאָדערט:

— רעד!

איך האָב זי אויסגעגלייכט, פונקט, ווי איך וואָלט העכער און ברייטער געוואָרן אין דער רגע.

— ביסט געקומען צו מיר, — האָב איך געזאָגט — צו מיר אליין, צו די שטאַרקע מוסקולן, וואָס שלאָגן זיך צליין דורך אַ וועג אין לעבן, צו מיינע אויגן, וואָס זוכן שיינקייט, צו מיין האַרץ,

וואָס האָט נישט קיין מוט צו קלאַפּן פאַרן שקר... צו מיר ביסטו געקומען.

— יאָ, צו דיר...

— דו קענסט מיין כאַראַקטער, האָסטו כאָטש איינמאָל געפילט גענוי, ווער עס זיצט און פאַרברענגט מיט דיר, האָסטו פאַרשטאַנען, וואָס מיר געפעלט אין לעבן און וואָס איך האָב, וואָס איך מייד אויס און וואָס איך זוך. האָסט דאָך געמוזט פאַר עפּעס מיך ליב קריגן... פאַרוואָס?

— פאַר דיין אָפנהאַרציקייט.

— אויב אַזוי, וויל איך דיר עפּעס פאַרלייגן.

— רעד!

— אויב דו האָסט געהאַט מוט אַזוי פיל אין קאָן צו שטעלן, אויב דו האָסט מיך אַזוי ליב, דאַמאָלס פאַרבלייב דאָ... דאָס וועט זיין דער אמת געוואַגטער טריט. פאַרבלייב דאָ מיט מיין גאַנצער אָרימקייט, מיט אַלע מיינע האָפענונגען. איך האָב שטאָלערן שאָלעכץ אַרום מיין האַרץ, אין קען אַ סך פאַרדעקן, נאָר גלייב מיר, אַ סך נעכט בין איך צוליב דיר נישט געשלאָפן. איך האָב דיך ליב. איך האָב עס פאַרשוויגן, ווייל צווישן אונדז איז אַ תהום, נאָר אויב דו ביסט געקומען, קען פון תהום אַ בריק ווערן... מיין לעבן איז נישט לייכט, יעדער טאָג איז אַ קאַמף, יעדע שעה איז אַ געפאַר — אַלץ צו פאַרלירן און באַזיגט צו ווערן. דו מיינסט, אַז דאָס איז אַזוי געשמאַק צו טומלען מיט די מענטשן, רייסן זיך מיט זיי, פּלאָנטערן זיך אין די נעצן פון זייערע רכילות, בערעווען זיך מיט די שטאַרקע און מיט די שוואַכע, און דערנאָך פאַררוקן זיך, ווי אַ בער אין זיין קאַנורע און שווייגן... פאַרבלייב דאָ מיט מיר — אַזאַ פריינט האָסטו נאָך נישט געהאַט און וועסט נישט האָבן, נאָר ווייס, קיין סך פרייד וואַרט דיך נישט באַ מיר, וועסט מוזן פאַרגעסן דיין רייכקייט, דיינע באַוועמלעכקייטן. וועט מען מיך שעלטן, וועלן אַ טייל קללות פאַלן אויף דיר, וועט מען מיך בענטשן, וועל איך זיך טיילן מיט דיר מיט די ברכות. ווייס! איך הייב אָן אַ נייעם, אַ פאַרטאָפּלטן קאַמף מיט מיינע קעגנער. עס קען זיין, אַז דורך דעמדאָזיקן פענסטער וועלן

שטיינער פליען צו מיר און אַ שטיין קען דיך אויך טרעפן... בּיסט גרייט?

— דו האָסט אַזוי פיל גערעדט, אַז איך האָב שוין באַלד פאַרגעסן, צוליב וואָס איך בין אַהערצו געקומען...

— איז דאָס טאַקע פיל גלייכער, פאַרגעס אינגאַנצן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט:

— באַליידיסט מיך...

— מיט אַן אמת?

— דו באַליידיקסט מיך...

— ניין, איך פאַרטיידיק דיך, מיך און אַ דריטן — מיין פריינט.

שפּילן זיך מיט ווערטער, קאָקעטירן איז איצט נישט געווען אויפן אָרט. אַ קאָנקרעטער ענטפער האָט זיך געפאָדערט.

אויף דער גאַס איז פול זון געווען, ליכט האָט זיך אין צי- מער שטראָמענווייז געריסן, און יעדער איינער קען זיך אויסקלויבן: אמת צי שקר, גוטס צי שלעכטס...

די פרוי האָט זיך דערמאָנט איר רייכע היים, פון וואַנען זי איז געקומען... זי זאָל זיך פון אַלץ אָפּזאָגן? אַ זינלזייט וואָלט עס געווען.

און מיט וועלכע רעכט פאָדערט ער זי אַזוי? ווי קומט ער איר צו שטעלן באַדינגונגען, פאָדערונגען?

זי האָט אַרויסגענומען איר פודער און רויזשער, ווי רויק זיך צוגעפודערט. פּלוצלינג דאַכט זיך מיר, אַז זי רעדט עפּעס.

דו רעדסט עפּעס?

— ניין, איך לעק אָפּ די פאַרב פון די ליפּן, צו שטאַרק זיך אָנגעפאַרבט.

— ביסט גערעכט, די זאַכן האָבן ליב אַ מאָס.

שמייכלט זי זיך. ווער ווייסט? אפשר איז דאָס געווען אַ שמייכל פון צאָרן.

איך האָב נישט געוואַרט אויף איר ענטפער. איך האָב אַ ז שוין פאַרשטאַנען אין איר קווענקלען זיך. אין האַרצן איז ב. מיר

אַ צופֿרידנהייט געוואַקסן: צעשטערט איר קאַפּריז... און זיך ביי־געשטאַנען.

מיינע געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעריסן. איך האָב גענומען טראַכטן פֿון מיין מאָרגן, פֿון מיין אַרבעט. אויף אַ סעקונדע האָב איך אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דער פֿרוי.

זי האָט געמיינט, אַז איך טראַכט פֿון איר... אפֿשר וועל איך נאָך אַנדערש ווערן? מיט אַ שטיל באַזיגטן טאָן האָט זי גע־רעדט:

— אַ וועלט מיט מענטשן לעבן אַנדערש. מען נעמט, וואָס עס מאַכט זיך, מען גנבעט, מען לייקנט, מען גייט־אַנטקעגן יעדן פֿאַרלאַנג...

איצט האָב איך שוין גערעדט מיט אַ לייכטער בייזקייט.

— אַ וועלט מיט מענטשן, זאָגסטו? ניין, אַ וועלט מיט נולן... איינער טוט נאָך דעם צווייטן און דער דריטער טוט נאָך די ערשטע צוויי... אָט אַזוי ווערט באַשאַפֿן דיין „וועלט מיט מענטשן“... זעלטן ווען אַ באַגייסטערטער איינס שטעלט זיך אין פֿראָנט פֿון די מיליאָנען נולן...

— און דו ווילסט עס זיין איינער פֿון די איינסן.

— איך? איך ווייס אַליין זאָך... איך וויל קיין נול נישט זיין.

געוועזענע.

ער זיצט אין גאָרטן, רויק, גלייכגילטיק צו אַלץ. דאַכט זיך, אַז ער איז אין כּעס אויף די צענדליקער יאַטלעך, וואָס טומלען דאָ אַרום מיט רייפן, מיט טאַטשקעלעך, ווי גרויסע שמעטערלינגען שוועבן זיי אין די גרינע שאָטנס און פאַרשרייען דעם נאָענטן רויש פון די גאַסן.

פרילינג. די אַלטע, גרויסע קאַשטאַנעס האָבן זיך שנייִק צעבליט און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אַ געדיכטן שאָטן.

פרילינג... און דער מאַן, וואָס זיצט דאָ אויף דער באַנק אַליין און קלאַפּט מיטן שטעקן אין זאַמד — צו אים איז שוין צוגעגאַנגען דער האַרבסט, ער האָט שוין אַ סך דורכגעלעבט... און געבליבן אַליין.

מיט די יאָרן וואַקסט די איינזאַמקייט. מיט דער איינזאַמקייט — דאָס שווייגן. אַלץ איבערגעשאַצט, און אָפּגעזאָגט זיך פון אַלץ, וואָס מען קען נישט דערגרייכן.

אויף די צוגעמאַכטע ליפּן לייגט זיך אָפּט אַ שאָטנדל פון אַ שמייכל... דערמאָנט זיך אוודאי איצט?

וואָס דערמאָנט זיך אַן אַלטער בחור? פאַרגאַנגענע שטורעמס, נעכט, באַגעגענישן?

געווען טעג און נעכט פון זיג...

פאַרהאַן וואָס צו דערמאָנען — נאָר צי איז דען פון דעם גרינגער דאָס איינזאַמע לעבן?

פאַרשווינדט דער שאָטנדיקער שמייכל פון זיינע ליפּן. ערנסט ווערט דער מאַן: דאָס שענסטע איז שוין געווען פון לעבן, נישט אַלע קענען זיך באַנוגענען מיט דעם געווייטלעכן, וואָס דאָס לעבן וואַרפט צו...

בייז, שווייגנדיק ווערט דער מאַן.

פּלוצלינג קומט צו לויפן צו זיין באַנק אַ יינגעלע פון אַ יאָר פיר.

— וויפיל איז דער זייגער? זאָל דער פאַן זאָגן.

און ווען ער באַקומט אַ תשובה, אַנטלויפט ער צו זיין מו-טער, וואָס זיצט אויף דער צווייטער באַנק.

דער ערנסטער מאַן הייבט אויף די אויגן און קוקט נאָך דעם יינגל... פּלוצלינג ווערט ער לייכט צעטומלט, הייבט אויף די האַנט און נעמט זיין הוט... ער באַגריסט זיך מיט דער פרוי, צו וועלכער דאָס יאַטל איז פריילעך צוגעפאַלן.

זי איז אַ רגע איבעראַשט... איין רגע, און באַלד באַרויקט זי זיך...

נאָר פאַרוואָס איז זי אין דער קורצער רגע אַזוי רויט גע-וואָרן? דאָס גאַנצע בלוט איז איר אין פּנים אריין, פּונקט ווי רויטע רויזן האָבן אירע באַקן געגומען בליען.

מער נישט...

קיין איין בליק האָבן זיי מער איינער דעם צווייטן נישט געשענקט. די פרוי האָט זיך פאַרנומען מיט איר קינד. דער ערנסטער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און איז לאַנגזאַם אוועקגעגאַנגען.

גייענדיק האָט ער צו זיך ווידער געשמייכלט. עס איז אים גוט געוואָרן אויף דער נשמה, ער האָט אַלץ געטראַכט פון דעם בלוט, וואָס האָט פּלוצלינג געגומען שפּילן אויף אירע באַקן...

מיט זיבן-אַכט יאָר צוריק איז דאָס געווען. דייער זומער אין די בערג, זייערע נעכט... נישט אומזיסט איז זי אַזוי רויט גע-וואָרן.

און איצט האָט זי שוין חתונה געהאַט, האָט שוין אַ קינד.
זי איז אַוועק מיטן שטראָם, מיט אַלעמען, מיט אַלעמען...

ער באַגעגנט אָפט אַזעלכע „געוועזענע".

געוועזענע יאָרן פון זיין יוגנט, פרייד פון זיינע פאַרגאַנ-
גענע פרילינגס...

אַ שטיקל טרייסט, וואָס זיי ווערן נאָך רויט אַמאָל, זיינע
פאַרקנסטע געליבטע...

דאָס לײדיקע ציפּערבלאַט.

פאַ־האָן נעכט אויף דרום, בשעת אַלע זעגען וואַך

קײנער מיט קײנעם האָט נישט אָפּגערעדט, און אַלע זענען זיך צוגעמעגט ומען.

טירן, פענסטער זענען אָפן, און מענטשן בלאָנדזשען, ווי שיכורע...

אין די גערטנער אָדער באַם ברעג פון ים... אין די רעס־טאָראַנען שפּילט מוזיק, הילכיק, ווילד. דער דיריזשאָר צעבערעכט נישט ווילנדיק זײַן שטעקעלע פון אַ צו־שטאַרקן קלאַפּ, הײַנט דיריזשירט מיט אַלעמען די צעפּלאַמטע נאַכט.

אַ צווײַטער דיריזשאָר איז אַרויף אויף אַ טישל צווישן די װײַן־פלעשער און ער דיריזשירט מיט די פיס...

הײַנט בין איך אויך אין דער געזעלשאַפט פון די נישט־ניכטערע, איך בין אויך גרײט איבערצוקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ...

פון טישל צו טיש.

איך טראָג אַ גרויסע פלאַש ווײַן, און באַ וועמען דאָס גלאָז איז לײדיק, מוז עס דורך מײַנע הענט פול ווערן.

אך זינג און איך לאַך. די אויגן מײַנע לאָז איך נישט אַראָפּ
פֿון דאָמי.

איצט איז זי נאָך שענער.

לעבן איר איז שוין היינט אַ נייער קרבן, און דער פֿריִער־
דיקער. דער אַקטיאָר, גייט אַרום ווילד. דער איינציקער איז ער,
וואָס טרינקט הייגט נישט.

איך פֿאַרשטיי אים...

מיט א חודש צוריק בין איך אַליין אזוי אַרומגעגאַנגען.

איצט טרינק איך, איך שאָקל מיך שוין און מיט מיר שאָקלט
זיך די גאַנצע וועלט.

מיטאַמאָל בלייב איך שטיין רויק.

פּוסט און רויק, ניכטער...

אינגאַנצן ניכטער.

דורך די ביימער אין גאָרטן האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן
די קאַלטע לבנה.

דער טויטער זייגער פֿון דער וועלט.

דאָס ציפֿערבלאַט אָן ציפֿער.

אַ היפּנאָז, אַ גלייכגילטיקער באַפֿעל, און איך פֿאַרלאָז דעם
גאָרטן־רעסטאָראַן מיטן לאַכעדיקן עולם.

ערשט ווייט, אויפֿן באַרג, אונטער די ווילִיעס, כאַפּ איך זיך,
אַז איך טראָג מיט זיך אַ פֿלאַש, אין וועלכער עס איז נאָך דאָ
גענוג ווײַן.

לאַך איך זיך פֿונאַנדער, און די לבנה קוקט אויף
מיר...

דער ווייסער, דער אייז־קאַלטער זייגער פֿון הימל...

אך לאַך... פֿאַרוואָס לאַכן זי נישט מיט, די לבנה?

עס איז נאָך נישט שפּעט, און עס איז שוין נישט
פֿרי.

איך זע פֿאַר זיך פֿון דעם באַרג די גאַנצע טויטע וועלט,
די איבעריקע גרויסע העלפֿאַנט־בערג, ריזן מיט שטיינערנע רוקנס,
איך זע דעם נאַכטיקן ים, ווי גרויס ער זאָל נישט זײַן — די

לבנה האָט פאַר אַלעמען ליכט. איך זע, איך פיל דאָס גרויסע שווייגן, און כּל זמן איך טראַכט נישט פון די מענטשן, בין איך פאַראייניקט מיט דער אייביקייט, מיט אַלע שטומע סטיכיעס, איין געדאַנק מיינער, אַ געדאַנקלאָזער געדאַנק, אַ גופיל אַ פאַר־שטיינערטער פאַלט אויף די שטיינער, באָדט זיך אין ים און שוועבט מיט זיין גאָרנישט אין דער לופט, איך בין נישט מער „איך", איך בין צייט...

און די צייט איז צייטלאָז...

ווי לאַנג בין איך אוועק פון מיינע וויין־חברים? מיט צוואַנ־ציק מינוט צוריק... ניין! מיט טויזנט יאָר צוריק? ניין! איך האָב קיינמאָל קיין חברים נישט געהאַט...

איך האָב שטענדיק ליב געהאַט דאָס קאַלטע פּנים פון דער נאַכט, דעם טויטן ציפערבלאַט...

און זי מיך? זי שווייגט...

וואָלט די פלאַש ווין צו איר דערפליען...

עס פאַלט אָבער אַראָפּ צוריק אויף דער ערד...

בע, מע, שטומע לבנה! איך וויין דיר אַ צונג און דו קענסט מיר אפילו נישט ענטפערן...

מיט לאַנגזאַמע שטראָמען רוקט זיך צו מיר אין דער נשמה דיין געשטאָרבענע גלייכגילטיקייט.

דו האָסט איין אויג און דו קוקסט אויף דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז דיין איינציקער באַרוף: קוקן אויף דער וועלט.

און אין דעם וויל איך דיר נאָכטון.

לעבן מיט אַזאַ גלייכגילטיקע הנאה, ווי דו...

קוקן אויף מענטשן און שטיינער מיט דיין אויסגעלאָשענעם קאַלט־בליק.

נישט ציילן די צייט, נישט וויסן די צייט.

איך האָב נאָך קיינמאָל קיין זייגער נישט געהאַט, און דיין פאַרוואָלקנטער אָפּגעמעקטער ציפערבלאַט איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו מיר...

ביסט ליידיק און שטום.

ביסט פוסט און בלייבסט אַזוי פוסט!

איך האָב אָבער מורא, אַז גאָט וועט זיך פאַרגלוסטן עפּעס אָנצייכענען אויף דיין פּנים און דאַמאָלס וועסטו אַלץ פאַרלירן...
בע, מע, לבנה!

זאָלן אַלע מענטשן זיך רייצן מיט דיר, זאָלן זיך אַלע קרוּמען אַנטקעגן דיר מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, און דו וועסט אפילו קיין שמייכל נישט געבן...

ווי גוט עס איז צו פילן דאָס נישט־פילן, די בערג, די שטערן, דער ים באַוועגן זיך מיט דיר אינאיינעם. לאַנגזאַם העכער, ווייטער! ווו אייגנטלעך? דאַמאָלס, ווען פון אַלע פאַרלאַנגען איז איינס דערפילט געוואָרן: רויקייט... און ווען איך וועל אויך און דערפיל זיך אויף ס׳ניי, טראַכט איך פון דאַמי. מיר האָבן זיך ביידע שוין באַגעגנט און איינער דעם צווייטן אָפּגעגעבן אַ קוש, און ווען מיר האָבן זיך בענטער דערקענט, זענען מיר פרעמד געוואָרן איינער צום צווייטן, ווייל די פרעמדסטע זענען די נאָענטסטע, ווייל די געהיימע ביי‏גערי‏קייט איז טויזנט מאָל שווערקער פאַר די צוגעבונדענע יאָרן... איצט, באַנאַכט, פאַרשטיי איך עס.

קאַלך־ווייסער ציפּערבלאַט!

נאָך אַלע געשעענישן, וואָס דער טאָג ברענגט, האָב איך ליב באַנאַכט אַרויסצוגיין אונטער דער שטאָט.

אַרויפגיין אויף אַ באַרג און זיך זען מיט דיר. בשעת איך דערזע דיך, פאַרגעס איך דעם טאָג.

איך קוק אויף דיין ציפּערבלאַט אָן ציפער.

מיין שיפעלע פון רויקייט שווימט צו דיר און דיין שיפעלע פון גלייכגילטיקייט שווימט צו מיר.

ווען די ביידע שיפעלעך וועלן זיך צוזאַמענשטויסן וועט גאָרנישט געשען קיין אומגליק...

ווו בין איך היינט געווען?

אַ שטיקל וואָלקן האָט דיך פאַרשלייערט און אָן דיר... איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט. ווו בין איך היינט געווען?

וועמען האָב איך די האַנט געדריקט? און ווער איז מיט מיר געווען מענטשלעך? יאָ, איך דערמאָן זיך עפּעס, מיט איינעם האָב

איך הייגט גערעדט וועגן די אַלע נאַרישע זאַכן, ער האָט געלאַכט און געזאָגט:

— פאַרשטיי איינמאָל אויף שטענדיק: מענטשלעכקייט, דאָס איז אוממענטשלעכקייט. זיין קול איז געווען אַזוי זיכער, זיינע אַר־גומענטן — די שטאַרקסטע, און איך בין זיך מודה: ער האָט מיך צעטומלט. איך האָב דערפילט פון זיינע ווערטער, אַז איך באַ־דאַרף זיך איינגאַנצן איבערבויען, באַ מיינע פערציק יאָר איז דאָס שוין אפשר צו שפעט...

דאָך איצט, ווען איך קוק אויף דיר און דיין הויכקייט, פיל איך, אַז מיר אַלע דאַרט אונטן זענען אומגערעכט. ווען מיר וועלן אַלע דערפילן דיין שווייגן, דאַמאָלס וועט אונדז לייכטער זיין אי־בערצוקומען דאָס פיזישע גהינום פון דער ערד... איך האָב איצט שוין צופיל געטראַכט וועגן זיך און מיינע שכנים פון טומל, צו־פיל געטראַכט, דאָס האָט מיך אויפגעוועקט, וווּ בין איך דאָ?

לעבן מיר ליגט אַ ליידיקע פלאַש... פון אונטן טראָגן זיך קלאַנגען, מוזיק, געלעכטער, געשרייען...

שטילקייט, און פלוצלינג — אַ שאָס...

לבנה! דו האָסט גאָרנישט געהערט?

דיר איז בעסער פאַר מיר, דו בלייבסט הענגען איבער דער וועלט און רירסט זיך נישט...

איך לויף אונטן...

צו די מענטשן...

ווער? ווער? ווער האָט געשאָסן?

די מוזיק שפּילט שוין נישט, נאָר אַ גרויסער עולם מענטשן... מען טומלט, מען זיפצט...

אַנדערע וויינען.

וואָס איז געשען?

דאָמי...

דער אַקטיאָר האָט זי דערשאָסן, און אייפערזוכט.

איצט ליגט זי אַ טויטע אויף דער ערד.

דאָס לעבן ליגט אויף דער ערד... דאָס לעבן איינגע־

ווייקלט אין אַ זיידן קלייד, פאַרגאָסן מיט בלוט... די טויטע דאַמי.

זי האָט געהאַט אַ גרויסן חסרון, די דאַמי: זי האָט צופיל געשמייכלט, צו אַלעמען געשמייכלט.

אַ שמייכל פון אַזאַ איז סם...

און איינער פון די אָפּגעמטע האָט אין איר געשאָסן.

זי ליגט אויף דער ערד, די אויגן אָפן און לאַכנדיק, אויף אַ העלפט פון די ליפן — אַ שמייכל...

איך קען נישט שרייען, איך קען נישט וויינען, איך קען אַפילו קיין טרייסט-וואָרט נישט אַרויסרעדן, ווייל איך קום איצט פון הויכן באַרג, דאָרט האָב איך שוין פאַרבראַכט, די קאַלטע לבנה האָט כסדר באַלזאַמירט מיין נשמה... מענטשן! איך פיל אייך נישט מיט. אייערע טראַגעדיעס זענען מיר פרעמד. עטלעכע טראָפּנס רויט בלוט... ביינאַכט, ווען די גאַנצע וועלט איז באַגאָסן מיט דער טויטער בלאַסקייט פון דער לבנה, און דער לבנהס שווייגן שווייגט דער טויט-באַשטימטער נעכטן און דער טויזנט-יעריקער מאָרגן. וואָס ווילט איר? איך זאָל זיך צושמידן צו אַ פּיצל ערד, וואָס איז איצט מיט בלוט פאַרשפּריצט געוואָרן און שרייען אויפן קול דאַמאָלס, ווען דאָס גרעסטע פון די גרויסע, ווען די נאַכט שווייגט אַזוי.

דאַמי.

איך וואָלט וועלן, איך וואָלט זייער וועלן, מען זאָל איר קערפּער אַרויפטראָגן אויף יענעם בערגל, פון וועלכן דער שאָס האָט מיך אַראָפּגערופן.

זאָל די לבנה קוקן אויף איר און זאָל די דאַמי קוקן אויף דער לבנה.

פאַר די מענטשן איז זי שוין טויט, נאָר פאַר דעם טויטן ציפּערבלאַט איז זי אייביק, אייביק, ווי אַלע פעלזן פון די בערג, ווי אַלע שוימען פון דעם ים...

ס'איז קיין אומגליק נישט דאַמי! ס'איז נישט קיין אומגליק, בשעת מען שווייגט.

אין גאָרטן טומלט: פּאָליציי, דאָקטוירים, געוויין...

איך גיי צוריק אויף מיין בערגל. עס איז נישט שפעט, עס איז נישט פרי. די גלייכגילטיקע לבנה איז די זעלבע...

דאָס ליידיקע ציפערבלאַט רוקט נישט די ווייזערס.

בע, מע, לבנה! האָסט אפילו דעם שאָס נישט געהערט.

איך שפּאַס און דאָך בין איך דיר מקנא...

אפשר זענען אַמאָל אַלע בערג לעבעדיק געווען, אַלע שטיינער? אפשר האָבן אַמאָל אַלע ביימער געלעבט, געטאַנצט, געזונגען און צווישן זיי זענען אויך געווען שמייכלענדיקע דאַמעס און אייפערזיכטיקע אַקטיאָרן.

נאָר דו, קאַלטע לבנה! דיין טויטער זייגער האָט אויף זיי לאַנג געקוקט, און ביסלעכווייז זענען זיי אַלע פאַרגליווערט געוואָרן.

רו דער ציפערבלאַט!...

די הענער קרייען און רייסן איבער אינמיטן, דער ים דערלאַנגט אַ טאַנץ און בלייבט פאַרגליווערט, אַ ווינטל בלאָזט און ווערט פאַרשווינדן... און מיין האַרץ...

עס הערט, דאַכט זיך, אויף צו קלאַפּן.

דו ווירקסט!

ווערסט אַמאָל די גאַנצע וועלט מיט דיין שווייגן פאַרבאַלזאַמירן.

און דאָמי לעבט שוין נישט...

דאָמי לאַכט שוין נישט.

איך האָב זי ליב געהאַט... וואָס איז דאָס ליבע?

און איך טראַכט נאָר פון אַזעלכע זאַכן...

בע, מע, לבנה! אייפערזוכט... וואָס איז דאָס אַזוינס?

טאַמבורין פון ראַמאָ.

שוין לאַנג... נאָך דאַמאָלס, ווען זי איז יונג געווען, האָט זי זייער ליב געהאַט מוזיק. נאָר באַזונדערס איז בײַ איר טײַער געווען ראַמאָס טאַמבורין. אין דעמדאָזיק: אָריענטאַלישן טאַנץ האָט זי געפונען די העכסטע שיינקייט, די קלאַנגען האָבן גערעדט צו איר נשמה, און איר נשמה האָט זיך געלאָזט פאַנגען...

דאַמאָלס, ווען זי איז נאָך געווען אַ צוואַנציק-יעריק מיידל, ווען חלומות פלעגן קומען פון זיך אַליין.

ווען בײַם קלאַוויר איז געשטאַנען אַ שלאַנקער יונגערמאַן, פאַר וועלכן זי האָט געשפּילט.

זי האָט אים פּשוט פאַרכּישופט מיט איר שפּילן. ער איז שוין פון איר ניט אוועקגעגאַנגען, מיט אים האָט זי חתונה געהאַט, אַ לעבן אָפּגעלעבט, קינדער געבוירן און זיי חתונה געמאַכט.

צו יעדער שמחה פלעגט דער קלאַוויר שפּילן, אַ מאָל זי אַליין, אַ מאָל — איר טאָכטער, נאָר שטענדיק פלעגט זיך דאָס אָנהייבן אָדער ענדיקן מיט דעם וויינענדיקן ניגון פון ראַמאָס טאַמבורין.

ביז דער קאָפּ איז איר גרוי געוואָרן, אויפן פּנים האָבן זיך צעלייגט קנייטשן, אפילו אויף די הענט איז די הויט איינגעצויגן געוואָרן, ווי אַלטער פּאַרמעט. זי איז קענען דער אַלטקייט נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט די יאָרן האָט זי איבערגעביטן די קליי-דער, די פריזור, זי האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער עלטער, עס זאָל נישט זיין קיין שרייאיקער קאָנטראַסט, עס זאָל זיין הארמאָניע.

עס איז לייכט צו באַצירן און צו באַפּוצן די שיינע יוגנט, אַ סך שווערער איז מיט דער אַלטקייט, מיט די קנייטשן. בלויז די רייכע אינערלעכקייט קען שיין מאַכן די אַלטקייט, בלויז נשמה... דידאָזיקע אַלטיטשקע האָט צו אירע אַלטע יאָרן געהאַט גענוג נשמה.

שטיל אָפּגעלעבט אַ לעבן און שטיל דערלעבט דאָס רעשטל, וואָס דאָס שיקזאַל שענקט מיט זיין גלייכגילטיקייט.

אויף דער עלטער האָבן די קינדער זי געשטיצט. זי איז כמעט אַליין געבליבן אין די גרויסע צימערן.

די קינדער פלעגן זאָגן:

— זאָל זי בלייבן אַ באַלעבאָסטע.

אין איר שטוב איז אַלץ אַלט געווען, עטלעכע גאָבעלינען, וואָס די צייט האָט זיי אַ ביסל פּאַרמעקט, אַן אַלטער שפּיגל מיט אַ גאָלד-ראַם, שווערע פּאָטעלן.

די בעטן נידעריקע, ברייטע, געפּאַרבט מיט אַ געלבלעכע מימאָזע-קאָליר. איר שלאָפצימער, וווּ זי האָט געליבט, געזען זענען קינדער געבוירן... אַמאָל דאַכט זיך איר, אַז דאָס איז אַלץ נעכטן געווען און אַמאָל ווידער שווימען די אַלע דערינערונגען אַוועק אַזוי ווייט, אַזוי אַנגסטלעך ווייט, פּונקט ווי אַ שיף מיט דיין בעסטן פריינט וואָלט אָפּגעשווימען... ווייט, מען זעט שוין באַלד דעם רויך אויך נישט.

זי האָט געלעבט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זי איז פון לעבן נישט אָפּגעשטאַנען, ווען אַלץ געוווּסט, גערעדט... אינטע-רעס געפונען אין אַלץ פון היינט, נאָר דערביי פלעגט זי שטענ-דיק צוגעבן:

— אַמאָל איז אַנדערש געווען. געמיינט האָט זי מיט דער

[illegible], אז אמאָל איז מען שענער געווען, אויפריכטיקער, איי-דעלער...

די וועלט צוריקטרייבן האָט זי נישט געקענט, דערפאַר האָט זי אָפּגעהיטן איר אייגן וועלטל, וואָס האָט זיך אײַנגאַנצן קאָנצענטרירט אין אירע חדרים.

יעדע קלייניקייט האָט זי געהיט און געמוזט האָט יעדע זאַך בלייבן אויף דעם אָרט, ווו עס איז מיט יאָרן צוריק געשטאַנען... אַזוי ווי אין אַ מוזעום, און זי, די אַלטע וועכטערין פון מוזעום, פלעגט שפּרייזן פון צימער אין צימער, אויפרוימען, שטויבן און אַמאָל אַ גאַנץ שווערן זיפץ טון.

יונגע מענטשן טראַכטן נישט פון דער עלטער, אָבער די אַלטע, די אָפּגעלעבטע, לעבן כּסדר מיט דער פאַרגאַנגענהייט.

די פאַרגאַנגענהייט איז געשטאַנען אין חדר, אין זאַל, אין שענסטן צימער, ווו דער גרויסער קאַנדעליאַבער איז געהאָנגען.

די פאַרגאַנגענהייט — איר קלאַוויר.

דערזעלבער קלאַוויר, אויף וועלכן זי האָט נאָך געשפּילט בײַ אירע עלטערן, זי האָט דאָרט געשפּילט אין די טרוימערישע שעה פון אַ יונגער פּאַננע, און אויך דעמאָלס, ווען זי איז שוין אַ כּלה געוואָרן.

אַלץ פאַרגעסן, וואָס אַמאָל געווען... דאַכטן דאַכט זיך, אַז אַלץ איז דאָס געווען אַ חלום, אַז זי איז שטענדיק אַזוי אַלט און צעבראָכן געווען, ווי אַ צײַט...

און דאָך... אַמאָל קומט אַ בילד, אַ דערינערונג מיט יעדעס ברעקעלע, זי הערט דעמאָלס דאָס קול פון דער פאַרגאַנגענהייט. זי פילט דײַטלעך אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעלעבט מיט פופציק יאָר צוריק, זי הערט די קלאַנגען פון ראַמאָס טאַמבורין...

זי הערט די ווערטער פון איר חתן, פילט זײַן אָטעם, זײַנע קושן...

— שפּיל נאָכאַמאָל, בעטי! שפּיל, שפּיל...

און באַלד ווערט זי גוטמוטיק-ברוגז אויף זיך אַליין: „פּעו" פּאַסט עס דען? אין די אַלטע יאָרן, וועלכע זענען צוגעדעקט מיט גרויע האָר.

איצט, ווען די צייט איז אַנדערש געוואָרן, ווען די מלחמה האָט אַלץ צעבראָכן און אירע קינדער זענען פאַראָרעמט געוואָרן...

מיז די אַלטע פאַרדינגען די חדרים ווו זי האָט אָפּגעלעבט אירע יאָרן, זי בעט זיך בײַ די פרעמדע מענטשן, מען זאָל נישט צעברעכן דאָס מעבל, און יענע שמייכלען, ווייל יעדעס חפץ האַלט זיך קוים... אַלץ איז אַלט און האַלט־צעפאַלן.

דעם זאַל האָט זי אויך פאַרדונגען. צוויי סטודענטן האָבן זיך אַרייַנגעקליבן.

צוויי לוסטיקע, לעבעדיקע בחורים. זי פלעגט זיך שטענדיק בעטן בײַ זיי:

— דעם קלאַוויר... רירט נישט דעם קלאַוויר!

דער קלאַוויר, דער אַלטמאָדישער, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, טויט־ברוין, ווי־נישט־ווי געפּליצט... האָט פאַרנומען אַ פערטל צימער...

די סטודענטן פלעגן שטיפן, זינגען, בערעווען זיך מיט די קאָלעגן, וואָס פלעגן קומען צו זיי.

אין מאָמענטן, ווען אין זאַל פלעגט צופיל טומלען, קומט די אַלטע צו לויפן, שטייט הינטער דער טיר, און סוף־כּל־סוף קלאַפּט זי אָן און קומט אַרײַן:

— דעם קלאַוויר... איך וויל אייך דערמאַנען, ס'איז מיר זייער טייער. אַמאָל רעדט זיך אויס אין אַלטע נשמה פאַר די יונגע, זי דערציילט פון מאָדנע קלייניקייטן, זי דערציילט פון טאַמבורין ראַמאָ.

אַזוי, אַז חברה יונגוואַרג האָט זיך שפעטער געהאַט פון וואָס צו וויצלען..

— שאַ, קלאַפּט נישט, טומלט נישט... טאַמבורין ראַמאָ וועט באַלד אַרייַנקומען...

יונגוואַרג שפּאַסט. אַלע מענטש האָבן ליב אָפּצושפּאַסן, אין די בעסערע שעהן כאַפּן מיר אַ בליק אין דעם צווייטנס נשמה, מיר זען דאָרט שיינקייט און איידלקייט... אָבער אין אַלגעמיין

איז דאָס זייער ליכט צו שפּאַסן, עס קאָסט גאָרנישט און עס פאַרענטפערט אַלץ.

פון צייט צו צייט פלעגט זי ברענגען דעם „קלאַוויר־דאָק־טאָר", און יענער פלעגט אויספּויקן באַם חולה אַלע ביינדעלעך, אַלע קלאַווישן...

— וואָס ווילט זי, די אַלטע? מען קען מיט דעם קאַסטן גוט אויסהייצן דעם אויוון, נישט מער. אַ סך קלאַוויש זענען אויף איי־ביק שטום געוואָר און אַנדערע האָבן אָפּגעענטפערט הייזעריק, זיי האָבן זיך געבעטן, די טויטע קלאַנגען: „לאָזט אונדז צורו!" בלויז עטלעכע קלאַווישן זענען געווען געזונט און לעבעדיק, און די קלאַנגען פון זיי האָבן דערציילט פון אַמאָליקער רחבות, פון אַ געוונטן דור, פון ליבע־רגעס, פון דעם, וואָס וועט שוין מער צוריק נישט קומען...

אַ פריילין איז געקומען צו די סטודענט, זי האָט געקענט שפּילן, און די בחורים האָבן דערציילט פאַר זייער גאַסט וועגן דער אַלטער, וואָס אַ זעמט נאָך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, און צוגערעדט האָבן זיי דאָס מיידל, זי זאָל עפּעס שפּילן...

זי זאָל שפּילן דעם טאַמבורין פון ראַמאָ. מיט גרויס מאַ־טערניש האָט דאָס פריילין צונויפגעשטוקעוועט פון די טויטע, האַלב־טויטע קלאַווישן עטלעכע פראַזן פון טאַמבורין.

זי האָט געקלאַפּט, געשפּילט, ביז די אַלטע איז אַריינגע־קומען. ווי אַ שאָטן אַרויסגערופן דורך אַ געהיימער קראַפט, ווי אַ גייסט פון יענער וועלט, איז זי אַריינגעקומען אין צימער...

די פריילין האָט געשפּילט, און זי האָט זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, נאָר געשטאַנען פון דער ווייטן... האַלב־טויט האַלב־לעבעדיק, אַ פאַרגליווערטער עקסטאַז איז געלעגן אויף אי־רע ליפּן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צום טאַקט...

צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ. ווי אַן אַלטע צווייג פון אַ בוים, וועלכע גיט זיך אונטער דעם ווינטס קאַפּריז...

די פריילין האָט געענדיקט שפּילן, און די אַלטע האָט גע־נומען רעדן:

— היינט, היינט שפּילט מען אַזוי ווייניק ראַמאַ, באַכן שפּילט מען אויך ווייניק... אַ שאָד, אַ שאָד!...

מען האָט זי געבעטן זיצן... איצט האָט זי אַרויסגערופֿן צו זיך אַ טיפֿן דרך־ארץ.

— אָט דער טאַמבורין... און זי לאָזט זיך דערמאַנען און זי לאָזט צו זיך רעדן, די עטלעכע קלאַנגען האָבן זי אויף אַ ווײַלע לעבעדיק געמאַכט, יונג געמאַכט ביז קינדיש.

טרעפֿט זיך אין אַ צײַט אַרום, צו די סטודענטן איז געקומען אַ חבר, אויך אַ נישקשהדיקער שטיפֿער, ער איז געבליבן בײַ זיי נעכטיקן.

מען האָט פֿאַר אים אימפּראָוויזירט אַ געלעגער אויפֿן... קלאַוויר. דער יונג איז נישט אײַנגעלעגן, ער האָט זיך געוואָרפֿן אויפֿן קלאַוויר, געשפּרונגען גלאַט אין דער וועלט אַריין, געלאָזן זיך טאַנצן...

דאָ, אין אַלטן צימער, וואָס איז פֿול געווען מיט אַלטקייט, האָט די יוגנט נישט געוואָלט שלאָפֿן. געשטיפּט, געשפּאַסט, דערציילט זיך מעשיות, אַנעקדאָטן, און דער יונג... אים ווילט זיך גאָר טאַנצן אויף זײַן געלעגער, אויף דעם האַלב־טויטן קלאַוויר.

פּלוצלינג האָט דער אַלטער ברוינער קאַסטן גענומען זיך וויגן און, אַלע דריי פֿיס זײַנע האָבן זיך אויסגעקוליעט, אויסגעצויגן זיך אויף דער פּאָדלאָגע...

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער, אומגעריכטער קלאַפּ, אַלע לעבעדיקע קלאַווישן צוזאַמען מיט די געדערים פֿון קלאַוויר, מיט די סטרונעס, האָבן דערלאַנגט זייער לעצטן געמיינזאַמען אַקאָרד...

די סטודענטן האָבן זיך לײַכט דערשראָקן, דערנאָך האָבן זיי זיך פֿאַרשעמט און שטום זיך אָנגעקוקט, ווי נאָך אַ גאָטס־לעסטערונג.

אין אַ נאַכט־קאַפּאָט מיט צעשויבערטע גרויע האָר איז די באַלעבאָסטע צוגעגאַנגען אין זאַל... זי האָט געקוקט, ווי אויף דער ערד איז געלעגן דער בר־מינן...

געשטאָרבן דער קלאַוויר, איר לעבן, אירע יאָרן, דער גאַנ־

צער קנויל פון דערינערונגען, אלץ איז פארשוווּנדן געוואָרן...

זי האָט נישט געקוקט אויף די דריי סטודענטן. וואָס איז דער אונטערשייד, ווער עס האָט געבראַכט דעם טויט? דער פאַרלוסט ווערט פון דעם נישט קלענער...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ טיפער אַלטער שטול.

זי האָט נישט געזען די דריי שטום-געוואָרענע יונגע שטיפערס, זי האָט געהאַלטן אירע אויגן אויף דעם ברוינעם קאַסטן, אויף זייגע דריי פיס, וועלכע זענען זיך צעלאָפן איבערן צימער...

געדאַכט האָט זיך, אַז די לעצטע קלאַנגען, דער לעצטער עכאָ פון גוסס-אַקאָרד, טראָגט זיך נאָך אַרום צווישן די טונקעלע ווענט...

די אַלטע האָט זיך אַזוי ווי צוגעהערט: זי וויל זיך עפּעס דערמאַנען, זי וויל עפּעס פאַרגעסן.

געבליבן זענען אירע ליפּן געשלאָסן, אָבער אויך פאַרשלאָסענע ליפּן קענען מורמלען צו זיך אַליין:

— געשטאָרבן, אויף אייביק געשטאָרבן דער טאַמבורין פון רצמאָ...

שפּילצייג.

זי וועט מער נישט שענקען וויפיל עס שענקט דער שטילער־גאָרט אין די יעשען־טעג, כאָטש אַליין איז זי יונג, ווי דער פרילינג.

איך קום טאַקע איצט פון גאָרטן, געברענגט פון דאָרט אַ ביסל שווייגן און אַ ביסל מיש־גאָלד אין דער נשמה — דעם קאָליר פון געשטאָרבענעם זומער.

אירע האָר האָבן אויך אַזאַ קאָליר, און אפשר דערפאַר האָט עס מיך געצויגן צו דער יונגער סטודענטין.

זי איז אַ רויקע. זי לעבט פאַר זיך און אין זיך. איר האַלבער שמייכל באַרויקט מיך, כאָטש אין מיין רויקייט לעבט אַ ביסעלע אומרויקייט...

— זי — אַ פרוי, שלאַנק, יונג, בויגיק און אָן וועלכן עס איז געדאַנק צוריקגעהאַלטן.

זי האָט שוין איינעם ליב. איינמאָל האָבן זיי זיך דערקלערט אין דעם, אָפּגערעדט, אַ וואָרט זיך געגעבן, און מיט דעם איז פאַר איר אַלץ געענדיקט געוואָרן.

ווען אַן אומגליק זאָל געשען, ווען איר געליבטער זאָל אומ־

קומען, דעמאָלס וואָלט זי אַ גאַנץ לעבן אָפּגעוויינט און געשטאָרבן מיט איר ליבע...

די אַלע זאַכן זענען געוויינטלעך, און דאָך איז זי אַ מאָדנע פרוי, אַ פרוי פון געציילטן מין.

זי איז די פרוי פון „איין ליבע" און זי איז אַבסאָלוט נישט שולדיק, וואָס איר שמייכעלע שמייכלט אויך צו פרעמדע, צו אַזאַ פרעמדן, ווי איך בין פאַר איר.

דאָס איז נישט קיין שמייכל, דאָס איז אַ בלימל אין גאָרטן, דאָס איז אַ ברעקל בלוי-הימל, וואָס רייסט זיך דורך די וואָלקנס, דאָס איז נאַטור, ריין גאָלד, נאַטור פון אַ שיינער פרוי באַמערקן מיר אַזאַ מין שמייכל, שטעלן מיר זיך אָפּ, מיר פאַרגעסן די גאַנצע וועלט, מיר שלאָגן כּפּרות מיט אַלץ, מיט אַלעמען, מיט זיך אַליין...

זי איז אָבער רויִק, אַזאַ רויִקייט, וואָס שמידט דיין פאַרלאַנג... דעמאָלס, ווען דו קומסט מיט פייער, רירט עס זי, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, און דו ווערסט צעטומלט, ווערסט בייז, אויפגערעגט בייז... דו באַרויִקסט דיך אַליין און ווערסטו נייגיריק, נעמסט גאָר פאָרשן, אָנשטאָט אויסצושטרעקן די אָרעמס קוקסטו מיט די אויגן, באַוואונדערסט און וואונדערסט דיך... שלאַנק, שיין, יונג, בויגיקע אַקסלען... דיין טיף, צו אַלדע שוואַרצע יאָר! פאַרברענגען מיט אַזאַ איינער אין איין צימער, אַ סך מאָל פאַרברענגען און קיין מאָל נישט צוטרעטן אַ ביסעלע נענטער און קיינמאָל נישט אַרומנעמען. דאָס איז דאָך באמת אַ שדים-שפּיל, אַ קאָמעדיע-שפּיל פון פרומקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. און דאָך קום איך שטענדיק מיט די זעלבע פאַרלאַנגען און גיי שטענדיק אַוועק מיט דעם זעלביקן גאָרנישט...

איך האָב געטראַכט זי צו דערגרייכן... צום אָנהייב. דערנאָך האָב איך געטראַכט זי צו פאַרלאָזן, אויפהערן צו טראַכטן וועגן איר, איצט וויל איך מיר איינרעדן, אַז זי אינטערעסירט מיך אַלס „טיפּ". איך לערן זי, איך ווער פּסיכאָלאָג... אַ נעבעכיקער טאָג! זי האָט אַ צו שיינעם קערפּער און פון אונטער דעם קרעפּ-

דע-שין טייטלען זיך אויס צווי שפיצעלעך, וועלכע קריכן אריין אין אלע געדאנקען... אויף אזא ברוסט איז מעגלעך צו פארגעסן אלע צרות. נאר זי טראכט פון איינעם, בלויז פון איינעם, און די איבעריקע צייט פארשפילט זי זיך מיט דער גרעסטער לייכטזיניקייט.

איך קום איצט פון גארטן. א שטיק נשמה מיינע איז דארט געבליבן. אויף די גאלדענע טעפיכער האט זי זיך אויסגעשפרייט. א שטיק נשמה פון גארטן האב איך מיטגענומען פאר זיך, אך האב אויפגעגעסן מיט מיינע אויגן די הארבסט-פארבן...

איך רעד איצט פאר איר אויס מיין פארוואונדערונג פון דער נאטור, פון אירע קאפריזן, וועלכע דריקן זיך אויס אין בליען און וועלקען...

און מיין סטודענטין זיצט האלב ליגנדיק אויף א נידעריקער אטאמאנקע און שפילט זיך מיט קינדערישע שפילצייגן. שטענדיק, ווען איך זע איר זיך שפילן מיט דעם שפילצייג, חילט זיך מיר גוטמוטיק לאכן...

דאס זענען פארבליבענע שפילצייגן פון איר קינדהייט, זי האט מיר שוין וועגן דעם דערציילט:

— די שפילצייגן, די קינדערישע לאזן מיך צו ערנסט נישט ווערן... אט די בערעלעך, די פערדעלעך, די מאלפעס מיט די ליאלקעס — די אויגן מיינע פאלן אויף זיי, אזעלכע ווייכע אנגעשטאפטע חיהלעך... יעדע איינע פון זיי לאזט באזונדער טראכטן, דערמאנט עפעס. איך וואלט אייך אויך געראטן אנצוקויפן א פולן צימער מיט אזעלכע קינדערישע נארישקייטן, די אויגן אייערע וואלטן דאמאלס אזוי טרויעריק נישט געווען.

— מיר וועט עס שוין נישט העלפן.

— פרוווט! — זאגט זי צו מיר. און מיר האבן שוין א טעמע צו רעדן. איך צינד זיך אפילו לייכט אן און איך רעד זיך אויס:

— עפעס געדענקט זיך מיר: פון די ווייניק-געציילטע שפילצייגן אין מיין קינדהייט, געדענקט זיך מיר א ציגיינערל. א ווילד

נפשל איז דאָס געווען: זעץ איך אים אַוועק — פֿאַלט ער אום; לייג איך אים אַוועק — שפּרינגט ער מיטאַמאָל אויף, רייד איך אַ זיין גומען בייכל, גומט ער פּייפן... און אַז איך האָב געפֿרעגט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ ציגיינער, האָט מען מיר געענטפֿערט:

— אַ ציגיינער לעבט אין פֿעלד, אַ ציגיינער וואַנדערט שטענדיק, ער וויל קיינעם נישט פֿאָלגן, אַ ציגיינער איז שטאָלץ און דרייסט, אַ ציגיינער זינגט זיינע פֿרייע לידער אונטערן פֿרייען הימל...

אַזוי גאָר. איך האָב געהאַט פֿון וואָס צו טראַכטן, נישט געוואָלט זיך מודה זיין פֿאַר קיינעם, אַז איך בין אים מקנא, איך טרוים פֿון ציגיינער... אָט אַזאַ חברה־מאַן ביסטו, איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס ער וויל נישט זיצן, בשעת איך זעץ אים אַוועק... ער וויל זיין פֿריי. יאָרן זענען געגאַנגען — מיין ציגיינער איז שוין היינט אַן אַנדערער, איך האָב אים אויסגעדרעסירט, מיין ציגיינער שפּרינגט שוין נישט און ער פּייפֿט שוין נישט, מיין ציגיינער מאַניקירט היינט זיינע נעגל און טראָגט אַ מאָדערנע שלייף. ווו מען באַדאַרף, פֿאַרנייגט ער זיך העפֿלעך און ווו מען מוז, פֿאַרנייגט ער זיך צוויי מאָל. מיין ציגיינער איז היינט בײַ זיך אַליין אַ שקלאַף, ווייל ער איז אַ שקלאַף בײַ אַלעמען.

אָבער צוליב וואָס דערצייל איך איר די אַלע זאַכן? זי הערט און רעאַגירט נישט. בשעת איך רעד מיט איר, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך רעד מיט זיך אַליין אָט אַזוי, ווי מען רעדט מיט די געדאַנקען אין אַזאַ רויִקן גאָרטן, פֿון וועלכן איך בין איצט געקומען.

אפשר איז דאָס דערפֿאַר, ווייל זי האָט אַזויפֿיל שפּילצייגן אייגענע, אינטערעסירן זי דעריבער ווייניקער דעם צווייטנס נאַרישקייטן? צופֿיל לעבט זי מיט איר נעכטן, מיט איר קינדהייט.

ביין!

זי איז דאָך דערוואַקסן, רעדט אָפֿט זייער פֿאַרנונפֿטיק, זי — אַ סטודענטין, לערנט פֿילאָזאָפֿיע.

זי רעדט וועגן איר לערנען:

— איך לערן און איך לאך פון די אלע פילאזאפיעס. ווען די מענטשן זאלן פאלגן אלע זייערע לערערס, וואלט די וועלט שוין לאנג געווען איין גרויס משוגעים־הויז.

— אנדערע זאגן, אז דאס איז שוין אזוי.

— ס׳קען זיין... אפשר? אט שפיל איך זיך מיט קינדערי־שע שפילצייגן.

— און איך באנד שע לאנגע שעהן אין די איינזאמע ווינק־לען פון אונדזער שטאט, אין די פארקן, וו נאר מיינע פיס צע־טרעטן דאס טויטע געלד.

זי שמייכלט און רעדט:

— יא, יא, עס קען זיין, אז דאס איז אויך משוגעת.

— ס׳קען זייער זיין.

— אוי דערוויייל.

— וואס פארלאנגט איר?

זי ווייזט מיר אן אויף דער אטאמאנע.

— זעצט זיך אוועק אויף די קישעלעך, נעמט און שפילט זיך מיט די אנגעשטאפטע בערעלעך, און איר וועט נישט רעדן קיין נארישקייט.

— און איר וואס וועט טון?

— איך וועל שרייבן א בריוו צו „אים", איך שרייב צו אים טאג איבער טאג.

לאך איך:

— אזוי האט די ליבע אייערע אויסגערעכנט: „טאג איבער טאג". פ רוואס נישט צוויי מאל אין איין טאג? פארוואס נישט איין מאל אין צוויי וואכן?

— שפילט זיך מיט די בערעלעך!

און זי שרייבט שוין. איך בין גארבישט קיין בעלן צו וויסן, וואס זי שרייבט צו איר חתן. עס דאכט זיך מיר, אז איך ווייס די בריוו אויף אויסנווייניק.

אין אזעלכע רגעס פון „בריוו־שרייבעריי", ווערט זי קלע־

נער אין מײַנע אויגן, אומדײַטלעכער, און איך דערפֿיל, אַז איך באַדאַרף דאָ נישט קומען, איך האָב דאָ נישט צו וואָס צו קו־מען...

איך האָב נישט קײן חשק זי צו שפּילן מיט איר שפּיל־צײַג, איך גײ צו צום פֿענסטער. אונטן איז די גאַס שוין באַ־לויכטן, אַ טראַמוויי שטעלט זיך. מענטשן אַרײַן און מענטשן אַרויס. עס גייט דאָס אויטאָמאַטישע גאַס־לעבן. מענטשן פֿאַרלירן זייערע געשטאַלטן. וואָס לענגער איך קוק אויף זײ — אַלץ גרויער ווערן זײ און אַלץ גרויער ווערט מיר אינעווייניק. הייב איך אויף די אויגן אין דער הייך. דער אַלטער הימל מיט די אַלטע שטערן. קלײנע און גרעסערע שטערן, און דער קאָנטראַסט פֿון זייער גרויס גיט מיר פֿון עפּעס צו טראַכטן: איך — אַ מענטש פֿון הײַנטיקן דור בין פֿאַרנומען מיט אַזאַ פֿראַגע: פֿאַרוואָס איז דער וועלט־באַשעפֿער געווען אַזוי נישט דעמאָקראַטיש? פֿאַרוואָס האָט ער באַשאַפֿן קלײנע און גרויסע שטערן? העלע און בלייכע שטערן? און ווען וועט דאָרט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע פֿאַר גלײַכהייט אין הימל־רוים?

זי האָט איר בריוו געענדיקט פֿריִער איידער איך האָב גע־פֿונען אַן ענטפֿער אויף מײַנע הימל־פֿראַגן.

זי פֿרעגט:

— וואָס קוקט איר דאָרט אַזוי לאַנג אין פֿענסטער?

— אויף די שטערן קוק איך.

רעדט זי איצט צו מיר אין נאָמען פֿון דער צײַט:

— איר קוקט נאָך אַלץ צו די שטערן? איצט אין אַזאַ וווּנדערבאַרע צײַט, ווען דער מענטש באַווײַזט אַזוי פֿיל וווּנדער אויף דער ערד?

— איך ענטפֿער:

די שטערן זעבען אַזוי ווי די מענטשן: זײ זאָגן אַלץ צו און גיבן גאָרנישט, נאָר מיט איין אונטערשייד: זײ נעמען אויך גאָרנישט צו, און די מענטשן... איר ווייסט?

זי הייבט זיך אויף פֿון איר אָרט און נעמט שפּרייזן צום

פענסטער, צו מיר. ס'איז אָנהייב נאַכט. אין אַזאַ רגע טאָר אַ אַ פרוי מיט אַ מאַן נישט בלייבן אין איין צימער, אויב זיי זענען נישט פאַרליבט, אויב זיי שטרעבן נישט איינער צום צווייטן, ווייל דאָס זעט אויס, ווי אַ באַליידיקונג, ווי אַ לעסטערונג, ווי אַ זגלאָזער אויף צו להכעיס.

אָט אַזוי: נעמען דיך אויף די הענט און צוטראָגן צו דיין געלעגער, קושן דיך מיט דעם גאַנצן אומעט, מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון מיין רייפיקייט, און דו זאָלסט שווייגן און דו זאָלסט געהאָרכזאַם זיין, אפילו דיין אויפגעוואַכטע ווילדקייט...

ווייל דאָס איז דיין באַרוף: באַזיגט צו זיין אין מיינע אָרעמס.

זי קומט צו צום פענסטער, קוקט אַראָפּ און פרעגט:

— פאַרוואָס זענען מיר נישט דאָרטן אונטן, אין טומלדיקן שפּאַציר?

— ווייל מיר זענען דאָ?

— און וואָס טוען מיר דאָ.

— איר שפּילט זיך מיט די ליאַלקעס. איר שרייבט בריוולעך...

— און איר?

— איך צאָל זיך אַליין מיט לאַנגווייליקייט פאַר מיין טעות.

זי פאַרשטייט, צי זי פאַרשטייט נישט. זי גייט צו צו דער וואַנט און צינדט אָן נאָך אַ ן עלעקטריש לעמפּל. אין צימער איז שוין גאָר ליכטיק, אַלע ליאַלקעס זענען באַלויכטן.

זי שפּילט זיך שוין ווידער.

— לאָמיר צעשטעלן די חיהלעך אין אַ סדר, צומערשטן גייט די מאַלפּע, דערנאָך די ליאַלקע, דערנאָך...

— פאַרוואָס אָבער שפּילן זיך נישט די ליאַלקעס מיט אונדז? — פרעג איך באַ איר.

— ווייל מיר זענען גרויסע, ערנסטע, בייזע און זי דערלאַנגט אַזאַ שמייכל, וואָס זאָגט צו אַ צוזאָג.

דערפריי איך מיך, נאָר זי צעשלאָגט גלייך מיין פרייד:

— איך וויל אייך איבערלייענען, וואָס איך שרייב צו „אים".

— ניין, ניין! לאָמיר זיך שפּילן מיט די אָנגעשטאָפּטע בע־רעלע, לאָמיר ווערן נאָך אַ ביסל נאַרישער...

דער שנאָרער פון ליבע.

אַ גוטמוטיקער מענטש, ווערט ער בייז נאָר דאַמאָלס, בשעת ער רעדט וועגן די גרויסע ערפינדער פון אונדזער דור. דערמאַנט איר אים דעם נאָמען פון מאַרקאָני אָדער עדיסאָן, ווערט ער אויפגעקאָכט.

ער איז אין כעס און מיט רעכט:

— וואָס מיר אַעראָפּלאַנען, ראַדיאָ! מענטשן באַווייזן אַזעלכע גרויסע וווּנדער און אין דער זעלבער צייט קענען זיי נישט געפינען קיין מיטל צו אַ ביסל האָר, וואָס פעלט אויפן קאָפּ.

ער האַלט נישט פון די אַלטע טעכנישע וווּנדער, ער בייזערט זיך און פאַרקלענערט דעם ווערט פון יעדער נייער ערפינדונג, און כל זמן דער קאָפּ וועט אים בלייבן גלאַט, ווי אַ קאַוואָן, און גלאַנצנדיק, ווי די לבנה, וועט ער אין די אַלע זאַכן נישט גלייבן, און ער וועט זיי נישט אָנערקענען.

אויף דעם אָרט, וווּ עס איז היינט נישטאָ קיין שפּרינקעלע, קיין איין האָר, איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ בלאָנדע טשופּרינע . .

און מיט יאָרן צוריק איז דער מענטש געווען אַ לייב, אַ שמשון הגבור, אַ באַזיגער פון פרויען.

אויף רעכטס און אויף לינקס, דאָרט ווו נאָר דאָס אויג פלעגט אַראָפּפאַלן, דאָרט פלעגט זיך גלייך אָנצינדן יענץ געבענטשטע פייערל, וואָס הייסט ליבע...

זיינע פרילינגס, זיינע אַוואַנטורעס — ער האָט גענוג צו דערמאָנען.

נאָר מיט זכרונות לעבן בלויז די אַלטע, די אָפּגעלעבטע, ער אַליין איז נאָך גענוג יונג און פול מיט לעבן. די אויגן זען נאָך די בלומען, וועלכע ער פלעגט פריִער אַזוי גרינג אָפּרייסן, דאָס האַרץ צאַפּלט אויף בײַ יעדער באַגעגעניש.

וואָס?

ער האָט דען אויפגעהערט צו זיין אַ מבין אויף אַ שיין פּיסל, אויף אַ געטאָקט פיגורל? ער האָט דען אויפגעהערט צו פילן, צו פאַרלאַנגען?

ניין!

פאַרקערט, ער פילט זיך איצט מער מאָן, ווי פריִער. דער שוים איז אַוועק און עס איז געבליבן דער ערנסט, די געניטקייט פון אַ מבין. ער באַדאַרף נאָר אַ קוק טון, איין בליק וואַרפן, און ער ווייסט שוין, וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז, אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם, וואָס ער קוקט, וואָס ער איז אַ מבין... זיי קוקן נישט אויף אים. ווען זיי דערזעען זיין ליידיקן קאָפּ, דרייען זיי אָפּ די אויגן, און אויס, ער עקזיסטירט נישט, ער לעבט נישט, ער פילט נישט.

יעדן טאָג זאָגט אים זיין אייגן האַרץ אָן, אַז ער איז יונג, אַז אַלע אַמאָליקע שיינקייטן האָבן בײַ אים דעמזעלבן ווערט. זיין האַרץ, וואָס ציטערט אויף בײַ יעדע באַגעגעניש מיט אַ פרוי פון זיין געשמאַק, האָט אים נישט אָפּגענאַרט, נאָר דער קאָפּ האָט זיך אויסגעטון נאַקעט, ווי אַן אומבאַרשעמטער צייניקער, עס האָבן אים האַסטיק אָנגעהויבן אויספאַלן די האָר, עס האָט נישט גע־האָלפן די אַלע פלעשעלעך און סלאָיִקלעך.

ער איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ פּליך.

אויף אייביק.

און פון דאַמאָלס אָן האָבן זיינע אויגן אויפגעהערט צו

ווירקן, זיינע אַלע ווערטער און פראַזן, זיינע שיינע זייטן, זיין בילדונג און זיינע וויצן, דער גאַנצער אַרסענאַל פון זיין געווער בלייבט איצט נישט אויסגענוצט.

פאַרטעמפּט געוואָרן.

פאַרפרעמדט געוואָרן.

מען קען קעמפן קעגן חוזק פון אַ יחיד, פון כּלל, אָבער קעגן דעם חוזק פון שיקזאַל איז נישטאָ קיין געווער. אונטערגעבן זיך? אָבער, ווי אַזוי גיט מען זיך אונטער, דאַמאָלס, ווען דו ביסט אינערלעך גערעכט, גערעכט מיט די פאַרלאַנגען, וואָס ברויזן אין דיר, גערעכט מיט ווילן, מיט פילן...

האָט ער זיך געפרוווט זעצן צום קאָרטן־טישל, נאָר באַ אַ דאָן־זשואַן שטאַרבט דאָס האַרץ צוזאַמען מיטן קערפּער, די פּאַפּירענע דאַמען פון די קאָרטן באַפרידיקן אים נישט.

ער זוכט ווייטער, ער גיט זיך נישט אונטער.

ער באַזוכט אַלע בעלער, מאַסקאַראַדן, ער קומט דאָרטן, ווו ער ווייסט פון פריער, אַז קיין פרויען וועלן דאָרט נישט פעלן, נאָר יעדע איינע, וואָס באַגריסט זיך מיט אים, געזעגנט זיך גלייך מיט זיין פליך און שווימט אַוועק צו אַ צווייטן.

ער בלייבט אַליין מער אין דער געזעלשאַפט פון מענער, אויך אַזעלכע מיט גלאַטע קעפּ, אָדער קאַנדידאַטן אויף אַ גלאַטן קאָפּ.

ער איז אַ מבין, אַן אַלטער הינער־פרעסער, הערט מען אויס זיין מבינות, ער הערט אויך אויס צווייידייטיקע וויצן, צו וועלכע ער געוויינט זיך אַליין מער צו. מען דערציילט פאַר אים אַלע געהיימע נייעסן פון פּאַראַט, אַלע אינטריגעס. נישטווילנדיק ווערט ער דער זאַמלער פון די אַלע פרעמדע געשיכטעס און רכילותן.

און ביטער ווערט אים, ווען ער דערמאַנט זיך, אַז פריער האָט ער דאָס אַליין פיינט געהאַט, אַלע מיאוסע רייד וועגן פרויען זענען אים נישט ליב געווען. ער האָט נישט באַדאַרפט: די שיינע זענען פאַר אים גענוג שיין געווען, די מיאוסע האָט ער אויסגעמיטן, און דער עיקר: ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיט די אינטריגעס, מיט די באַגעגענישן. אַלע גענגלעך געוווּסט, אַלע

מעטאָד: בריוועלעך, טעלעפאָנען, אונטערקויפן דינסטן, טעלעפאָ-ניר, בשעת דער מאַן איז נישטאָ אינדערהיים. דאָ זיך מאַכן גוט און אונטערטעניק, דאָרט זיך בייזערן און הערשן. צוגעפּאַסט זיך און איינגעפּאַסט זיך אין פאַרשידנאַרטיקע רעמלעך צוליב איין כוונה: דערגרייכן... קושן די ליפּן פון דער און יענער אומבאַ-קאַנטער, ניי-באַקאַנטער.

איצט איז דאָס אַלץ אַוועק. דאָס לעבן האָט אויפגעהערט צו זינגען און צו שמייכלען. קומט ער, קריכט ער, ווי אַן איבער-ריקער אויף אַלע בעלער אין פאַרווײלונגען. אַמאָל פאַרגעסט ער זיך, אַז דער קאָפּ איז בײַ אים געטאָקט, ער גייט אַריין מיט שטאָל-צע טריט, ער טראָגט זיך אײַנגאַנצן, זיין אַמאָליקע זיכערקייט. פלוצלינג דערהערט ער אַ פראַזע:

— דער פליכטוואַטער איז שוין דאָ. דאָס ווערט געזאָגט שטיל, דיסקרעט, אָבער עס איז שוין אַזוי: אַזאַ פראַזע דער-הערט זיך.

פאַרברענגט ער מיט דעם און יענעם מאַן, וויצלט זיך מיט גאַל-הומאָר און זוכט... דעם נעכטיקן טאָג.

אַזש עס ווערט אים הייס און ער מוז טרינקען אַ קאַלט געטראַנק, פשוט, פאַרטרינקען די צרות.

וואַרפט ער אַ בליק און באַמערקט:

דאָרט זיצט איינע פריי, ער פאַרבעט זי צום טאַנץ און ער איז גליקלעך, וואָס ער שוועבט איבערן זאַל מיט אַלע פאָרלעך צוגלייך. די פיס זיינע טראָגן אים, ווי אַ יונג בחורל, אָבער זיין באַקעטער קאָפּ טיילט זיך אויס צווישן די אַלע קעפּ, פון די, וואָס טאַנצן. עס זעט אויס, ווי אַן אָפּגעשייערטע טאַץ, און באַלד נאָכן טאַנץ ווערט זיין דאַמע אַרומגערינגלט פון פיל יונגע קאַ-וואַליר. ער האָט שוין דאָ נישט וואָס צו מאַכן.

גייט ער צו צו אַ צווייטער און זאָגט אַ וויץ. יענע גיט אַ שמייכל און קוקט צו אַן אַנדערן, בײַ איינער פאַלט אַראָפּ דאָס נאָז-טיכל. ער שפּרינגט צו דער ערשטער און כאַפּט עס אונטער מיט אַמאָליקער פלינקייט, באַקומט ער אַ העפלעכן דאַנק פון איר און פון קאַוואַליער, מיט וועלכן זי שמועסט.

אַ גאַנצן אָוונט מאַכט ער פאַרשידענע פּרוון, וועלכע ענ־דיקן זיך מיט גאָרנישט.

און ווי אויף אַ צו־להכעיס פאַרהאַלטן אים די עלטערע דאַ־מען און ווילן מיט אים פאַרברענגען, רעדן, טרייבן רכילות.

ער באַהאַלט זיך פון זיי. אים ציט צו די יונגע, און אָט, עס גליקט אים אָפּ: איינע אַ יונגעטשקע, מיט לאַכנדיקע אויגן, איינגעוויקלט אין איר מאַנטל, אַנטלויפט עפּעס היינט פריער פון באַל. זי איז אַליין געקומען און איילט אַליין צוריק.

זיינס אַ באַקאַנ ע, און ער יאָגט זי אָן אויף די טרעפּ.

— אפשר באַגלייטן?

— צו וואָס דאַרפט איר זיך באַמיען? אונטן וואַרט אויף מיר מיין אויטאָמאָביל... איבעריקנס, אויב איר האָט אזא פאַר־לאַנג.

ער לויפט שוין נאָך זיין מאַנטל. ער איז שוין דאָ צוריק, ער פאָרט אין אויטאָמאָביל. און דאָ ווערט ער ווידער אין כעס אויף די דערפינדער. דער בענזין טרייבט דעם וואָגן מיט אַ ט ווילישער שנעלקייט, ער באַוויזט זיך נישט אַרומצוקוקן און ער הערט שוין:

— נו, מיר זענען שוין אינדערהיים, מיין שאָפער וועט אייך צוריקפירן. ער פאָרט צוריק. אין אויטאָמאָביל איז געבליבן דער ריח פון איר פּערפום און... אַ ליידיקער פּלאַץ. ער טראַכט, אַז ער האָט גאָר ישט גערעדט, גאָרנישט באַוויזן צו רעדן, ער איז בלויז געזעס, לעבן אַ „יונגע" עטלעכע מינוט, אויסגעשנאָרעט עט־לעכע רגעס, נאָכגעלאָפן, ווי אַ נאַריש יונגל.

ער...

ווער ענס בליק עס איז גענוג געווען אמאָל אָפּצושטעלן די שענסטע, די איינגעשפּאַרטסטע.

ער... ווער עס האָט זיך צוגעפּאַסט פּרויען צו זיין גע־שמאַק, ווי מען קלויבט זיך צו פּאַפּיראָסן, ציגאַרן.

ווי נידעריק ער איז געזונקען, און אַלץ דערפאַר, ווייל די האָר פון קאָפּ זענען אים אויסגעקראָכן.

ער ווערט אַ שונא פון יעדן מאַן, וואָס האָט אַ ביסל האָר

אויפן קאָפּ, ער ווערט איבערהויפּט אַ שונא פון דער גאַנצער וועלט.

און ער באַמערקט אַליין נישט, ווי ער געוויינט זיך צו צו זיין לאַגע, ווי ער פאַרלאָזט זיין אויסערלעכקייט, זיינע בגדים.

ער באַקומט גאָר אַנדערע אייגנשאַפטן. ער האָט ליב שוין שטאַרק צו רעדן אַלע גראָבע וויצן. דערביי לאַכט ער אַזוי געשמאַק, טרייסלט זיך פון געלעכטער, און זיין בייכל טרייסלט זיך מיט. זיין בייכל, וואָס פאַרוגדלט זיך אַלץ מער.

אין די צייטונגען זוכט ער נאָר די סקאַנדאַלן פון מאַן, ווייב און געליבטע, ער האָט אפילו שוין באַוואוסט עטלעכע אַזעלכע פּראָצעסן.

געפאָרן צום ים, און דאָרט האָט ער זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט נאָנט פון דער פלאַזשע און אויף דער פלאַזשע גופא.

מיט נאָך אַזעלכע פליכן און מיט עלטערע שאַרלאַטאַנעס, וועלכע האָבן כסדר באַטראַכט דעם נאַקעטן און האַלב־נאַקעטן עולם.

ער ווערט אַ לייט.

מיאוס געוואָרן זיך? ניין! ער האַלט זיך איצט קליגער פאַר אַנדערע, ער לאַכט אפילו פון זיין שטורמישער יוגנט, זיינע אַלע דערפאַלגן פון אַמאָל... און באַנוגנט זיך מיט אַנעקדאָטן, אין וועלכע עס ליגט אַ האַלב קרענקלעכע תאווה.

ווי אַ שיכור, וועלכער גיסט צונויף פון אַלע גלעזלעך די איבערגעבליבענע טראָפּנס אין זיין גלעזל אַריין.

איצט קומט ער שוין אין קלוב און שפּילט אַ סך אין קאָרטן, גאָר בײַ יעדן גאַנג, בײַ יעדע קאָרט, וואָס ער לייגט אַוועק, מוז ער זאָגן אַ גראָבן וויץ, — אַלע קענען אים פאַר אַ ציניקער.

און אַלע טראַכטן, אַז ער איז גאָר קיינמאָל אַנדערש נישט געווען.

און בשעת ער רעדט און וויצלט זיך מיאוס, פילט מען, אַז

דער מענטש האָט נאָך נישט אַלץ פאַרגעסן, עפּעס לעבט נאָך אין אים און פּייניקט אים.

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שנאָרעט באַ די זכרונות זיי־בע. ער שנאָ־עט באַ יעד צופאַל. פאַרליבט זיך ווער, האָט ווער חתונה, נאַרט ווער אַ צווייטן אין ליבע — ער איז אומעטום פאַר־האַן, ער האָט עפּעס אויסצושנאָרן פון יעדער געשיכטע.

און ענדיקן וועט אַזאַ מיט פאַרנאָגראַפישע פאָטאָגראַפיעס, וואָס ער וועט שטענדיק טראָגן אין בוזעם־קעשענע.

ישויפענסטער.

שוי[illegible]כע יאָר נאָך זייער חתונה. ער האָט נאָך געגוג צערטלעכקייטן פאַר איר. ער האָט זי ליב, זיין ציל פון לעבן איז: זאָרגן וועגן איר.

זי אים האָט אויך ליב, נאָר... איר ליבע וואָלט זי געוואָלט איינוויקלען אין זייד און אין סאַמעט. באַלויכטן מיט אַ ברילִיאַנט, באַגלאַנצן מיט אַ גאָלדן קייטעלע.

און אבּסעלע ב[illegible]ומען.

אָן די אַלע זאַכן זעט די ליבע אויס באַ איר צו בלייך.

זי זאָגט קיינמאָל נישט: איך וויל אַזאַ קלייד, נאָר זי דריקט עס אויס אנדערש.

— איך וואָלט זיך געוואָלט לאָזן מאַכן אַזאַ קלייד, עס וואָלט מיר פיל צוגעגעבן... אמת?

און ער ענטפערט:

— אמת! נאָר וואָס זאָל מען טון, מען מוז נאָך וואַרטן אַ ביסל, די טעג באַקום איך די פאַרטרעטונג פון ווין. איך רעכן, אַז איך וועל גוט פאַרדינען...

— דו רעכנסט און דו רעכנסט...

ער פילט, ווי זי ווערט אין כעס, און דאָס קרענקט אים. וואָס וויל זי? ער זאָל גיין גנבענען.

און דאָס האַרץ פאַלט אים אַראָפּ, בשעת ער הערט פון איר:

— ווען וועסטו שוין אַמאָל רייך ווערן?

נאָך אַזעלכע ווערטער טראַכט ער, אַז ער מוז רייך ווערן, אייל אויב נישט, וועט זי סוף־כל־סוף פון אים אַוועק.

אָבער דאָס אַלץ ענדיקט זיך שטענדיק מיט שלום, ווייל זיי זענען אַ צוגעפּאַסט פּאָרל. זיי באַרויקן זיך.

ער ברענגט אַ בייַשפּיל, אַז מען קען זיין גליקלעך אָן בריליאַנטן. דער עיקר, מען באַדאַרף זיך ליב האָבן.

— אָבער מיט בריליאַנטן איז בעסער!

— נישט אַלעמאָל, טייערע!

הייבט זיך אָן אַ סדרה:

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— האַלטסט, אַז איך בין אָן אויסברענגערין.

— אָבער ניין, ווער זאָגט עס?

— דו זאָגסט עס!

— עס הייבט זיך נישט אָן, איך זאָג מער נישט, אַז דיין ווילן איז רייכער פאַר מיין קעשענע.

— דו װאָלסט װעלן, איך זאָל גיין אין שמאַטעס?

— ניין, אין זיידנס, אין די בעסטע זיידנס... אָבער ווו נעמט מען דאָס?

— דו הייבסט שוין אָן מיט די שטראָף־רייד?

— איך ענדיק שוין.

אָט אַזוי ווערטלט מען זיך איבער, און אַזוי ווי קיין געלט קומט פון די רייד סיי ווי נישט צו, באַרויקט מען זיך סוף־כל־סוף.

שלום־בית.

עס קומען שטילע אינטימע מינוטן. זי פאַרגעסט, דאַכט זיך, די אַלע חלומות פון זיידענע ליידער... שפּעטער וואַרפט זי אַריין פאַרשטיפט און פאַרטרוימט אַ פראַזע:

— אָבער, אַז דו וועסט רייך ווערן, וועסטו מיר אַלץ קויפן?

— יאָ, טייערע! אַלץ, וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען.

און עס קען זיין, אַז זי וואָלט זיך צום סוף באַרויִקט, דאָס לעבן וואָלט זיך איינגעשטעלט בא זיי אין די געוויינטלעכע ראַמען פון טויזנט אַ־דערע אַזעלכע פאָרלעך, וועלכע האָבן זיך ליב און באַנוגענען זיך מיט זייער ליבע.

האָט די שטאָט אָבער גרויסע גאַסן און די גאַסן האָבן שוי־פענסטער.

ליכטיק־באַלויכטענע, גלאַנציק־באַשפּיגלטע וויטרינעס.

אין דידאָזיקע פענסטער, וווּ כּל־טוב איז אַרויסגעשטעלט צו רייצן דאָס אויג, די שוי־פענסטער, האָבן געשפּילט אַ טרויעריקע ראָלע אין זייער ליבע.

ווען איר ווערט לאַנגווייליק — זאָגט זי:

— קום אַרויס אַ ביסל אין גאַס!

— צו וואָס, טייערע?

— מיר וועלן קוקן אין די פענסטער.

עס רייסט זיך עפּעס אָפּ בא אים אין האַרץ. ער ווייסט, אַז זיין שטימונג ווערט פון אַזא שפּאַציר נישט בעסער און די קנאַשנע זיינע וועט פולער נישט ווערן. ער איז שוין אַן אַלטער שונא פון די שוי־פענסטער.

און זיי גייען ביידע, שטעלן זיך יעדע רגע אָפּ... אָט פון דאָזיקן שאָסלענדישן שטאָף וויל זי מאַכן אַ קליידל און דערצו אַ גרינע בלוזע... עס וועט איר קליידן.

אַ פראַגע, צי עס וועט איר קליידן, ער האָט נאָך שענערע איינפאַלן, ער אַליין שאַפט אין פאַנטאַזיע אַלערליי קאָמבינאַציעס, ווי זי זאָל זיך אָנטאָן, זי באַדאַרף איבעראַשן. זיין ווייבל, זיין פרייד, זיין פאָעמע. דאָס אומגליק איז אָבער, אַז דער, וואָס האָט געלט, דער האָט נישט קיין פאַנטאַזיע, און דער וואָס האָט פאַנטאַזיע, דער...

זיי שפּרייזן ווייטער. זיי שפּרייזן אין זיגזאַגן, ווייל יעדע

פאַר טריט איז פאַרהאַן אַ פענסטער, אַ מאַגנעט. עס גיט אַ צי, און סטאָפּ!

און איצט שטייען זיי בײַ אַ פענסטער פון דאַמען־שיך. סאָרטן מוזיקים זײַ זענען די קרעמער. דאַכט זיך, געווייטלעכע שיכ־לע״, לאַקערקעס, פּרונעלקעס... און יעדעס שיכל רעדט צו דיר, צילט זיך צו דיר, די גלאַנציקע פּאַנטאָפל־בעזלעך רייצן... ווען מען זאָל אַזאַ יונג ווײַבל לאָזן, וואָלט זי באַשטימט די אַלע שיך צו זיך אַ היים געבראַכט, און יעדן טאָג, ניין, יעדע שעה, וואָלט זי אַן אַנדער פּאָר אויף אירע איידעלע פיסלעך אַרויפגעצויגן.

— ווי לאַנג וועלן מיר נאָך קוקן אויף די שיך? — פרעגט ער.

— לאָז, איך וויל אויסקלויבן.

ער קוקט זי אָן, און עס דאַכט זיך אים, אַז די אויגן אירע זענען שוין אויף יענער זייט שויב.

— האָסט בײַ זיך געלט?

— איך האָב, נאָר אינדערפרי מוז איך אויסקויפן...

— אויף אַ פּאָר פּרונעלקעס האָסטו קיין געלט נישט, און זי גיט שמייכלענדיק צו: „אויך מיר אַ מאַן“.

אין צוואַנציק מינוט שפּעטער גייען זיי אַרויס פון שיך־געשעפט מיט אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם.

זי טוליעט זיך צו אים, זי שמייכלט, אַ נײַע הויט איז אַרויף אויף איר. ער איז גליקלעך מיט איר גליק. אָ, דאַמאָלס, ווען ער וועט האָבן אַ סך געלט. דאַמאָלס, יאָ! וואָס וועט דאַמאָלס זײַן? ער וועט מיט איר אַרויסגיין באַלד אין דער פרי אין גאַס אַרײַן און פון געשעפט אין געשעפט, פון קראָם צו קראָם, מען וועט האַלטן אין איין קויפן.

און בײַנאַכט?

פאַרוואָס האַלט מען בײַנאַכט געשלאָסן די קראָמען? בײַנאַכט קומען דאָך אַלע פאַרלאַנגען. טרייסט ער זיך מיט דעם, אַז בײַנאַכט וועלן זיי גיין אין די קאַבאַרעטן און באַווײַזן די היטעלעך מיט די שיכעלעך.

פאַרנאַכט, מען צינדט אָן עלעקטרי. די פענסטער ווערן נאָך רייצנדער. אין איין אָרט געפעלט איר אַ בינטער זייד, אין צווייטן — אַ געשטריקטער סוועטער, און לענגער ווי איבעראַל שטייען זיי בײַ די פענסטער מיט דאַמען-היטן. זי רעדט, זי פרעגט עצות, וואָס עס קליידט איר יאָ און וואָס עס קליידט איר נישט. זי פרעגט, און ער ענטפערט, נאָר אין דער אמתן ליגן אים גאָר אַנדערע זאַכן אין זינען, ער טראַכט פון זײַנע געשעפטן, קאָמבינירט און רעכנט, און ער דאַנקט גאָט יעדעס מאָל, ווען זי גייט אַוועק פון אַ פענסטער. מיט אַמאָל שרײַט זי אויס:

— אָי, מימאָזע!

מימאָזע — דאָס איז איר געליבטע בלום. זי שטעלט זיך אַוועק בײַם בלומען-געשעפט, און די אויגן אירע פאַרטרוימען זיך, אַזוי צערטלעך, קינדעריש. זי... זי זעט איצט אַליין אויס, ווי די מימאָזע, און איינס, צוויי — ער איז שוין אינעווייניק אין קראָם, און באַלד קומט ער אַרויס מיט עטלעכע געלע צווײַגעלעך.

פרעמדע מענטשן גייען פאַרבײַ. זיי זעען, ווי ער דער-לאַנגט איר די בלומען, און מענטשן טראַכטן, אַז דאָס איז אַ פּאָרל, וואָס האָט זיך ערשט הײַנט פאַרליבט.

זי באַדאַנקט אים. זי איז גליקלעך.

זעט ער, אַז זי איז גוט געשטימט, פרעגט ער:

— אפשר וועלן מיר גיין אַהיים, כ'בין מיד...

— ניין, נאָך אַ ביסל שפּאַצירן.

און זיי קוקן ווייטער אויס אַלע פענסטער. זי איז נישט קיין עגאָיסטין, זי זאָרגט אויך פאַר אים, פאַר איר מאַן.

— דו באַדאַרפסט זיך מאַכן אַזאַ ענגלישן מאַנטל, און קויפן דעם ברוינעם האַביג-הוט. ברוין קליידט דיר זייער...

— גוט, גוט, — ענטפערט ער.

— ניין, איך וויל דו זאָלסט אויסזען שיין, רײַך... דו ביסט דאָך מײַן מאַן.

— אוודאי, איך וועל קויפן, איך וועל זיך לאָזן אויפ-בייען... — און דער קאָפּ ווערט אים צעבראָכן, ווו וועט ער אויף דעם אַלעם נעמען...

— דו ווייסט — זאָגט זי צו אים, — אַז איך גיי אַרויס אין גאַס, ווער איך לעבעדיקער. און דו?

— איך אויך... געוואָלט האָט ער אייגנטלעך זאָגן: — און איך ווער טויטער... נאָר זי פאַרשטייט זיינע וויצן זייער שלעכט. ווי נאָר עפּעס ווייזן איר זיך טרערן אין די אויגן, האָט ער דאָס נישט ליב און ער באַמקעט-צו:

— יאָ, יאָ...

נאָר ווען ער וואָלט האָבן דערצו מאַכט, וואָלט ער גענו מען אַ האַמער און אויסגעהאַקט די אַלע שויבן, וואָס רייצן אַזוי שטאַרק און גיבן גאָרנישט אומזיסט.

אין דער היים באַדאַרף ער אַרבעטן, מאַכן רעכענונגען פאַר עטלעכע קונדן, און זי האָט שוין דאָ אָנגעקויפט אַ פּאַק מיט פּעק-לעך, וועלכע ער מוז טראָגן...

ער פירט זי אונטערן אָרעם. זי גייט לאַנגזאַם, זי וויל נישט דורכלאָזן קיין איין פענסטער.

וואָס טוט זיך דאָ? ער איז דאָך נישט קיין פּרינץ... ער מוז דאָך אַרבעטן פאַר יעדן גראָשן, ער מוז זיך דאָך אויס ווען אייך.

נאָר די גאַסן ציען זיך ווייטער, און יעדע גאַס האָט פענ-סטער.

זיי בלייבן שטיין בא אַ גרויס מעבל-געשעפט. אין אַ ברייט קוואַדראַט-פענסטער שטייט אַרויסגעשטעלט אַ מאָדערן שלאָפצימער, מעבל פון נאַטירלעכן קאָליר מיט גרין באַפוצעכץ...

— וויפל קען קאָסטן אַזאַ שלאָפצימער?

— ווער ווייסט?

— גיי אַריין און פרעג!

— אָבער ווי קומט צו אונדז אַזאַ געלט?

— ניין, ס'איז גוט צו וויסן. ווען דו וועסט רייך ווערן...

— אָ! — גיט ער אַ קרעכץ.

— אַלץ איז דיר שווער פאַר מיר... און די אייגעלעך אי-רע ווערן בייז.

ער גייט אַריין ווי אַ יאָלד אין געשעפט און דערוווּסט זיך דעם פּרייז:

— ניין הונדערט דאָלאַר.

— גאַרנישט טייער... — און זי קען זיך נישט אָפּרייסן פון פענסטער.

דערנאָך שטייען זיי בײַ די באַלויכטענע פאָטאָגראַפיעס פון אַ קינאָ...

מען שפּילט דאָס בילד „אייביקע ליבע", און ער זיצט אָפּ מיט איר אין זאַל צוויי פוסטע און װיסטע שעהן. אויף אַ פּאָר טויזנט מעטער קושט מען זיך און מען קרימט זיך, מען אייפערט, מען הרגעט, און די נאַרישע גערעכטיקייט קומט אַרויס די באַזיגערין.

פון אַזאַ אָוונט מיט אַזוי פיל שוי־פענסטער, מיט אַזוי פיל שיינע זאַכן, מיט דער „אייביקער ליבע", צוזאַמען גענומען, ווערט פון אַ מענטשן אַ צעקראַכענער נפש...

זיי קומען אַהיים, און זי פּלאַפּלט כסדר:

— איך וועל קויפן...

— דו וועסט באַקומען געלט און איך וועל קויפן...

— אוודאי, טייערע!

זי דערמאַנט יעדע קלייניקייט, וואָס זי האָט געזען אין די שוי־פענסטער...

און אים אַליין שוועבט דאָס אַלץ פאַר די אויגן: שיכלעך, בלוזקעס, דאַמען־העט, זיידענע זאַכן, און דאָס אַלץ איז איינגעפלאָנטערט אין דער קינאָמאַטאָגראַפישער „אייביקער ליבע"...

ער נעמט חלומען מיט אירע חלומות...

קיין גוטס וועט פון דעם נישט אַרויסקומען.

אַ קלייניקייט.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינע סטאַציע, וועל־כע איז אינגאַנצן באַגאָסן געווען מיט ליכטיקער זון. סוף ווינטער, די ביימער אַרום זענען נאָך נאַקעט, נאָר ווען דו וואַרפסט אין דער ווייטקייט אַ בליק, דאַכט זיך דיר אויס, אַז פון דאָרטן שפּרייזט שוין מיט פרייליכע טריט דער פרילינג, ער קומט מיט ליכטיקע שטראַלן־אויגן

אַרום וואַקזאַל און אונטערן וואַקזאַל שטייען לוסטיקע סאַ־זעלקעס וואַסער, אין זיי קוקט פריילעך־ליכטיק אַריין די זון. בלויז די נאַקעטע צווייגן פון די ביימער דערציילן, אַז עס איז גע־ווען אַ שווערער ווינטער.

איך האָב זיך אויפגעהויבן אַ קוק צו טון אין וואַגאָן־פענסטער, באַלד נאָך מיר האָט זיך אויך אויפגעהויבן מיין איינציקער שכן, וועלכער איז פריִער געזעסן אַנטקעגן מיר און אויף מיין שווייגן געענטפערט מיט שווייגן...

מיר האָבן ביידע אַרויסגעקוקט און באַטראַכט דאָס באַקאַנט אויסזען פון אַזאַ קליינע סטאַציע...

אַ פּאָר אויגן פון אַ פויער, אַ יידל און דער באַאַמטער פון באַן, — מער האָט קיינער אויף אונדז נישט געקוקט.

פּלוצלינג האָבן מיר באַמערקט פון איין וואָקזאַל-פענסטער צווײ פּרויען-קעפּלעך, זײ האָבן פון מײן שכן די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזן. איינע פון זײ, די שענערע, מיט אַ פּאָר יונגע נאַיווע קוקערס, האָט צו אים געשמײכלט...

דער צוג האָט זיך שוין גערירט, און דער שמײכל איז נאָך געשווומען פון פענסטער. געצויגן זיך צו אונדזער וואַגאָן, ווי אַ בלויע לײכטע לענטע. אפילו ווען דער צוג איז שוין צוריק אין ברייטן פעלד אַרײַן, האָט זיך נאָך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דער שמײכל פאָרט מיט אונדז מיט, באַגלייט אונדז.

איך האָב איצט צוליב דעם טאַקע געהאַט די מעגלעכקייט אָנהויבן צו רעדן מיט מײן שכן:

— איר האָט באַמערקט, ווי זי האָט צו אײַך געשמײכלט?

— איך האָב באַמערקט.

— אַזוי, איר מוזט האָבן גרויס דערפאָלג בײַ „זײ"?

— נישט צו פאַרזינדיקן, אָבער וואָס האָט מען דערפון?

איך האָב נאָכאַמאָל באַטראַכט מײן שכן, אַ יונגנמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ מאַט געזיכט מיט טונקעלע שטרענגע אויגן, נאָר אין דער שטרענגקייט פון זײן בליק האָט זיך געפילט אומעט, און דאָס האָט שטאַרק צוגעצויגן צו אים.

געמאַכט האָט ער אַן אײַנדרוק פון אַ מענטש, וואָס לעבט דורך די צייט פון זײַן ערנסט וועגן, ער האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעהיטן פון אַ צו לײַכטן אויסדרוק, וואָס דאָס וואָלט זײן ווערט פאַרקלענערט באַם צווייטן.

און דאָך: אין וואַגאָן רעדט מען וועגן אַלץ.

ער האָט דערציילט:

— איך פאָר איצט פון קראָקע. איך האָב באַגלייט מײן יונגע פרוי צו אירע עלטערן, נאָך וועלכע זי האָט זיך פאַרבענקט...

— און איצט בענקט איר נאָך אייער פרוי?

— יאָ, נאָר אויסער מײן בענקען האָב איך נאָך אַ געפיל, אַ שלעכטע אומרויִקייט פּייניקט מיך. אַ געפיל, וועלכעס איך האָב פריִער נאָר באַם צווייטן באַמערקט.

באַ מיר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פראַזע:

— אײַפערזוכט אוודאי?

און איך האָב אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן. איך האָב דערפילט דעם מענטש. ער שטיקט זיך אַליין מיט זײַן איבערלעבונג צווישן די גלײַכגילטיקע ווענט פון וואַגאָן, און איצט איז אים אַלץ איינס מיט וועמען, צו וועמען ער רעדט. ער ווערגט זיך מיט זײַנע געדאַנקען, זאָל אַ צווייטער צונעמען אַ טייל פון זײַן אומרו.

ער האָט מיר געענטפערט:

— יאָ, עס איז גוט, וואָס איר טרעפט, דאָס פאַרשפּאָרט מיר איבעריקע רייד, נאָר טראַכט נישט, אַז איך האָב אַ קאָנקרעטן פאַל. אַ קלייניקייט האָט פּאַסירט, און די דאָזיקע קלייניקייט קאָסט מיך מײַן גאַנץ ביסל רויִקייט, און ווער ווייסט, וואָס דאָס וועט מיך נאָך קאָסטן?

ער האָט געשוויגן און גערעדט. איך האָב אים געדולדיק אויסגעהערט און אַרײַנגעוואָרפן ווערטער אין זײַנע אַרגומענטן, ביז ער איז צוגעקומען צום עיקר פון זײַן דערציילונג:

— איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ האַלב יאָר צוריק, געליבט זיך פריִער אַ יאָר צײַט, שטאַרק זיך געליבט. מײַן פרוי איז באמת אַ שיינע. מיר לעבן, ווי מע רופט עס, גליקלעך... לעצטנס האָט זי אָנגעהויבן בענקען נאָך אירע קרובים און באַקאַנטע, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז זי זאָל פאָרן אויף אַ קורצע צײַט צו אירע עלטערן. איך האָב זי טאַקע מיט אַ וואָך צוריק באַגלייט אַהיים, געמוזט זיך אָפּרײַסן פון אַלע מײַנע געשעפטן און פּטרן אַ וואָך; זי האָט אַזוי געוואָלט, מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט, אַז איך זאָל זי באַגלייטן. אין וואַגאָן האָט זי באַקומען איין פרײַען פּלאַץ, איך האָב געמוזט שטיין. אין וואַגאָן איז געווען פינסטער, אינמיטן וועג איז קאַליע געוואָרן די באַלייכטונג. איר ווייסט דאָך אונדזערע אָרדנונגען. בין איך געשטאַנען אין פינסטערן וואַגאָן. מײַן פרוי איז געזעסן און לעבן איר איז אויך געזעסן אַ מיטליעריקער מאַן, אַ וויצלער, אַ דאָן-זשואַן מיט אַ גאַנצן באַגאַזש פון פראַזן. זיי האָבן גערעדט און געפּלאַפּלט פריילעך, און איך האָב

געוואָלט פֿאַרגעסן, אַז די פֿיס טוען מיר וויי, האָב איך געטראַכט פֿון מײַנע געשעפֿטן, פֿון אונדזער צוקונפֿט...

און מײַן פֿרוי האָט זיך פֿריילעך געמאַכט, געוויצלט זיך, געווען אין שטימונג.

יאָ, וועגן וואָס האָבן זיי נישט גערעדט, וועגן טעאַטער, וועגן, מאָלערײַ, וועגן ליבע, מאַן און ווײַב, אײַפֿערזוכט, בגידה.

באַקאַנטע געדאַנקען און פֿראַזן, ווי ליכטלעך פֿון איין פֿאַרמעסט, נאָר ווען יעדעס איינע ברענט באַזונדער, באַלויכט עס אַ ביסל...

איך האָב זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אַרײַנגעמישט אין זייער שמועס. איך האָב מײַנע ענינים, האָב איך וועגן זיי געטראַכט.

פּלוצלינג האָב איך געוואָלט פֿאַרייכערן. איך האָב אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, און בײַ דער מאָמענטאַלער ליכט האָב איך באַמערקט, ווי מײַן פֿרוי האָט אַרויסגעכאַפּט איר האַנט פֿון דעם פֿרעמדנס האַנט... אַ קליינינקייט. ס'איז דאָך אַ נאַרישע קליינינקייט, נאָר דעם פּאַפּיראָס, וואָס איך האָב דעמאָלס גערייכערט דער פּאַפּיראָס איז מיר געווען ביטער, ווי גאַל. און דער פֿינסטערניש פֿון וואַגאָן האָט מײַן נשמה אַרומגעכאַפּט אַ הינטישע אומרויקייט, אַ מאַכטלאָזער צאָרן, וועלכער לאָזט מיך נישט אָפּ ביז איצט.

ער איז שטיל געוואָרן.

איך האָב אויך געשוויגן.

שפּעטער פֿרעגט ער בײַ מיר:

— ווי רעכנט איר?

— וואָס?

— מען באַדאַרף לייגן אַכט אויף אַזעלכע זאַכן?

— איר האַלט עס פֿאַר אַ קליינינקייט?

איך האָב זיך אָנגעהויבן פֿילן זייער שלעכט, עס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז דער מענטש האָט אַראָפּגעשלונגען אַ טויטלעכע דאָזע סם און איצט פֿרעגט ער בײַ מיר, צי ער וועט בלײַבן לעבן?

איך האָב אַרײַנגעוואָרפֿן די פֿראַזע „דאָס איז אַ קליינינקייט“,

אָבער אַליין האָב איך דערצו ניט איינגעשטימט. מען קען פון אַלץ מאַכן אַ קלייניקייט. אַ מיקראָסקאָפּישער מיקראָב ברענגט די שרעקלעכסטע קרענק... אין האַרץ האָב איך אים גאָרנישט מקנא געווען, דעם אויפגערעגטן מאַן, נאָר פאַרשאַפן אים ישורים האָב איך נישט געוואָלט.

— רעכנט איר, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט?

— יאָ... האָב איך געשטאַמלט.

— יאָ, אַ קלייניקייט. וואָס איז דאָס אַזוינס? זי האָט געהאַלטן איר הענטל אין דער האַנט פון אַ פרעמדן מאַן...

האָט ער זיך גענומען אויפרעגן מיין שכן:

— וואָס זי האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, דאָס איז אפשר גאָרנישט. נאָר דאָס, וואָס זי האָט די האַנט אַרויסגעכאַפּט, בשעת איך האָב פייער אָנגעצונדן, אָט דאָס, זעט איר, האָט שוין עפּעס צו זאָגן...

— אפשר האָט זי אַ פלאַכן כאַראַקטער?

— ניין. זי איז נישט פלאַכער פאַר אַנדערע אַזעלכע שיי-נע און אויסגעבאַלעוועטע פרויען. זי איז נישט נאַריש, ראַפינירט, און דער עיקר, איך האָב טויזנט באַווייזן, אַז זי האָט מיך ליב. איר האָט באַדאַרפט זען, ווי זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט אין קראָקע אויפן וואָקזאַל. זי האָט פשוט געציטערט, בשעת זי האָט מיך אַרומגענומען, און איך בין זיכער, אַז זי וועט באַלד צוריק-קומען צו מיר קיין וואַרשע, זי וועט נישט אויסהאַלטן...

— איז דאָך גוט...

— ניין, ס'איז נישט גוט, ס'איז זייער נישט גוט. איך האָב איר וועגן יענעם פאַל אין וואַגאָן אַ וואָרט נישט גערעדט. נאָר צו זיך אַליין רעד איך וועגן דעם יעדע שעה, יעדע מינוט: ווי קומט עס: ווי אַזוי קומט דערצו אַ ווילד פרעמדער מענטש אין אַ ווילד-פרעמדן וואַגאָן, און זי לאָזט זיך שפּילן מיט איר האַנט. די האַנט איז דאָך דער סימבאָל פון פאַרטרויונג.

איך פּרוּוו דעם לעצטן אַרגומענט:

— אפשר איז דאָס געשען דערפאַר, ווייל זי האָט יענעם

אָנגענומען פאַר אַן עלטערן מענטש, וועלכן מען קען שוין נישט פאַרדאַכטן...

— ווידער נישט. ער איז גאָרנישט געווען אַזוי אַלט, און דער עיקר: יאָ געהאַלטן די הענט, נישט געהאַלטן די הענט... פאַרוואָס האָט זי די הענט צוגעכאַפּט, בשעת איך האָב פייער אָנ-געצונדן? דאָס איז דאָך שוין געווען אַ געוויסע מורא פאַר מיר, דאָס איז פאַרראַט...

ער האָט געזוכט ווערטער, קאָמבינירט אין זיינע געדאַנקען, און נישט געפינענדיק בא זיך קיין גוטע תשובה, האָט ער עס גע-וואָלט כאַפּן בא אַ ווילד-פרעמדן מענטש, ווי איך בין אים געווען.

און צום אומגליק איז קיין נייער פּאַסאַזשיר נישט צוגעקו-מען אין וואַגאָן, און דער וועג איז נאָך ווייט.

עס האָט מיך שוין פאַרדראָסן, וואָס איך האָב מיט דעם מענטש אָנגעהויבן צו רעדן, גיי, דערקלער אים אַ זאַך, וואָס פאַר אים אַליין איז דאָס אַ ספינקס, און פאַר מיר?

איך טראַכט, אַז אַזאַ פרוי קען באַזאָרגן מיט אַ ביסל צרות אַ מאַן.

איך האָב אים דאָס נישט געזאָגט. איך האָב כסדר אַ יסורי הערט, וואָס ער האָט צו מיר גערעדט.

— פון יענער נאַכט אין וואַגאָן האָב איך שוין איבערגע-שאַצט אַלע ווערט, איך טראַכט וועגן זיך מער, ווי וועגן איר. אפשר בין איך מיאוס געוואָרן? ניין! איר האָט דאָך געזען, ווי מען שמייכלט צו מיר... אָרים בין איך אויך נישט, קראַנק — אויך נישט... אפשר שפּילט דאָ אַ ראָל דאָס געזעץ פון דערעסן ווערן?...

עס האָט מיך פאַרדראָסן אויף אַלע מענער. מען מוז דאָך סוף-כל-סוף קריגן אַן אויסוועג פון די אַלע נאַרישקייטן, וועלכע פאַרביטערן אונדז דאָס לעבן, עס מוז זיך עפּעס בייטן אין באַ-ציונג פון מאַן צו פרוי, פון פרוי צו מאַן. ווערן אַ שקלאַף פון אירע דינע פינגער, וועלכע זי דערלאַנגט דעם ערשטן צופעליקן באַקאַנטן, פון אירע דינע ליפּן, וועלכע קענען שטענדיק ווערן אַ מזוזה — פאַר אַלעמען...

מען מוז זיך באַמײַען פֿון דעם... און ער רעדט דאָ:

— אפשר בין איך איר דערעסן געוואָרן?

דער יונגערמאַן מיטן מאַטאָחן פּנים האָט שוין אַליין אָנגעהויבן צו דערעסן, איך האָב געוואָלט טראַכטן צו זיך אַליין און ער האָט גערעדט, גערעדט...

דער צוג האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינע סטאַציע. קיין מענטש האָט מען דאָ נישט געזען, נאָר עטלעכע טריט פֿון וואָקזאַל איז געשטאַנען אַ שוואַרצלעכער אינדיק מיט אַ רויטן מזל. ער האָט זיך כּסדר געבלאָזן און געמאַכט מיאוסע שטיק, ווי אַ פּורים־שפּילער, ווי אַ לץ...

מײַן שכן האָט געקוקט אויפֿן אינדיק און האָט אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן זײַן ווײַבל...

די אייביקע צוויי.

שוין צוויי וואָכן, ווי ער האָט זיך מיט איר נישט געזען.
ווען ער קלינגט אָן, קומט דערזעלבער ענטפער:

— מאַלווינאַ איז נישט אין דערהיים.

— ווען וועט זי זיין?

— ס׳איז נישט באַוווּסט.

ער ווייסט, אַז ער פאַרלירט דעם גאַנצן שטאָלץ זיינעם מיט דעם, וואָס ער יאָגט זיך נאָך איר. עס קומט די פאַרביטערונג און עס קומען ניכטערע געדאַנקען. געענדיקט! ער וויל זי מער נישט קענען, ער האָט זי שוין גוט אָפּגעשאַצט... דער לעצטער באַשלוס: זי איז נישט ווערט זיין אומרו און זיין טראַכטן וועגן איר.

עפּעס טוט דאָך וויי דאָס האַרץ.

ס׳איז דאָך אַ מפּלה...

די גרויסע אויגן מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר קריכן נאָך אין זיינע דערינערונגען. ער דערמאַנט זיך די ווערטער פון אַ חבר וועגן איר:

— „אָט דאָס איז אַ פרוי!“

אַ פרוי... ניין, אַ ווילדע קאַץ, וואָס ציט יניקה פון אירע שטעכעדיקע נעגל, אַ יעגערין, וואָס שיסט אין יעדן, ווער עס גע-

פעלט און געפעלט נישט. אַלע מוזן זי אָנערקענען, אַלע מוזן איר נאָכגיין...

אַלע ביזע חסרונות געפינט ער אין איר, און טרעפט ער וועמען, ווער עס באַמקעט צו, אַז זי איז נישט ווערט מען זאָל צוליב איר ליידן, דאַמאָלס איז ער שוין גאָר צופרידן, וואָס ער איז „פטור" געוואָרן פון איר.

די שטאָט איז אַ גרויסע. אַ נעץ פון טעלעפאָנען, טאַנץ-זאַלן, טעאַטערס, קינאָס... ווער ווייסט זי דאָרט, ווו און מיט וועמען זי ווערט פאַרפאַלן?

און ווער וויל עס וויסן?

נישט מיט גרויס חשק, אָבער ער נעמט דאָך ווידער גיין צו פאַליען.

עס גייט זיך אַליין, אָן ווילן, מיט ווילן... עס ציט נישט אַהין, עס שרעקט נישט און עס נייגערט נישט. באַ יעדן מאָל קומען איז פאַרהאַן אַ ווילן באַלד אַוועקצוגיין, און פאַרוואָס? זי איז דאָך באמת אַ גוטער פריינט, זי קען זיין טריי און איבערגעגעבן, מיט אַזעלכע קען מען אויף זיכער אָפּלעבן רויק דאָס ביסל יאָרן.

זי האָט אים ליב. וויפיל מאָל האָט זי דאָס אים שוין געגעבן צו פאַרשטיין. זי ווייסט, וואָס מאַלווינע איז פאַר אים, ווי זי פייניקט אים. באַוויזט ער זיך איצט באַ פאַליען אין איר ווייס צימערל, נעמט זי אים אויף מיט איר איידעלער רויקייט, זי ווייסט שוין, זי פאַרשטייט שוין, אַז ער איז געקומען איינגעביסן פון אַ שלאַנג.

זי באַקומט ווידער האָפנונג: סוף-כל-סוף וועט ער זיך אָפּטרייסלען פון מאַלווינען. זי איז נישט פאַר אים. זי, פאַליע, האָט אַ האַרץ מיט איבערגעבנקייט, מיט ליבע... זי וויל זיך מיט קיינעם נישט שפּילן, נישט רייצן זיך, זי האָט ליב באַקומען איינעם, און דעם איינעם וועט זי אָפּגעבן איר נשמה.

אין גוטמוטיקן געשפּרעך פרעגט זי:

— דו זעסט דיך מיט מאַלווינען?

— ניין. ... באהאַלט זיך פאַר מיר, איך באַהאַלט מיך פאַר איר, עס נעמט שוין אַ סוף...

— און דו טראַכטסט נישט פון איר?

עס פאַרדריסט אים אפילו, וואָס זי גנבעט זיך צו אים אין דער נשמה אַריין, נאָר אין דער רגע איז ער איר דאָס מוחל. דאָ, אין איר ווייסן, גוטן צימערל, אויף איר קאַנאַפּע, האָט ער זיך באמת אָפּגערוט, ער האָט דערפילט, אַז עמעצער זאָרגט וועגן אים...

גוטסקייט קויפט אונטער.

עס פאַרגייען עטלעכע שעהן, זיי רעדן אינטים, זיצן נאָענט איינער לעבן צווייטן. זי האָט דינע, ווייסע, קינדערישע פינגער, האַלט ער די פינגער אין זיין האַנט און שפּילט זיך מיט זיי און ער באַמערקט נישט, ער מאַכט זיך נישט באמערקן, אַז דאָס איז אים צו לאַנגווייליק, עס דאַכט זיך אים, אַז די פינגער האָבן קיין נעגל נישט, און וואָס איז אַ קאַץ אָן נעגל? נישט פאַרהאַן וואָס צו באַויגן, נישט אינטערעסאַנט... דערפאַר איז פאַרהאַן טרייהייט ביזן סוף, טרייהייט פון אַ שפּיטאָל-שוועסטער, טרייהייט פון אַן איבערגעגעבענעם פריינט. דאָס איז אָבער אַלץ גוט, בשעת אַ מענטש איז קראַנק, אָדער ער לעבט איבער אַ גרויסע צרה.

אָבער ער וויל ליבע, רייץ, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל אינטריגירן, אויפהייבן הויך, אָדער אַראָפּשליידערן טיף אין טאָל אַריין... פּלוצלינג כאַפּט ער זיך, אַז דאָס וויל ער גאַרנישט, עס איז אַ ליגנט, ער איז אויסגעפּייניקט, און ער וויל זיך איינרעדן, אַז דאָס איז אַ ליגנט. אין דער רגע געשעעט עפּעס, אויף אים מאַכט עס אַן איינדרוק, אַז ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ פייער און אַריינגעשפּרונגען אין אַ וואַסער. ער רייסט זיך אָפּ פון זיינע נישט פריילעכע געדאַנקען, פון זיך אַליין, און ער דערלאַנגט פּאַליען אַ קוש, פּלוצלינג, ראַפּטום, ביידע האָבן זיך אויף דעם נישט גערעכנט. פּאַליע הייבט אויף אויף אים די אויגן און פרעגט:

— וואָס עפּעס אַזוי פּלוצלינג?

ער ענטפערט נישט, ווייל ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן, און מיט איר פראַגע כאַפּט זי אים, ווי אַ גנב, וואָס גנבעט באַריש אין זינלאָז.

זי איז אַ פרוי און זי האָט איר אינסטינקט, זי פאַרשטייט, וואָס דאָ קומט פאָר אין אים און זי רעדט:

— איך ווייס, פאַרוואָס דו האָסט מיך איצט געקושט...

בייזוערט ער זיך:

— וואָס ווייסטו דאָרט! איך האָב דיך געקושט און אַ סוף.

איצט שמייכלט זי אַ ביסל מיט אַ ביטערן שמייכל.

— האָסט מיך געקושט, דערפאַר, ווייל דו האָסט אין דער רגע געטראַכט פון מאַלווינען, געליטן און געטראַכט פון מאַלווינען... אמת?

ער מוז זיך מודה זיין, ער האָט זיך נישט מורא מודה צו זיין, ווייל ער ווייס, אַז זי איז אים דאָס מוחל. שטאַרקט ער זיך און רעדט:

— איך וועל זי פאַרגעסן, וועסט זען...

שפּעטער, ווען ער גייט אַרויס, באַשליסט ער בא זיך, אַז מאָרגן וועט ער ווידער קומען צו איר. אויפן וועג צו זיך, אין איינזאַמען צימער, בויט ער גאַנצע פּלענער און שאַפט מעטאָדעס וועגן אַ ביסעלע גליק...

טאַקע — מאַלווינע רייצט, אָבער דאָס לעבן איז אַנדערש. דאָס לעבן פאָדערט אַ רויק געזיכערט ווינקעלע... בא פאַליען וועט ער דאָס געפינען, באַשטימט און באַשטימט.

ער וויל זיך טרייסטן מיט דעם, וואָס פאַליע איז רייך, ער זוכט מעלות אין איר, זי איז גוט, איבערגעגעבן, קיין ליגנט זאָגט זי נישט, ער שטעלט זיך פאָר איר געשטאַלט אין די געדאַנקען... שיין? קיין מיאוסע איז זי נישט, ער וויל נישט טראַכטן פון דעם, אַז די אויגן האָבן נישט קיין לעבעדיקן אויסדרוק, וואָס מער ער טראַכט פון פאַליעס אויסערלעכן אויסזען, קומט אים אַלץ מער מאַלווינע פאַר די אויגן, ווי אַ גרויסע פאַליע קומט זי אָן און פאַרשווענקט דעם בלייכן טראָפן, וואָס רופט זיך... פאַליע.

היינט גיט זיך אים איין צו פאַרטרייבן מאַלווינען פון זיינע געדאַנקען. ער שלאָפט זיך אויס, עס קומט ווידער אַ טאָג, ער אַרבעט און פאַרטומלט זיך. אין אָוונט קומט ער ווידער צו פאַליען. אויפן וועג צו איר כאַפּט ער זיך, אַז די גאַסן, וואָס פירן

צו פּאַליען, זענען גרוי און לאַנגווײַליק. ווען ער שפּרײַזט צו מאַלווינען, זענען די גאַסן פרײלעכע און מונטערע... ער גייט אָבער צו פּאַליען, אַזוי האָט ער באַשלאָסן און אַזוי וועט עס שוין פאַרבלײַבן.

און אַזוי טעג, וואָכן. אומעטום צוזאַמען. פּאַליע פילט, אַז זי זיגט, זי איז גליקלעך. זי פּאַרטרויט זיך פאַר אים, אַז אין שטוב איז זי שוין דורכגעקומען, כמעט דורכגעקומען מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען. פריִער האָבן זיי נישט געוואָלט וויסן פון אים, עס האָט זיי נישט געפּאַסט דער שידוך, נאָר זי איז געווען שטאַרק, זי האָט צו זיי געזאָגט קאַטעגאָריש:

— ער און קיין אַנדערער נישט, און אויב זיי וועלן נישט איינגיין — דאַמאָלס אַנטלויפט זי פון שטוב. דאַמאָלס שמדט זי זיך, אָדער זי באַגייט זעלבסטמאָרד.

ער שמייכלט.

— אַלץ צוליב מיר?

— יאָ, צוליב דיר. דו ווייסט אַליין נישט, וואָס פאַר אַ טרײַ גוט ווײַב דו וועסט האָבן, קיין בעסערן פרײַנט וועט זיך דיר אפילו נישט חלומען.

ס׳קען זײַן, זי איז גערעכט.

ניין, נישט נאָר „ס׳קען זײַן", נאָר עס איז קלאָר, ווי דער טאָג, און זיכער, ווי דער ריינסטער אמת, זי וועט זײַן טרײַ, זי איז אַ גליק פאַר אים, אַ פאַרזיכערונג פון אומרויִקייט און עלענדקייט.

ער זיצט אין איר אינטימען צימערל, נאָר איצט איז ער דאָ שוין נישט קיין פרעמדער, פון צײַט צו צײַט קומט אַרײַן די מוטער אירע, דער פאָטער איז נאָך אײַנגעשפּאַרט, נאָר פּאַליע זאָגט, אַז דער טאַטע גיט זיך שוין אונטער.

— זיי זענען שוין כמעט אַלע אויף מײַן זײַט.

ער שמייכלט ביטער אין זיך. וואָס דאָ טוט זיך צוליב אים אָפּ אין דערדאָזיקער שטוב — גאַנצע רעוואָלוציעס.

און ער קומט דאָך אַהערצו נישט מיטן האַרץ — בלויז מיט קאָפּ.

דאָס שטוב־מיידל טראָגט אַריין טיי מיט קאָנפיטורן, פרוכט ביסקוויט, ער שמייכלט.

— איך בין שוין אַ האַלבער איידעם... אויף קעסט.

געפעלט איר דער וויץ, און זי קושט אים דערפאַר, אַ קוש פון טרייהייט און איבערגעגעבנקייט, נאָר אין דער זעלבער צייט אַ קוש אָן פייער.

ניין! מאַלווינע קושט אינגאַנצן אַנדערש, און אום ער זאָל וועגן דעם קיין סך נישט טראַכטן, פאַרטרינקט ער גיכער דעם קוש אייַן מיט טיי און פאַרבייסט מיט אַ ביסקוויט.

אין אַ טאָג שפּעטער גייען זיי צוזאַמען אויף אַ באַל און דאָרט באַגעגנט ער מאַלווינען.

זי גיט אַ שמייכל.. איר שמייכל, וואָס דרייט איבער דריי מאָל די נשמה.

זי ווייסט פון גאָרנישט. זי האָט אים קיין שלעכטס נישט געטון, אַ נעבעכל...

— וועסט מיט מיר טאַנצן?

און ער האָט נישט קיין מוט צו זאָגן „ניין!" ער פילט שוין אירע נעגל.

ער טאַנצט מיט פאַליען, ער טאַנצט מיט מאַלווינען... די פיס טראָגן זיך אַנדערש, ווען ער טאַנצט מיט מאַלווינען.

ווען ער האַלט איר האַנט, ברענען אים זייבע פינגער, רירט זי זיך צו מיט אירע קני, ציטערט ער אויף, און ווי הייס זי אָטעמט, ווי נעמט זי אַזוי פיל פייער? דער טייוול ווייסט...

פאַליע ווייסט און פאַרשטייט, וואָס דאָ טוט זיך, נאָר זי האָט די געבענטשטע רויִקייט אין זיך, וואָס מאַכט געדולדיק.

שפעטער באַזונדערט ער זיך אָפּ מיט דער בלאָנדער קאָץ, און זי שטעכט מיט ווערטלעך:

— ווערסט אַ חתן, האָב איך געהערט, מיט דער פאַליע...

— און דו אינטערעסירסט זיך מיט אַזעלכע זאַכן? וואָס גייט עס דיך אָן?

— כ'ווייס... ביסט דאָך אַ שטיקל פריינט מיינער, וועסט פאַפן אַ רייכן שווער מיט אַ מאַיאָנטעק.

דאָס בלוט גייט אים אַריין אין קאָפּ.

ער. . .

ער יאָגט זיך נאָך געלט, און עס דאַכט זיך אים, אַז מאַלווינע איז גערעכט, זי איז טויזנט מאָל גערעכט.

זי איז גערעכט מיט זיך אַליין, מיט דעם פייער, וואָס שפּריצט פון אירע אויגן, מיט איר באַוועגלעכע פיגור, מיט די ווערטער, וואָס זי רעדט אַרויס.

— מיר באַדאַרפן זיך נאָך באַגעגענען. מיר האָבן נאָך וואָס צו רעדן.

און מען רעדט זיך אָפּ צו באַגעגענען.

שווייגנדיק באַגלייט ער פאָליען אַהיים. זי ווייסט שוין, זי פאַרשטייט, אַז פאַר איר הייבט זיך אָן אַ נייער פּאַס מיט יסורים.

זי שווייגט איצט.

און מאָרגן, איבערמאָרגן, האָט זי שוין גרוסן: מען האָט אים געזען מיט מאַלווינען דאָ און דאָרט.

ער איז ווידער אין אירע נעצן. ער גייט איר נאָך, ווי אַ שאָטן.

אויף אַ צווייטן באַל האָט זיך צו מאַלווינען צוגעטשעפּעט אַ בחור, אַ געשוווירענער טענצער, אַ לאַקירענער פּאַצעט.

און זי האָט אים אויך נישט אָפּגעלאָזט.

זיי האָבן כסדר געטאַנצט, געשמועסט, געשפּאַסט.

און אים איז אויסגעקומען צו זיצן אַליין, האָט עס אים גע־קרענקט, אַ פראַזע האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ אים:

— ווי לאַנג וועסטו טאַנצן מיט דער „ליאַלקע"?

אַרויסגערעדט, און גלייך אַ שמייכל געטון, כדי זי זאָל דאָס צופיל נישט פאַרדריסן, נאָר פאַר איר איז דאָס גענוג געווען. זי האָט אַ שפּרונג געטון אין אַ שפּריץ געגעבן מיט פייער:

— געפעלט דיר נישט, איז ווי דו ווילסט זיך!

מיט גיפט, מיט פאַראַכטונג האָט זי דאָס אַרויסגערעדט, פאַר מענטשן אין די אויגן אים באַליידיקט.

און אוועק ווידער טאַנצן מיט דער „ליאַלקע". אָט אַזאַ איז זי מאַלווינע און אַזאַ וועט זי שוין פאַרבלייבן.

ער איז געשטאַנען מיט אויסגעקרימטע ליפּן, מיט איינגעהאַלטענעם כעס און געקוקט אויף איר, ווי זי טאַנצט זיך רויק, דער טאַקט איז אין אירע פיסלעך נישט פאַרלוירן געגאַנגען, דער קערפּער טראָגט זיך אין די פאַליעס פון מוזיק, אין יעדער באַוועגונג פילט זיך הנאה און גענוס, מעלאַדישער גענוס...

ער איז אַוועקגעגאַנגען און וואַכלאַנג געבליבן אַליין.

ביז ער האָט זיך ווידער געפונען אין פּאַליעס מיידעלשן צימער.

זי איז די זעלבע, פול מיט גוטסקייט און דערוואַרטונג אויף בעסערע טעג.

ער פילט זיך שולדיק, און שמייכלט, ווי אַ זינדיקער, זי פילט, אַז זי מעג עפּעס פרעגן, און זי פרעגט:

— וואָס? זי האָט דיר שוין ווידער צעדראַפּעט די נשמה?

ווי אַ גוטער מלאך רעדט זי דאָס אַרויס, עס איז טאַקע נישט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך...

און גיי האָב חתונה מיט אַ מלאך...

אַ בּריליאַנט.

מאַניש איז לאַנגע שוין אָפּגעזעסן אין גרויסן צימער, וווּ דער קלאַוויר איז געשטאַנען. דאָס איז געווען זיין צימער, ער האָט פאַר אים געלט געצאָלט. ער האָט אָבער דערלויבט רעגינען מיט איר מוטער פאַרברענגען אין דעם צימער וויפיל זיי ווילט זיך.

געשלאָפן איז מאַניש אין אַ צווייטן צימער, נאָר אין „זאַל“ פלעגט ער אויפנעמען זיינע באַקאַנטע און אין זאַל פלעגט ער וואַרטן...

אויף רעגינען...

ער איז געווען שטענדיק אַ ביסל צערודערט צוליב דער באַלעבאָסטעס טאָכטער. אין אַלע ענינים פון זיין פּריוואַט לעבן איז דאָס געווען אַ רויקער מענטש. אַ זיכערער עקשן, אַזעלכער, פאַר וועלכן מען האָט דרך־ארץ געמישט מיט מורא.

און דאָ באַ דעם פאַל רעגינע, איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן, ער שרעקט זיך, ווען ער הערט איר קול דורך דער וואַנט, ציטערט אויף בשעת זי קומט אַריין

וואַרט ער.

אפשר? אפשר וועט זי זיך אריינכאַפּן אהער: אַ קוק געבן אין שפּיגל אָדער צוגיין צום קלאַוויר.

מאַניש פלעגט אַזוי וואַרטן טאָג נאָך טאָג, און רעגינע באַוויזט זיך נישט.

אומישנע, צי נישט אומישנע.

פון די איבעריקע חדרים הערט זיך איר קול, זי זינגט, לאַכט און רעדט מיט דער מוטער.

צו מאַנישן קלינגט מען, מען רופט אין גאַס, געשעפטן, פאַרדינסטן.

נאָר דער „יאַלד", ווי זיינע חברים רופן אים, רירט זיך נישט פון אָרט, ווי אַ שומר היט ער אָפּ דאָס צימער. ציטערט ווידער אויף באַ יעדן שאָרך, וואָס קומט פון הינטער דער טיר.

אָפּוואַרטנדיק אַזוי עטלעכע טעג, האָט ער זיך דערוואַרט. די טיר האָט זיך פלוצלינג געעפנט.

רעגינע איז האַסטיק אריינגעלאָפן און גלייך צום שפּיגל. זי איז געווען זיכער, אַז מאַניש איז נישטאָ, און פלוצלינג האָט זי דערהערט:

— גוט מאָרגן, פריילין רעגינע!

— האַ!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט: אויף דער קאַנאַפּע איז האַלבגעלעגן מאַניש.

— איר זענט דאָ, און איך האָב געמיינט, אַז איר מאַכט ערגעץ גרויסע געשעפטן, אַז איר וואַרפט זיך דאָרט אויף דער בירזשע מיט מיליאָנען.

— לאַכט נישט, פריילין רעגינע, פון די מיליאָנען, לאַכט נישט! עס איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע זאַך.

— ווער לאַכט? איך לאָז שוין גאָרנישט, נאָר עס מעג דאָך מיך פאַרוונדערן, וואָס אינמיטן העלן טאָג זיצט איר דאָ אין האַלב-טונקעלן צימער... איר חלומט...

— פון אייך...

— ווידער דאָס זעלבע...

— ווידער און ווידער, אַזוי לאַנג ביז איך וועל נישט הערן אייער „יאָ".

— וואָס אייגנטלעך ווילט איר?

— אייך, אייך אינגאַנצן!

— איר זענט דרייסט.

— דאָס האָב איך זיך אויסגעלערנט „דאָרטן".

— אויף דער בירזשע?

— יאָ...

— אָבער, פּאַניע מאַגיש!

— וואָס, פרײַלין רעגינע?

— איך בין דאָך אַ לעבעדיקער מענטש, נישט קיין אַקציע און נישט קיין וואַלוטע...

— פרײַלין רעגינע... איר שטעכט? ווייסט איר אָבער, אַז אַלע מײַנע ווערט-פּאַפּירן, אַלע וואַלוטעס מיט אַלע מײַנע ווערט-פּאַפּירן גיב איך אייך אָפּ פאַר איין וואָרט...

— אַלץ גיט איר אָפּ?

— אַלץ...

— וויפיל מאָל האָב איך דאָס שוין געהערט פון אייך?

זי האָט זיך געדרייט אַרום שפּיגל מיט אַ ווײַסן קאַם אין דער האַנט... געוואָלט-נישט-געוואָלט און פונאַנדערגעלאָזן די האָר פאַר מאַגישן אין די אויגן.

און זיך אָנגערופן:

— איר וועט דאָ אַזוי אַ גאַנצן טאָג זיצן?

— ווידער אַ שפּילקעלע?

— נו, באַליידיקט זיך נישט פון יעדער קלייניקייט... וועגן וואָס האָבן מיר נאָר וואָס גערעדט?

— וועגן דעם...

— אַז איר וועט פאַר מײַנס אַ וואָרט אַלע מײַנע פאַרלאַנגען דערפילן, אַלץ אָוועקגעבן?

— יאָ, אַלץ...

— ווייסט איר וואָס, פּאַניע מאַגיש?

— וואָס, פרײַלין רעגינע?

זי האָט נישט געקוקט אויף אים, אין שפּיגל האָט זי געקוקט און באַוועגט מיט דער האַנט, אַרייַנגעפאָרן און אַרויסגעפאָרן מיט דעם קאַם אין די האָר.

זי האָט אַזוי גיך נישט בעענטפערט, און ווען זי האָט אָנגעהויבן רעדן, איז דאָס געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

— איך קען זיך פאָר אייך אין די אויגן, איר זענט דאָך מיר אַ פרעמדער מענטש...

— אפשר גאָרנישט אַזוי פרעמד?

— פרעמד, ווי אַלע פרעמדע. זי האָט לייכט אַ לאַך געטון.

— אָבער נישט וועגן דעם האָט איר געוואָלט רעדן. וואָס האָט איר פריִער געוואָלט זאָגן? וואָס פאַר אַ געדאַנק איז אייך אייַנגעפאַלן?

— יאָ...

— איר מאַכט מיך אַלץ נייַגעריקער.

— מיר איז אייַנגעפאַלן אַ געדאַנק. איך טראַכט, אַז איר האָט אַ גוטן כאַראַקטער. איך טראַכט פון אייך די לעצטע צייט מער, ווי פיל איר רעכנט.

— איך נעם שוין באַלד טאַנצן פון פרייד.

— טאַנצט נאָך נישט... אָט וואָס, איך וויל, אַז איר זאָלט דערפילן מיין ערשטן פאַרלאַנג, דערנאָך וועלן קומען נאָך אַזעלכע פאַרלאַנגען, איך בין אַ משוגענע, זייער אַ קאַפּריזנע.

— אָבער זאָגט שוין אייַער פאַרלאַנג...

מיט אָפענע האַלב-שפּאַסנדע אויגן קוקט זי אים אָן אַ רגע.

— נעמט אַראָפּ דעם רינג פון אייער פינגער, ס'איז אַ טייערער בריליאַנט, יאָ?

מאָניש קוקט מיט נייַגיריקייט אויף איר, אויפן בריליאַנט.

— דער שטיין האָט מער ווי צוויי קאַראַט...

— איר פאַרשטייט זיך אויף בריליאַנטן, איר האַנדלט מיט דעם אויך?

— ניין, נאָר עס מאַכט זיך אַמאָל.

— מען האַנדלט מיט וואָס עס מאַכט זיך, יאָ?
— אוודאי אַזוי...
— נו, גוט, טוט אויס דעם רינג!
— איך פאָלג אייך, פריילין רעגינע!
מאָניש פאַרשטייט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר.
אין דעם לויפט רעגינע צו צום שרייב-טישל און כאַפּט אַראָפּ אַ מאַרמאָרנעם פרעס-פּאַפּיע...
— פּאַניע מאָניש! איר זאָגט, אַז איר וועט דערפילן מיין יעדן פאַרלאַנג.
— יאָ...
— איר זענט זיכער אין אייער „יאָ"
— נאָכאַמאָל „יאָ"!
— אויב איר זענט אַזוי זיכער אין זיך, פאַרלאַנג איך פון אייך, איר זאָלט גלייך נעמען און מיט דעם פרעס-פּאַפּיע צו־שטויסן דעם בריליאַנט...
— פריילין רעגינע!
— פּאַניע מאָניש!
— פריילין רעגינע! צו וואָס אַזאַ ווילדע זאַך אָפּטאָן? איך וועל אייך דאָס בעסער אָנועקשענקען.
— איך טראָג נישט קיין בריליאַנטן, טוט וואָס איך פאַר־לאַנג.
— צעשטויסן?
— יאָ!
— איר מיינט עס ערנסט?
— מיטן גאַנצן ערנסט...
מאָניש האָט זיך געקווענקלט, דעם פרעס-פּאַפּיע האָט ער אַרויסגענומען פון רעגינעס האַנט, נאָר ער האָט עס נישט זיכער געהאַלטן, די רינג איז געלעגן אויפן טישל.
— וואָס וואַרט איר, פּאַניע מאָניש?
אַ שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן.
און באַ איר אויף די ליפּן איז געוואַקסן אַ שמייכעלע. מאָ־

ניש האָט געפילט, וואָס אַזאַ שמייכעלע באַדייט פאַר אים: אַ סוף פון חלום.

ער האָט זיך נאָך געפרוווט ראַטעווען.

— ווייסט איר וואָס, מיר וועלן עס אוועקשענקען פאַר אַ יתומים־הויז, פאַר אַ שפּיטאָל.

— איר דינגט זיך, ווו איז אייער זיכערקייט?

מאַניש האָט נישט געוווּסט, וואָס מיט אים טוט זיך, אויסגע־דאַכט האָט זיך אים, אַז אַ סך קעץ האָבן זיך מיט זייערע נעגל איינגעגעסן אין זיין לייב.

און אַנטקעגן איז געשטאַנען רעגינע מיט דעם פאַרגליווערטן שמייכל, פון וועלכן דאָס בלוט האָט זיך געקילט אין די אָדערן.

מיטאַמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען.

— גוט, זאָל זיין אַזוי...

און ער האָט אויפגעהויבן די האַנט מיטן פּרעס־פּאַפּיע, שוין געוואָלט צעשטויסן דעם בריליאַנט.

נאָר רעגינע האָט די האַנט זיינע אָנגעכאַפּט:

— צו שפּעט, פּאַניע מאַניש, איר האָט צופיל געקלערט.

זי איז לאַכנדיק אַרויסגעלאָפן פון צימער.

מאַניש איז געשטאַנען מיטן פּרעס־פּאַפּיע אין האַנט און גע־קוקט טעמפּ אַרום זיך.

דער בריליאַנט אַליין האָט מיט זיינע בליצן געלאַכט פון מאַ־נישן...

גלייך אין הארצן אים אַריינגעלאַכט.

האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דעם בריליאַנט פון טישל און אין קעשענע עס באַהאַלטן, פּונקט ווי מען באַהאַלט אַ צייכן פון שאַנ־דע.

און געשטאַנען... נישט אַ הין און נישט אַ הער.

ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי אָפּגעשטאַנען? פּלוצ־לינג האָט ער דערפילט אַ האַנט אויף זיין פּלייצע.

— וואָס איז, מאַניש? די בירזשע האָט אָפּגעברענט?

לעבן אים איז געשטאַנען דער גלאַנציקער יוזשעק, ער א ז

אוודאי ווידער געקומען באַרגן געלט, דער שאַרלאַטאַן, דער לייִדיקגייער. זיי קוקן זיךביידע אָן, זון יוזשעק פרעגט:

— וואָס הערט זיך מיט איר?

— גאָרנישט... ווייס איך דאָרט, אַ משוגענע...

— אַבי דו קומסט שוין צום שכל, מאַניש!

זיי גייען אַרויס אין גאַס, מאַניש ווערט באַ זיך דרייסטער, פלוצלינג רוט ער אַריין די האַנט אין קעשענע און טאַפּט אָן דעם רינג מיטן בריליאַנט און דערלאַנגט אַ ציטער.

אַ גליק, וואָס יוזשעק האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פאַרבייגייענדיקער דאַמע.

קיין איינע אויך נישט.

באנאכט, ווען אויף די גרויע טראטוארן פאלט דער בליי־
כער שיין פון די עלעקטרישע לאמפן, וועלכע לייכטן פאר זיך
אליין, ווייל נאר געציילטע מענטשן באווייזן זיך פון צייט צו
צייט...

אט די געציילטע דורכגייער פון דער נאכט באמערקן אליין
נישט, סארא וואזשנע יחסנים זיי זענען איצט אין דער גרויסער
ליידיקייט פון די גאסן.

זייער שאטן לייגט זיך אויס אינגאנצן אויף דעם טראטוי־
אר. קיין צווייטער שאטן רעקט אים נישט צו. זייערע טריט
קלאפן אפ הנעט ווייט...

צעהוסט זיך ווער, הערט מען אזא הוסטן אין העכסטן שטאק
פון דער נאנטער מויער, און א זיפצער הערט דייטלעך זיין איי־
גענעם זיפץ.

אויב איר האט די טבע ארומצוגיין אמאל באנאכט און
גלאצן מיט די אויגן אויף די שילדן און קוקן, ווי די לבנה
רנגלט זיך אין א נעץ פון צעפוילטע וואלקנס, האט איר זיי
דאמאלס אודאי באגעגנט, שוין נישט איינמאל, מיינע צוויי גוטע
באקאנטע...

שניאורזאָן און הורוויטשזאָן.

פון ווייטן זעען זיי אויס, ווי צוויי שוואַרצע בערן, וועלכע שפּאַצירן זיך לאַנגזאַם מיט בערישע טריט איבער די וואַרשעווער גאַסן שפּעט באַנאַכט.

איר האָט זיי אוודאי שוין באַמערקט אַמאָל, אַלץ איינס אין אַ ליכטיקער נאַכט, צי אין אַ רעגן.

באַ מיצקעוויטשן אויף קראַקאָווער, אויף דער ביעלאַנסקע, אָדער גאָר באַם ווינער וואָקזאַל.

זיי קענען זיך מיט אַלע נאַכט־סטרוזשעס, זיי באַגריסן זיך מיט נאַכט־שומרים, באָרגן באַ איינעם פון זיי אַ פּאַפּיראָס, בעטן פייער, אָדער זיי שענקען אַ פּאַפּיראָס.

זיי וויסן דעם פּלאַץ, ווו אַ „מאַנקע", אָדער אַ „זאָשקע" געפינט זיך. זיי אינטערעסירט דאָס נאַכט־לעבן, און זיי קלויבן אינפאָרמאַציעס באַ די פרייליכע נאַכט־פייגל. זיי וויסן פון אַלע סקאַנדאַלן מיט די אַלפאָנסן.

דאָס זענען קינסטלער פאַר זיך, קינסטלער, וועלכע מאָלן נישט און צייכענען נישט, זיי האָבן ליב אַרומצורעדן די וועלט, אַרומצורעדן געשעענישן פילאָזאָפיש־קינסטלעריש.

אַז איר דערזעט זיי, גיט איר אַ טראַכט: „דאָס שפּרייזן שוין ווידער די צוויי". איר זענט צוגעוווינט צו זיי, ווי צו די נאַכט־שומרים... איר שענקט זיי אַ רגע געדאַנק און איר גייט זיך ווייטער אייער וועג.

איך קען זיי באַנט, איך ווייס זייערע געשפּרעכן — נישט איינמאָל אונטערגעהערט.

איינער פון זיי איז אַ לערער, דער צווייטער — אַ בוכהאַלטער, איינער איז אַלט אַ יאָר אַכט און פערציק, דער צווייטער נישט יינגער.

שניאורזאָן איז ענלעך צו אַ טערק, הורוויטשזאָן — צו אַ כינעזער.

צוויי אַלטע בחורים... שפּאַצירן זיי אַזוי שפּעט איבער די גאַסן, דערפאַר, ווייל עס ווילט זיך נישט זיך באַגעגענען פנים אל פנים מיט דער איינזאַמקייט פון אַלט־בחורישן חדר.

פאַרן שלאָף ווילט זיך אַ ביסל אַרומגיין און אַ ביסל אויס־רעדן זיך...

זיי רעדן ביידע כמעט פון איינס, די זעלביקע טעמע פאַר־בינדט זיי שטענדיק.

די הויפּט־טעמע — ווייבער.

איבערן טאָג, ווען זיי זעען זיך נישט, ביזן אָוונט, זאַמלען זיי ביידע נייע פאַקטן, געשיכטעס, אינטריגעס, און מען ברענגט עס דעם צווייטן שוין פאַרטיקערהייט.

מען רעדט פון ווייבער, פון אַ חברס אַ ווייב, פון דעם און יענעמס ווייב, פון דער גאַנצער וועלט ווייבער.

דער קווינט־עסענץ, דער סך־הכל, דער באַשלוס פון זייערע געשפּרעכן איז דער...

אַז אַ טריי ווייב איז נישטאָ אויף דער וועלט, אַזאַ ווייב איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן און זי וועט נישט געבוירן ווערן:

— פאַרגעס, ברודערקע!

הורוויטשזאָן איז אַ ביסל הייזעריק, און מיט דער הייזערי־קער שטימע הערט ער אייביק די זעלבע פראַזע, ער לערנט אַריין אין שניאורזאָנען:

— פאַרשטייסט, אַ פרוי איז אין דער נאַטור אירער נישט טריי...

שניאורזאָן וויל נישט, אַז זיין חבר זאָל זיך צו פרי אָפּ־קילן, וואַרפט ער אויך אַריין אַ פראַזע:

— יאָ, נאָר עס זענען פאַראַן פרויען, וואָס...

— קיין איינע אויך נישט, — שרייט הייזעריק הורוויטש־זאָן, ער דערלאָזט אים נישט רעדן, דעם צווייטן.

און באַלד גייען אָוועק פאַקטן.

שוואַרץ אויף ווייס.

אַלע זיינע חברים, וואָס האָבן חתונה געהאַט פאַר פינף און צוואַנציק יאָר, אַלע זיינע באַקאַנטע מענער דערמאַנט ער. און ער קען אויסווייזן, אַז אַלע זענען זיי אָפּגענאַרט געוואָרן.

ער, הורוויטשזאָן, ער האָט פאַקטן...

און עס גייט אוועק אַ סדרה פון אינטריגעס, פון פּיקאַנטע קאָמיש-טראַגישע מאַן-און-ווייב געשיכטעס.

רכילות?

ניין, דאָס איז נישט קיין רכילות.

הורוויטשזאָן איז אַ אָרנטלעכער מענטש, אַ פּעדאַנט אין אַזעלכע זאַכן צו זיך און צו יענעם.

ער וויל קיינעם נישט באַרעדן... די מענטשן גייען אים נישט אָן...

עס גייט אים גאָר אין אַן אַנדערע זאַך: מען מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפווייזן דעם אמת, דערווייזן, אַז אַ פרוי איז נאָך נישט געווען טריי און וועט קיינמאָל טריי נישט זיין. אַלע ווייסן דאָך, אַז ווייס איז ווייס, מוז מען דאָס אויך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשטעטיקן און אָננעמען, ווי אַן אַקסיאָמע.

אָבער נישט באַרעדן, דאָס איז אַ מיאוסע זאַך.

גלאַט אַזוי זיך, זיי קלויבן סטאַטיסטיק, אייזערנע סטאַטיסטיק. מען דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפווייזן דער וועלט, אַז די פאַלשקייט פון דער פרוי — דאָס איז איר נאַטור...

מען מוז קומען צו אַזאַ באַשלוס און צו אַזאַ אמת; דאַמאָלס וועט מען ווייסן, ווו מען איז אין דער וועלט...

אייגנטלעך זענען די ביידע פריינט צווישן זיך שטענדיק איינשטימיק.

דער אידעאָלאָג איז הורוויטשזאָן. שניאורזאָן איז דער אָפּאָנענט, אָבער אין אָפּאָנירן איז ער נישט בייז.

— ביסט טאַקע גערעכט, אינגאַנצן גערעכט, נאָר וואָס שאַדט עס, אַז מען רעדט וועגן דעם אַ ביסל.

באַ יעדן נייעם פאַקט, וואָס הורוויטשזאָן ברענגט, און פאַקטן ברענגט ער אַ סך... די שטאָט איז גרויס, און געשיכטעס פעלן נישט, באַ יעדן נייעם סקאַנדאַל פון פאַמיליען-לעבן, חורט הורוויטשזאָן איבער זיין פראַזע:

— כ'האָב דיר געזאָגט... נישטאָ... קיין איינע אויך נישט.

דאָס איז זייער פרייד, זייער סאַטיספאַקציע און זייער נחת.

זיי טאַנצן פשוט פון אויפרעגונג. עס רעדט זיך אַזוי: זיי טאַנצן. שניאורזאָן און הורוויטשזאָן זענען נישט אַזעלכע שניעקעס, זיי זאָלן זיך לאָזן טאַנצן, אָבער אין אַ געהויבענער הויכער שטימונג קומען זיי אַריין פון יעדן נייעם פאַקט, פון יעדן פאַמיליען־סקאַנדאַל. דער עיקר: צוויי מענטשן האָבן אַ פעסטע טעאָריע, און דאָס לעבן אַליין באַשטעטיקט יעדן טאָג זייער טעאָריע... וואָס דאַרף מען מער?

מענטשן זענען צופרידן מיט ז י י ע ר אמת.

עפּעס איינמאָל האָט זיך יאָ פאַרהאַטשעקט.

ווען איינער אַ יונגער פרוי, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק חתונה געהאַט מיט אַ שיינעם און רייכן יונגמאַן, האָבן זיי ביידע, די צוויי אַלטע בחורים, נישט געקענט דורכקומען.

הורוויטשזאָן האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנס, אַז זי איז נישט בעסער, ווי אַלע...

שניאורזאָן האָט געזאָגט, אַז כּל זמן עס זענען נישטאָ קיין באַווייזן, קען מען נישט משפּטן.

דער היציקער הורוויטשזאָן האָט אַריינגערעדט אין אים, לאַנגע נעכט האָט עס געדויערט.

— קיין באַווייזן האָב איך נאָך נישט... אָבער עס וועלן זיין באַווייזן אויך, וועסט זען.

און דער סוף איז געווען: איינמאָל בשעת די צוויי האָבן געמאַכט זייער שטענדיקן שפּאַציר, אויף דער ביעלאַנסקאַ גאַס איז דאָס פאָרגעקומען, לעבן דעם ליכטיקן רעסטאָראַן „אַאַזאַ"...

אַ צוויי־פערדיקע דראָזשקע איז צוגעפאָרן צום רעסטאָראַן און פון דאָרט איז אַרויסגעגאַנגען יענץ ווייבל, צוליב וועלכע מען האָט זיך אַזוי לאַנג געשפּאַרט.

דאָס ווייבל... און נישט אַליין, מיט אַ פרעמדן יונגנמאַן.

— וואָס זאָגסטו איצטער, שניאורזאָן?

— ביסט גערעכט, הורוויטשזאָן... איך זע, אַז דו ביסט גערעכט...

— מיט גאָלד, זאָג איך דיר, באַדאַרף מען דאָס אויס־קריצן אויף די ווענט, „קיין איינע אויך נישט"...

אויף אַלע ווענט באַדאַרף מען עס אָנצייכענען. דאָס מוז ווערן א „מעמענטאָ" פאַר יעדן מאַן. אָט דידאָזיקע פרוי, וועמענס בגידה זיי האָבן לעצטנס באַם רקט, האָט זיי חבריש פאַרייניקט, פונקט, ווי זיי וואָלטן אַ טייערן אוצר געפונען און איצט טיילן זיי זיך מיטן אוצר, ווי אָרנטלעכע שותּפים: „דיר א רענדל, מיר א רענדל!" „דיר א גאָלד-שטיק, מיר א גאָלד-שטיקל".

זיי האָבן איצטער געשפּרייזט אויפגעמונטערט, די אַנטדע־קונג האָט זיי צוגעגעבן מוט. הורוויטשזאָן איז אפילו געוואָרן סענ־טימענטאַל, ער האָט שניאורזאָנען גענומען אונטער דער האַנט...

און כּסדר געמורמלט הייזעריק:

— כ'האָב דיר געזאָגט...

און שניאורזאָן איז געוואָרן רעדעוודיקער, ער האָט אימפּראָ־וויזירט:

— אין א וואָך, צי אין צוויי וואָכן שפּעטער וועט קומען דער מאַן צוריק, און זי וועט זיך חנדלען: „כ'האָב געבענקט נאָך דיר". אַי, א ווערטל...

דורך די אַלע פּראָזן, וואָס זיי האָבן אויסגערעדט אין יע־נעם אָוונט, האָט זיך געריסן איין געדאַנק, איין באַרעכטיקונג:

— מיר האָבן גוט געטון, וואָס מיר האָבן נישט חתונה געהאַט.

זיי האָבן וועגן דעם נישט גערעדט, זיי האָבן זיך אָן ווער־טער פאַרשטאַנען.

היינט האָבן זיי געהאַט א גוטע נאַכט.

און נישט באַמערקט האָבן זיי א לאַנגע צייט, אַז עס רעגנט, אַז עס איז האַרבסט...

זיי האָבן זיך צוגערוקט איינער צום צווייטן, געשטעלט אינאיינעם די טריט, צונויפגעגאָסן, ווי א סיאַמער צווילינג, געגאַנ־גען און געשוויגן, דערמאַנט זיך עפּעס און גענומען רעדן:

— און ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס איז מיט איר אַריין אין „אַאַוּאַ"?

— אַן אונטערשייד... קיין בעלנים פעלן נישט...
— זי האָט שיין אויסגעזען, — זאָגט הירודישיאָן.
— און איר מאַנס רייכקייט, ער באַצאָלט פאַר די קליי-דער...
— און דער יאָלד, דער מאַן, איז גליקלעך, ער באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ שיין ווייבל...
— הער אויף, שניאורזאָן! די גאַנצע וועלט איז אַזוי נאַריש.
פלוצלינג האָט איינער פון זיי אויפגעהויבן די אויגן און אַרויפגעקוקט צו אַ מויער, צום צווייטן שטאָק...
— וואָס קוקסטו, שניאורזאָן?
— איך קוק אין דעם ראַזאַוון פענסטער, אַ ליב פייערל דורכן גאַרדין...
— אַ שלאָפצימער אַודאי, וואָס פאַרשטייסטו נישט...
דאָס פרעמד אידיליש פייערל האָט זיי פלוצלינג דערמאַנט, אַז זיי אַליין זענען עלנט און אַלט, אַ קעלט האָט דורכגענומען די ביינער... נאָר זיי האָבן וועגן דעם קיין וואָרט נישט גע-רעדט...
עס רעגנט, מען באַדאַרף גיין אַהיים.
זיי זענען געגאַנגען אַהיים און אין באַסקייט פון דער גאַס ווידער געקייט די געשיכטע מיטן יונגן ווייבל...
— באַ מיר איז דאָס הייליק — האָט הירווישאָן צום לעצטן מאָל אין הײנטיקער נאַכט זיך אָפּגערופן, באַ מיר איז דאָס אײזן:
— נישטאָ... קיין איינע אויך נישט...קיין איינע נישט.
שניאורזאָן האָט געגעניצט...

מיר זענען קוויט.

זי האָט זייער מורא געהאַט... פון טאָג ביז נאַכט פלעגט זיך איר שרעק פאַרטאָפּלען. יאָ, ער קומט צופאָרן איר מאַן, פיר יאָר האָט זי אים נישט געזען. איר מאַן, איר געליבטער, איר ערשטער פריינט, וועמען זי האָט אַלע אירע חלומות פון דער קינדהייט און יוגנט אָפּגעגעבן.

ער האָט געלערנט אין דייטשלאַנד און, בשעת די מלחמה איז געקומען, האָבן אים די דייטשן פאַרהאַלטן.

איצט איז די מלחמה שוין געענדיקט, נאָך דריי יאָר שווייגן איז אָנגעקומען פון אים די ערשטע דעפּעשע: „איך פאָר דורך שטאָקהאָלם צו דיר קיין רוסלאַנד, מיין טייערע!".

צום ערשטן איז עס ווי אַ דונער אַראָפּגעפאַלן די בשורה פון יענער זייט גרענעץ. אויסגעזען האָט עס איר, ווי אַ גרויס אומגליק. וואָס? ער קומט? ער וועט זיין ווידער מיט איר, און זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז ווייט פון אים, אַז זיי זענען איצט פרעמדע מענטשן. ביסלעכווייז, און זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ער לעבט נאָך בײַ איר אין דער נשמה. די צייט האָט אים בלויז צוגעדעקט, אָבער נישט אויסגעמעקט פון איר האַרץ... דאַכט זיך,

אַז זי ליבט אים נאָך, זי ליבט, צי דאָס האָט זיך איצט אויפגע־וועקט דאָס אַלטע געפיל מיט אַ נייער גייגעריקייט.

זי האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט די דעפּעשע, דאָס שטיקל פּאַפּיר האָט געציטערט אין איר האַנט, דאָס געפיל איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט, ג וואַקסן מיט דעם געדאַנק, אַז היינט־מאָרגן וועט זי אים זען, דאָ לעבן זיך, נאָענט...

פרייד און שרעק האָבן איר די עטלעכע ווערטער געבראַכט. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט אים טאַקע ליב, אַז אַ צווייטן וועט זי אַזוי נישט ליב האָבן...

נאָר צווישן זיי ביידע שטייט איצט אַ וואַנט:

איר זינד...

זי האָט אים פאַראַטן, זי האָט אים אָפּגענאַרט.

איצט שטייט די זינד איר פאַר די אויגן, ווי אַ שפּאַטישער מלאך־המות, און וויל נישט אָפּטרעטן, און וויל אַ רגע רו נישט געבן.

זי גיט זיך אָפּ אַ חשבון, זי דערמאָנט אַלע קליינינקייטן און אַלע גרויזאַמקייטן פון די פיר יאָר.

אין ערשטן יאָר איז נאָך, ווען עס איז, אָנגעקומען אַ בריוו פון אים. דערנאָך זענען אַוועק חדשים, יאָרן פון שווייגן, פון אומ־באַוווסטן שווייגן.

זי איז אים געווען געטריי, זי איז גראָד געווען פון די איינ־בעשפּאַרטע. אַ שיינע יונגע פרוי, איז זי שטענדיק געזעסן אין דער היים, אָפּגעהיטן זיך פון שטן. צוויי זומערן איז זי געבליבן אין מאָסקווע אין אירע אויסגעפּוצטע און דאָך לאַנגווייליקע צי־מערן, זי האָט נישט געוואָלט אַרויספאָרן אויף קיין זומער־ווױנונג, אויסגעמיטן דאָס טומלדיקע און דאָס רייצנדע פון לעבן, אויסגע־מיטן מענער.

נאָר אין דריטן זומער זענען אירע און זיינע קרובים צו איר צוגעשטאַנען:

זי זאָל אַרויספאָרן קיין קרים, זי איז אַזוי אויסגעבלייכט פון דער שטאָט...

און דאָרטן באַם ים, אונטער דער דרום־זון, האָט זיך איר

בלוט אויפגעכאַפּט, אַ גרויסע בענקשאַפט צום לעבן איז געקומען צו איר.

זי האָט זיך געוואָרפן אין לעבן אַריין מיט דער גאַנצער פרייד פון אירע יאָרן, מיט אַ פאַרדרוס, וואָס זי האָט לאַנגווייליק און גרוי געפטרט עטלעכע יאָר, וועלכע וועלן שוין צוריק נישט קומען.

זי האָט באַמערקט אַ שמייכל צו איר פון אַ מאַן, און אויף דעם שמייכל האָט זי געענטפערט, צוערשט מיט אַ שמייכל, דערנאָך מיט נשמה אין שפעטער מיט אַלץ...

דאָס איז געווען אַ זומער פון אַבסאָלוטער פאַרגעסונג, זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַן אַלטער מאַן וויל נישט טראַכטן פון טויט...

לעבן איר איז שטענדיק געווען דער רוסישער אַקטיאָר, מיט וועלכן זי האָט זיך צונויפגעחברט. זיי זענען געווען איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, זיי זענען געווען אָפנהאַרציק.

— מיטן זומער וועט זיך אַלץ ענדיקן? — האָט זי אים איינמאָל געפרעגט.

— איך רעכן, אַז אַלץ...

— וואָס זאָל איך טון, ווען מיין מאַן וועט צוריקקומען? דערציילן אָדער נאַרן?

— שווער צו געבן אַזעלכע עצות, טייערע!

אין די ווייַנגערטנער האָבן זיך די צווייגן געבויגן פון ווייַנטרויבן, די רויזן אין יאַלטע זענען געלעגן, ווי אַ בונטער רעגנבויגן אין די גערטנער, ווי טויזנט רעגנבויגנס, דער ים האָט געשוימט און דאָס פּערל האָט, ווי אַנדערע טויזנט פּערלען, געגומען פון די הייסע זומער-טעג און פון די שמעקעדיקע תאווהנעכט אַלץ, וואָס מען קען נעמען.

דערנאָך איז אַן אויטאָמאָביל געפלויגן איבער די הונדערט קילאָמעטער פון יאַלטע ביז סימפעראָפּאָל, דערנאָך דער צוג ביז מאָסקווע.

ער איז אַוועק אין זיינע וועגן, זי — צו זיך.

דער זומער איז איר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן,

ווי א רויסער זייל, האָט אָפּט געברענט איר ליב און נשמה און אַמאָל געשראָקן, ווי אַן אינקוויזיטאָר, שלאָפן און לעבן נישט געלאָזט.

איצט איז ווי אַ דונער אַראָפּגעפאַלן די דעפּעשע פון א״ם.

וואָס וועט דאָ זיין? ווי וועט זיך דאָס ענדיקן?

די אַלטע ליבע צו אים האָט זיך אויפסניי אין איר אויפגעוועקט. אין דעם טאָג האָט זי זיך טויזנט מאָל פאָרגעשטעלט זיין געשטאַלט.

ווי זעט ער אויס? עלטער געוואָרן? ערנסטער? מענלעכער?

זי האָט זיך דערמאָנט די טעג בשעת זיי זענען נאָך ביידע געווען אין גימנאַזיע, דערמאָנט אַ סך, אַ סך קלייניקייטן און דעם שענסטן פאָדעם, וואָס זיי האָט פאַרבונדן: די פאַרטרויונג פון איינעם צום צווייטן, די ערלעכקייט, וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון זייער צוזאַמענלעבן

זי האָט אַ סך געטראַכט און געליטן...

און באַלד איז געקומען אַ צווייטע דעפּעשע, ער איז שוין אין פינלאַנד, ער פאָרט גלייך קיין פעטערבורג און פון פעטערבורג קיין מאָסקווע, זאָל זי אים אָפּוואַרטן אין דער באַשטימטער שעה...

אויפן וואָקזאַל האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ סך קרובים, באַקאַנטע און פריינט.

דער צוג איז אָנגעלאָפן, זי האָט די ערשטע אים באַמערקט, ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער.

זיין פנים איז בלייכער געוואָרן, די קליידער אָפּגענוצט, נאָר דאָך האָט זי אין אים דערזען אַזוינס, וואָס האָט איר שטאָלץ געמאַכט, ער האָט צוגענומען פיל ערנסטקייט אין די אויגן, ער איז שענער, רייפער געוואָרן, די פלייצעס ברייט...

זיי האָבן זיך צעקושט און נישט געפונען קיין ווערטער.

זי האָט אים געפרעגט:

— דו ביסט בלייך... פאַרוואָס?

— אין דייטשלאַנד האָט מען שלעכט געגעסן.

די קרובים און פריינט האָבן זיך אַלע געוואונדערט: צוועק-

געפאָרן אַ יינגל כמעט, און איצט מיט אַזעלכע ברייטע אַקסלען צוריקגעקומען.

מען האָט זיי אָפּגעפירט אַהיים און שפּעטער געלאָזן אַליין.

און ערשט ווען זיי זענען געבליבן אַליין, איז אַזוי ווי אַ שאָטן אַראָפּגעפאַלן אויף זיי.

נאָך אַזאַ לאַנגע צייט פון צעשיידונג, און זיי שווייגן גאָר.

ער האָט עפּעס געליטן אין זיך, זיך געסטאַרעט צו רעדן און דאָך מער געשוויגן, ווי גערעדט. פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אַן אומרויקן אויף איר. זי האָט עס באַמערקט, אויפגעציטערט און געפרעגט:

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, וואָס שווייגסטו?

— גאָרנישט, טייערע...

דערביי האָט זי מיט מורא געטראַכט: אפשר ווייסט ער שוין פון אַלץ, אפשר האָט אים שוין ווער אַריינגעברומט?

זי האָט דערפילט, אַז לאַנג וועט זי אַזאַ שטימונג נישט אויסהאַלטן, איז זי צוגעשטאַנען צו אים:

— דו פאַרבאָרגסט עפּעס פון מיר...

— ס'קען זיין...

— וואָס?

האָט ער זיך אויפגעהויבן, האָט זיך אַרומגעשפּרייזט און גענומען רעדן:

— געדענקסט לידיאַ, מיר האָבן שטענדיק צווישן זיך גערעדט, אַז מיר וועלן איינער דעם צווייטן נישט נאַרן.

זי האָט באַכאַמאָל אויפגעציטערט.

און זי האָט זיך אַ טראַכט געטון, אַז פאַר איר איז צו שווער דערדאָזיקער גיהנום. באַלד וועט זי אַלץ אויסזאָגן... זאָל ער וויסן... זי איז נישט שולדיק, יונגע יאָרן זענען אַזוי, ווי פייער, און מיט פייער שפּילט מען זיך נישט. זי האָט שוין געהאַט אַ שולדיקן. די מלחמה איז שולדיק, נאָר דאָ מוז זי ענטפערן, ער וואַרט אויף איר וואָרט. וואָס האָט ער געפרעגט: „צי זי געדענקט... אוודאי.

— איך געדענק, אָבער...

— קלויב אָן געדולד און קראַפט, הער מיך אויס און פאַר־שטיי מיך, מיין האַרץ ווערט צעריסן...

אָן כּוחות האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס איז געשען!

— ווען איך בין היינט אַרויס פון וואַגאָן, האָב איך זיך אפילו מיט דיר קושן נישט געוואָלט, איך האָב געליטן, ביז ווייטיק געליטן.

„אַלץ פאַרפאַלן, האָט זי אַ טראַכט געטון", און זי האָט שוין מיט גאָרנישט רעאַגירט... זאָל ער רעדן, זאָל ער איר אַלץ פאַרוואַרפן, זאָל ער זי אַרויסטרייבן, זי האָט עס פאַרדינט.

און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און אָנגעהויבן צו דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין דייטשלאַנד, אין אַ שטעטעלע... ער האָט געבענקט און געליטן, ער איז דאָך אָבער מער נישט, ווי אַ מענטש. בײַ זיין שכן איז געווען אַ טאָכטער, אַ שיין, יינג מיידל. זיי פלעגן זיך יעדן טאָג באַגעגענען, יעדן אָוונט, דערנאָך איז זי שוין בײַ אים אַ סך מאָל געבליבן נעכטיקן.

אַ יאָר האָט עס געדויערט...

ער קוקט אויף זיין ווייבל, ער האָט מורא צו רעדן מער, ער האָט מורא אויפצוהייבן די אויגן און ער רעדט ווייטער, פלוי־דערט, ווי אַ משוגענער:

— זי איז געווען אַ שיין מיידל, די האָר האָט זי געהאַט פון זאַנגען־קאָליר, און שטענדיק, ווען איך פלעג זי זען — ווינ־טער צי זומער — האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעדאַכט, אַז דאָס פעלד בליט, גרינט און וואַקסט. זי איז געווען גוט צו מיר, ווי אַ קינד, ווי אַ שוועסטער. איך האָב געטראַכט פון דיר, נאָר דו ביסט געווען אַזוי ווייט און זי אַזוי נאָענט, בײַ מיר אין צימער, לעבן מיין בעט, וואָס זי אַליין פלעגט אויפבעטן און פאַרבעטן. איך וועל נישט לייקענען, אויך וויל דו זאָלסט אַלץ וויסן, זי, דאָס דייטשע פרעמדע מיידל, האָט מיר געגעבן אַ סך גוטע רגעס, אַ סך נעכט האָב איך פאַרבראַכט בײַ איר אין די אָרעמס, נאָר בײַ

דער ערשטער אויפוואַכונג האָב איך געטראַכט פון ד״ר, געליטן אין מיין טראַכטן.

איצט זאָל לידיאַ משפטן, ער האָט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת, ער האָט נישט געוואָלט צווישן זיי זאָל זיין דער שקר... זאָל זי משפטן.

ער וועט זיין גליקלעך, אויב זי וועט אים מוחל זיין, ער וועט זיין אונטערטעניק, אויב זי וועט אויף אים נישט וועלן מער אַ קוק געבן...

זי האָט אים אויסגעהערט, דורכגעלעבט אין דער צייט פון זיין רעדן אַ גאַנצן גיהנום. און מיט איינמאָל אַזוי דרייסט און שטאָלץ באַ זיך געוואָרן...

— אַזוי גאָר, אַזוי גאָר!

ער האָט געטראַכט, אַז זי גייט מאַכן אַ סקאַנדאַל, און זי האָט זיך גאָר אַזוי מאָדנע פונאַנדערגעלאַכט...

— טייערער, מיר זענען קוויט!

— וואָס?

זי האָט זיך צו אים נאָענט צוגערוקט, מיט זיכערע פינגער בעגלעט זיינע האָר, און דערביי דערציילט אַלץ, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען פאַריקן זומער אין קרים... אַלץ דערציילט.

קליידער.

אַ שפּע מיט ליכט האָט די זון היינט אַראָפּגעגאָסן פון הימל, און אַ גאַנצן טאָג שעפּט דער ים דאָס ליכט, די אַלע בערג מיט די פּאַלאַצן, טויזנטער מענטשן שעפּן מיט די אויגן די שטראַלן, וואָס לאָזן זיך נישט כאַפּן און קריכן דאָך אַליין אין דער נשמה.

אומצייליקע רויזן, וועלכע האָבן אין דער פרי אויסגעזען, ווי צוגעמאַכטע רונדע ניס, האָבן זיך ביז דעם נאָכמיטאָג אויפגעעפנט, צעבליט זיך...

רויט, ווייס, געל...

פאַרבן און שטראַלן, פרייד און זיסע פוילקייט. מיט מידע פינגער האַלט ווער אַ צווייגעלע טרויבן און ער טוט ווען אַ גרויס געפעליקייט, ווען ער נעמט אין מויל אַריין אַ טרויב.

ווי אין אַ פאַנטאַזיע זעען אויס די עטלעכע ווייסע זעגלען, וועלכע זענען אַוועק ווייט איבער דער באַגלאַנצטער פלאַכקייט פון ים...

דאָס שענסטע פון דער ווייטקייט איז דער געדאַנק פון ענדלאָזיקייט. די פאַנטאַזיע שאַפט דאַמאָלס אַליין אַלע פאַטאַ-מאָרגאַנאַס, ווען דו קוקסט, ווי אַ שיף ווערט פאַרשווונדן אין די מרחקים, ווען דו זעסט, ווי נעפּלהאַפטיק די זעגלען פלאַטערן.

זון. די מענטש, וואָלסט באמת געמעגט גלייבן, אַז דער גן-עדן איז נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, ווען נישט דער טומל, וואָס גייט פון אַ פענסטער.

אָט דאָרט פון דער הייך, אין ערשטן שטאָק פון דער ווילִיע „לענאַ“, גייט אַ געשריי. בייז און מיאוס קלינגט עס אָפּ אין דעם העלן נאָכמיטאָג, אין גאָרטן, וווּ די שמאָלע ציפּריסן וואַרפן שמאָלע שאָטנס.

אַ דיסאָנאַנס.

מאַן און ווייב רייסן זיך.

ער איז אַ רייכער „מאָסקוויטש“ מיט אַ שיינעם גלאַטן פּנים, מיט גוטמוטיקע אויגן, וועלכע ווערן בייז נאָר אין איין פאַל, דאַמאָלס, בשעת ער רעדט וועגן זיין ווייב.

ער האָט זיך פאַרליבט אין איר אין מאָסקווע. זי האָט געדינט אין אַ שאָקאָלאַד-געשעפט.

האָט ער זיך פאַרליבט, און קעגן טאַטע-מאַמע, קעגן אַלעמען, זיך פאַרבונדן מיט איר אויף שטענדיק — חת נה געהאַט.

— זי איז מיין טיפּ און מיינט וועט זי בלייבן. אָט די פראַזע וואַרפט ער שטענדיק.

זי — אַ שלאַנקע בלאָנדינקע מיט אונטערגעשוירענע האָר, וועלכע זענען שטענדיק אַ ביסל צעשויבערט, מיט גרויסע אויגן, אויגן, וואָס שמייכלען צו אַלע... מענער.

קומט צו גיין אין „געזעצלעכער“ מאַן און וויל איינהאַלטן איר שמייכל בלויז פאַר זיך, אַזוי וויל ער, און ער ווייסט נישט דער דאָן-קישאָט, אַז אַ שמייכל קען מען נישט באַהאַלטן, אַ שמייכל פון אַ פרוי האָט די אייגנשאַפט, וואָס ער קען אין איין סעקונדע פליען צו מיר, צו דיר, צו יענעם און צו נאָך איינעם. און בשעת אַלע נעמען דעם שמייכל צו און זענען צופרידן, שטייט דאָרט איינער אין אַ ווינקל, ער איז אויך צופרידן; איבער אַלעמענס קאָפּ האָט די פרוי צו אים אויך געשמייכלט. ער לאַכט פון אַלעמען, ער איז אָבער אויך נישט דער לעצטער — נישטאָ קיין לעצטער.

די געוועזענע שאָקאָלאַד-פאַרקויפערין האָט זייער ליב קליי-

דער, וואָס מער קליידער, וואָס מער זייד און סאַמעט. לאָזט איר אין אַ זייד-פאַבריק וועט זי זיך כסדר וויקלען אין דעם קאָלירטן שטאָף, זי וועט זיך אַזוי איינפּלאָנטערן, פאַרפּלאָנטערן, פאַרוויקלען זיך אויף אייביק.

פאַר דער חתונה האָט זי געפרעגט בא אים:

— וויפיל קליידער איך וועל וועלן, וועסטו מיר מאַכן?

— יאָ...

נאָך דעם ענטפער איז זי שוין זיכערער געגאַנגען צו דער חופה.

ס'איז איצט אַ יאָר נאָך דער חתונה, ער האָט קיין קליידער נישט געקאַרגט.

נאָר זי שמייכלט צו אַלעמען, דאָרט אין שאָקאָלאַד-געשעפט האָט זי זיך אויסגעלערנט אַזוי צו שמייכלען.

אונטן אין גאָרטן זיצן מענטשן און הערן זיך צו צו די געשרייען, וואָס גייען פון פענסטער, מען טרייבט רכילות און מען לאַכט אויס.

אַלע ווייסן, וואָס דאָרט קומט פאָר. דער אייפערזיכטיקער מאַן האָט היינט באַגעגנט אין זיין שטוב אַ פרעמדן גאַסט און ער רעכנט זיך איצט אָפּ מיט זיין ווייב.

מענטשן האָבן ליב אַזעלכע סקאַנדאַלן, זעלטן ווען עמעצער גייט אַוועק אין אַ זייט, כדי זיך נישט צוצוהערן צו פרעמדע שאַנד און פיין... אַלע האָבן ליב אונטערצושטעלן די אויערן הינטער אַ פרעמדער טיר. פון גאָט איז די אייגנשאַפט צו די מענטשן נישט געקומען — מען שפּייזט די אומרייניקע נשמות מיט פרעמדע סקאַנדאַלן.

מיט אַ חודש צוריק איז אויך געווען אַ סקאַנדאַל.

דאַמאָלס איז דער עולם, פונקט אַזוי ווי איצט, געזעסן אין שאָטן, אויסגעשמעקט דעם ריח פון די רויזן און געוואַרט דער טאָג זאָל אַוועקגיין צוזאַמען מיט דער היץ, מען זאָל זיך שוין קענען אַ ביסל דורכשפּאַצירן לעבן ים.

און פון דעם אומרויקן פענסטער האָט מען דאַמאָלס געשריגן...

און פון דעמזעלבן פענסטער זענען דאמאלס ארויסגעפלויגן שטיקלעך קאלירטע שטאף, זייד...

שפעטער האט דער מאן דערציילט פאר איינעם פון די שכנים:

— איך האב זיך מיט איר היינט אפגערעכנט אויף מיין שטייגער.

— וואס הייסט?

— איך האב אויסגעקליבן דריי פון אירע בעסטע קליידער און צעשניטן אויף שטיקלעך און די שטיקלעך שטאף פון פענסטער ארויסגעווארפן... איר האט עס געזען?

— יא, נו, צי וועט עס העלפן?

— עס מוז העלפן, איך האב איר שפעטער געמאכט אנדערע קליידער, נאך שענערע, נאר זי וועט קיינמאל בא מיר נישט זיכער זיין מיט די דאזיקע קליידער, אין יעדער רגע קען איך עס מיט א שער אויף שטיקלעך צעשניידן, זאל זי נאר פרווון מיט עמעצן אנצוהייבן...

— א פרוי וועט איר נישט איבערמאכן.

— הע, איך וועל זי יא איבערמאכן, איך מוז פון דער ווילדער קאץ פאר זיך א היימישע קאץ מאכן, איך וועל זי אויסדרעסירן, אלע מיטלען וועל איך אויספרווון...

— אפשר בעסער אפלאזן?

— ניין, זי איז מיין טיפ, איך וועל זי קיינעם נישט אפגעבן. איך וועל איר הונדערט קליידער אויפנייען און אלע הונדערט קליידער אויף פיצלעך צעשניידן, אפילו קען נישט צוקוקן, ווי מען צעשניידט אירס א שיין קלייד. איר וועט זען, זי וועט ברענגען קרבנות, זי וועט אויפהערן די היגטישע שטיק.

דערווייל האט עס קיינער נישט געזען, נאר די סקאנדאלן האבן אלע יא געהערט.

היינט ווידער.

ע' האט געזאלט אוועקפארן קיין מאסקווע, אבער פון סעוואסטאפאל האט ער זיך צוריק אומגעקערט. ערשט נישט לאנג

איז ער געקומען און אין דערהיים באַ זיך האָט ער געטראָפֿן אַ פרעמדן.

יענער האָט זיך אַרויסגערוקט.

און דאָס פּאָרל שרײַט און ליאַרמט.

אין גאָרטן הערט מען זיך צו, מענטשן שמייכלען איינער צום צווייטן, דער שיינער טאָג פּאַרלירט פון די גוואַלטן...

מיטאַמאָל נעמען פליען פון פענסטער גלעזער און גלעזלעך, אַ פלאַש ווײַן, ביסקוויט, עפּל, ווײַנטרויבן.

דאָס איז פון דער סעודה, וואָס דאָס נישט געטרייע ווײַבל האָט צוגעגרייט פאַר איר נייעם באַקאַנטן. אין גאָרטן נעמט מען לאַכן, מען וואַרט אויף נײַע חפצים, און דאָס שפּיל פאַרענדיקט זיך מיט אַ סאַמאָוואַר...

אַ ניקלענער סאַמאָוואַר פליט אַרויס פון פענסטער און פאַלט שווער אַראָפּ צווישן צוויי רויזן-ביימלעך.

— אויבן איז מען שוין אינגאַנצן משוגע געוואָרן.

און מען קוקט מיט דער גרעסטער נײַגעריקייט צו יענעם פענסטער, וואָס דינט איצט פאַר די ליידיקגייער, ווי אַ סצענע, וווּ עס שפּילט זיך אַ פאַרס.

— שאַ, וואַרט, עס קען זײַן דאָס ווײַבל וועט באַלד פליען פון פענסטער.

— ניין, דאָס וועט ער נישט טון. ער האָט זי צו שטאַרק ליב... ער דרעסירט זי, ער האָט זיך אַרײַנגענומען אין זײַן נאַרישן זינען, אַז ער וועט זי אויסדרעסירן.

— ווען זי וועט אַלט זײַן אַ יאָר זעכציק, וועט זי אויפהערן, וועסט זען, דער מאַן וועט מיט איר דאַמאָלס צופרידן זײַן.

דער עולם וויצלט זיך און קוקט ווידער אַרויף צום פענסטער.

דער קאָנצערט איז געענדיקט. מער שרײַט מען נישט.

און אַז עס ווערט שטיל, באַקומט דער טאָג ווידער זײַן זוניק געשטאַלט, און די פאַרבן פון די בלומען ווערן ווידער פרייַלעך און בונט.

ווערן די מענטשן שווייגעדיקער און פון שווייגן זענען זיי שענער, ווי גרויסע קלוגע פייגל זען זיי אויס אין זייער רוען. די רויע שמעקן שטארקער, זייערע פארבן ווערן באַטער, די נאַטור האָט ליב דאָס שווייגן, דעמאָלט עפנט זי אירע קאָלירטע אויגן און דעקט אָפּ איינגאַנצן איר גרינע ברוסט, זי באָדט זיך אויף דער זון נאַקעט און פריי.

דאַכט זיך, אַז די מענטשן האָבן דערפילט, ווי קליין און נשטיק זיי זענען פריער געווען. עס קומט חרטה, יעדערער לייטערט זיך אָפּגעזונדערט מיט זיין שווייגן פון צווייטן.

שפעט אין אָוונט, ווען איבער די שוואַרצע סילועטן פון באַרג און וואַלד שוועבט די לבנה, ווען פון נאָענטן ים טראָגן זיך קלאַנגען פון מאַנדאָלינעס, זיצן צוויי מענטשן אין גאָרטן און שמועסן.

איינער פון זיי איז דער מאַן פון דעם בלאָנדן ווייבל מיט די אונטערגעשוירענע האָר.

ער רעדט זיין האַרץ אויס פאַר זיין שכן:

— צו די מענער, וועלכע לויפן איר נאָך, קען איך גאָרנישט האָבן. עס מוז דאָך זיין אַ געוויסע גערעכטיקייט צו זיי, שולדיק איז זי דאָך, זי שמייכלט צו זיי, איך וואָלט דאָך נישט געווען בעסער, אָבער מיט איר וועל איך זיך אָפּרעכענען.

— וואָס רעכנט איר! מיט אַ רעוואָלווער?

— ניין, דאָס קיינמאָל נישט. איך האָב זי ליב און איך היט זי פאַר מיר. איר ווייסט, פאַרוואָס איך האָב היינט געוואָרפן דעם סאַמאָוואַר פון פענסטער? —

— פאַרוואָס?

— ווייל צו די קליידער האָט זי נישט צוגעלאָזט, האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן דער שאַנק און ווי אַ העלדין אויסגעשריגן:

— איבער מיין טויטן קערפער וועסטו צוגיין צו דער שאַנק.

— נו?

— און זי האָט אויסגעפירט, איך האָב זיך צו די קליידער נישט צוגערירט. באמת, עס איז אַ צו טייערער קאַמף. די שניידער-

קעס נעמען צו בײַ מיר אַ קאַפּיטאַל מיט געלט. נאָר אין שרעק וועל איך זי האַלטן. ווי זי וועט צו וועמען עס איז אַ שמייכל טון, וועל איך סטראַשען מיט דער שער. איך האָב איר הײַנט געזאָגט, אָנגעזאָגט, אַז איך וועל קיין איין קלייד גאַנץ נישט לאָזן. די לעצטע פּאָר זאַכן וועל איך צעשניידן, און זאָל זי גיין קאָקעטירן אָן מײַנע זײַדענע לעך און פּאַנטאָפּעלעך.

— שכן! אפשר וואָלט געווען בעסער, אַז איר זאָלט זיך אָפּגטן און געפינען אַ מער צוגעפּאַסט ווײַבל...

— ניין! דאָס קיינמאָל נישט. זיי זענען אײַנע נישט בעסער פאַר דער צווייטער. און דער עיקר: זי איז מײַן טיפּ, איך וועל מײַנס אויספירן. די קליידער וועלן מיר אַרויסהעלפן. זי האָט צוויי ליידנשאַפטן: קליידער און פרעמדע מענער. צו מײַן גליק בין איך רײַך און קליידער קען איך איר געבן אַזוי פיל, וויפיל זי פאַר-לאַנגט... איר וועט זען, דאָס העט מיר ראַטעווען.

צום גליק איז פינסטער און דער אייפערזיכטיקער מאַן באַ-מערקט נישט, ווי זײַן שכן שמייכלט. אַ מענטש רעדט זיך איין, אַז ער וועט איבערמאַכן די וועלט, מיט קליידלעך וויל ער ראַטע-ווען זײַן ליבע און זײַן כבוד.

די גרויסע נאַכט נעמט צו דעם שמייכל...

נקמה.

שוין נישט קיין יונגער בחור, האָט אים אין דער מלחמה־צייט אָפגעגליקט: ער האָט פאַרדינט אַ סך געלט און גענומען זיך צו רעאַליזירן זיינע חלומות און האָפנונגען.

אַ מענטש, וואָס האָט פריִער אַ ביסל צוגעהונגערט, האָט ער איצט געלעבט פיין און רייך. נישט געוואָרן קיין אויסברעיִגער, באַר נישט געווען קאַרג. געהאָלפן אַ חבר און פאַרברענגט מיט חברים... אין אַלע ערטער, ווו ער פלעגט זיך באַווייזן, אין אַלע באַגעגענישן מיט נייע באַקאַנטע, האָט ער געהאַט איין פאַרבאָרגענע כוונה: באַגעגענען פאַר זיך אַ שיין מיידל, אַן אָרנטלעך מיידל, וועלכע זאָל טיילן מיט אים זיינע ליידן און... זיינע אָנגעזאַמלטע רייכקייטן. פאַר וועמען דען לעבט מען אויף דער וועלט? און פאַר וועמען וויל מען רייך זיין, אויב נישט פאַר אַ שיינע פרוי? ער האָט געפילט אונטער זיך אַ פעסטן פונדאַמענט, און אויף דעם פונדאַמענט באַדאַרף מען אויפשטעלן אַ וואַרעמען בנין, אַ ווינקל פאַר די יאָרן, מען דאַרף געפינען נחת אין לעבן. געלט אַליין איז נאָך נישט אַלץ.

געזוכט און געפונען.

באקאנט זיך מיט א שיין מיידל, גענומען אריינגיין צו איר אין שטוב.

רוניא האט זי געהייסן, א בלאנדע, מיט לאכנדיקע אויגן, און זי האט זיך זייער געפרייט מיט זיין יעדער מתנה.

מתנות האט ער געבראכט פון צייט צו צייט.

זיי זענען געווארן חתן־כלה.

זי האט צו אים געשמייכלט, געגאנגען מיט אים אין טעאטער, אויף קאנצערטן, אויף בעלער. זיין קעשענע האט פאר איר אלע טירן געעפנט.

און זי האט אים אויך שטארק געליבט און געשעצט... זיין קעשענע. עס האט אויסגעזען, ווי אויף אן אמת א פארליבט פארל.

זי האט זיך גענומען בעסער קליידן, און פון דעם איז זי גאר שענער געווארן. א סך יינגע לייט פלעגן צו איר שמייכלען. זי האט זיי נישט געענטפערט, ווייל קיין איינער פון זיי איז אזוי רייך נישט געווען, ווי איר חתן.

קאפריזן האט זי באקומען. מוזיק שפילן האט זיך איר פארוואלט — האט ער אריינגעשטעלט בא זיי אין שטוב א קלאוויר.

בא אירע עלטערן זענען די געשעפטן בעגאנגען שלעכט, האט ער זיי געהאלפן מיט אלץ.

וואס טוט מען נישט פאר א שיין מיידל, מיט וועלכער מען דארף איינגיכן חתונה האבן?

ביז דעם גאלדענעם קדושין־רינגל האט ער דערווייל געקויפט פאר איר א בריליאנטענעם רינג און אנדער צירונג.

זי... זיין רוניא...

יא, אמאל פלעגט ער א טראכט געבן: ווי וואלט זי געקוקט אויף אים, ווען די קעשענע וואלט געווען ליידיק? ער איז נישט געווען אזא נאר, ער זאל זיך איינרעדן, אז זי איז אין אים, נאר אין אים פארליבט... אבער ער האט זיך געלאזט נארן, ווי טויזנט אנדערע. ס'איז דאך גענוג געווען, זי זאל האסטיק א פאל טון צו אים און בעמען קושן:

— מיין טייערער, מיין באשערטער!

און ער איז שוין געווען אין זיבעטן הימל, און ער האָט טאַקע געקומען טראַכטן, אַז דאָס איז אים באַשערט פון הימל. ער איז שטאָלץ געווען מיט זיין כלה. מענטשן פלעגן צו אים זאָגן:

— מען מעג דיך מקנא זיין, האָסט זיך אויסגעקליבן אַ טייערע כלה.

נאָך אַזעלכע קאָמפּלימענטן, וואָס ער הערט אויף דעם חשבון פון זיין כלה, לויפט ער גלייך קויפן אַ נייע מתנה פאַר זיין רוניאַ.

ער האָט אַ ציל אין לעבן, געהאַט אַ ליניע, און אויף דער ליניע איז ער זיכער געגאַנגען... מיטאַמאָל.

אין איין וואָך האָט זיך אָבער אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ: אויף אַ באַל האָט זי זיך באַקאַנט מיט איינעם...

ער האָט גענומען וואַרפן מיט קאָמפּלימענטן. טישט אָפּגעטרעטן פון איר, אַ העכער, אַ שטאַרקער, אַ דרייסטער.

און דער עיקר: אַלע האָבן אים געקענט, אַ רייכן פאַבריקאַנטס אַ זון. רייך. רייכער פאַר איר חתן.

ער האָט גענומען אַריינגיין צו זיי אין שטוב. ער האָט גענומען מאַכן פאַרשלאָגן, ער האָט גענומען און איינגענומען דאָס פעסטונג.

דער אַלטער בחור האָט באַקומען אַ בריוועלע, אַז אַלץ מוז זיך בייטן, אַז אַלץ, וואָס איז געווען, איז אַ טעות, אַ צופאַל, און צום באַדויערן, צום טרויערן. צום אומגליק מוז ער זיך שיידן מיט רוניען, מיט זיין רוניען, מיט אַלע זיינע חלומות.

צום אָנהייב האָט דער מענטש געטראַכט, אַז דער הימל איז שווער געוואָרן מיט מיליאַרדן פונדן בליי, און דאָס אַלץ איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין בידנעם קאָפּ...

וואָס איז דאָס? שוין נישטאָ קיין אמת, קיין וואָרט, קיין גאָט? ווי אַזוי דרייט מען אַלץ אום מיטן קאָפּ אַראָפּ? ער פילט נאָך די קושן, עס קלינגען נאָך אין זיינע אויערן די שטילע ליידנשאַפטלעכע ווערטער, ווען זיי פלעגן זיך שושקען אין די ווינקעלעך פון איר טאַטנס הויז... אָט מיט צוויי טעג צוריק האָט זי פאַר אים געשפילט שאָפּענס נאָקטורן... ס'איז אין יענער רגע

געוועז אַזוי גוט אויף דער נשמה... וואָס איז דאָס? ווו איז דאָס אַלץ אַהין נגעקומען? וועלכער לץ מאַכט פון אים חוזק?

דערנאָך האָט ער זיך ביסלעכווייז באַרויקט. אַריין אין זיין אַלט-בחורישער פעל און געוואָרן א פילאָזאָף. מיט אַ גלייכגילטי-קער פארביטערונג האָט ער געקוקט אויף אַלץ, אויף יעדער גע-שעעניש פון לעבן...

יאָ, דער קלאַוויר, די מתנות, דער ברילי אַנטענער רינג... אַלץ איז געבליבן בא איר.

זי איז דאָך אַ נטעליגענט, דערצויגן, און ער — נישט מער, ווי אַן אויפגעקומענער נגיד...

זאָל זי זיך צערטלען מיט זיין ברילי אַנט.

זאָל זי זיך שפילן שיינע מעלאָדיעס פאַר איר נייעם חתן אויף דעם קלאַוויר, וואָס דער אַלטער חתן האָט איר גע-שענקט...

קליינ קייטן.

נאָר איינזאַם איז דער אַלטער בחור געבליבן, אין שטוב בא אים איז קיינער נישט געווען, קיינער פלעגט אַהין נישט קומען. אַ סך מאָל האָט ער פשוט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין זיין שלאָפצימער. מורא געהאַט פאַר דער ליידיקייט, וואָס האָט דאָרט געהערשט.

און ער האט גענומען זוכן פריינט...

צוערשט האָט ער געקויפט אַ שטייגל מיט אַ קאַנאַריק. באַטאָג האָט דער קאַנאַריק געזונגען, נאָר דער טאָג איז אים ווייניק אַנגעגאַנגען, באַטאָג האָט ער געהאַט געשעפטן.

און באַנאַכט כאַפּט זיך אַמאָל דער קאַנאַריק און נעמט דראַפּען מיט זיין שנעבעלע די דראָטענע ווענטלעך פון שטייגל...

יאָ... עפּעס לעבט בא אים אין צימער.

זאָל זיך עפּעס באַוועגן, זאָל עפּעס ציטערן פון לעבן.

דאָס טאַש-זייגערל פלעגט ער אויפקלייגן באַנאַנט לעבן זיך און זיך צוהערן צום קלאַפּן, צום שוואַכן „טיק-טאַק“. די צייט גייט, די צייט לעבט...

ער פלעגט זיך איצט דייטלעכער צוהערן צום רויש פון דער

גאַס, צו פרעמדע טריט... ער איז טאַקע איינזאַם, אָבער עס איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט, און דאָס לעבן באַוועגט זיך, טומלט, פרייט און טרויערט. ער האָט גענומען זוכן יניקה אויסער זיך. און ווידער געזוכט... אַ פריינט.

איינמאָל האָט אים אויף דער גאַס אָפּגעשטעלט אַ מענטש מיט אַ הינטל...

— פאַניע, קויפט! דאָס איז דער בעסטער חבר.

ער האָט געקויפט „דעם בעסטן חבר", און אין זיין שטוב איז צוגעקומען אַ שיין ביסל טומל, וואָס דער פיר־פיסיקער נפש האָט מיט זיך געבראַכט.

דאָס הינטל איז עלטער געוואָרן, איז אָבער זייער ווייניק געוואַקסן, געבליבן אַ קאַרליקל, פלינק און לעבעדיק, שטענדיק לוס־טיק.

מען האָט עס באַדאַרפט אַ נאָמען געבן.

און דער אָפּגענאַרטער חתן האָט איינמאָל אַ טראַכט געטון, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט, ווען דאָס הינטל זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זיין געוועזענער כלה... זאָל עפּעס בלייבן פון איר לזכרון.

רוניאַ!

דאָס הינטל האָט דעמאָלט נאָמען צוגענומען, און בײַ יע־דער רוף פון באַלעבאָס פלעגט עס מיט די פלינקע קליינע פיס־לעך צולויפן און טוליען זיך, טוליען זיך... אפשר נאָך מיט מער טרייהייט, ווי יענע רוניאַ.

און עס פלעגט טרעפן גאַנץ אָפט, אַז בײַ אים אין צימער איז געווען זייער פריילעך.

דער קאַנאַרעק ווייסט נישט פון קיין קונצן, ער דערמאָנט זיך זיין אור־אור־עלטער־זיידן פון די וואונדערבאַרע אינדזלען, און ער טרעלט זיך פונאַנדער מיט אַ געזאַנג פון זון און עקזאָטישער פרייד...

עס צעגייט איבערן גאַנצן צימער, אפילו די שכנים קלויבן נחת פון די קלינגענדיקע טרעלן. איין נפש איז אָבער נישט צו־פרידן.

דעם הינטל פאַרדריסט עס, עס קען נישט פאַרטראָגן, וואָס דער געלער ממזר טרעלט דאָרט אונטערן סופיט אין שטייגל.

נעמט דאָס הינטל בילען, און דער קאַנאַרעק זינגט אונטער זיין אַקאָמפּאַנימענט, און דער בעל-הבית אַליין ווערט פריילעך. ער ליגט אויף דער קאַנאַפּע און קוועלט-אָן.

געפונען מיט וואָס צו פאַרנעמען די צייט...

אַ כּפּרה דאָ״ט די שידוכים.

אַ פריינט זיינער קומט פון אַ צווייטער שטאָדט, יענער ווייסט נאָך נישט, אַז ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט רוניען. ער באַגעגנט אים אין גאַס.

— וואָס מאַכסטו?

— אָט אַזוי. מען לעבט...

— און וואָס מאַכט רוניאַ?

— רוניאַ איז געזונט. זי איז בא מיר...

— שוין בא דיר? מזל-טוב... איך וואָלט זי וועלן זען.

— קום אַרויף צו מיר, וועסטו זי זען.

און די צוויי אַלטע באַקאַנטע, די צוויי פריינט לאָזן זיך אַוועק, זיי גייען און רעדן. וועגן מסחר, ביז זיי שפּרייזן-אַרויף אויף דעם ערשטן שטאָק פון אַ שיין הויז.

— האָסט זיך פיין איינגעאָרדנט — זאָגט דער פריינט.

— מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, זאָג איך דיר.

דער באַלעבאָס פון דער וווינונג שליסט אויף די טיר, זיי גייען-אַריין אינעווייניק. דאָס הינטל בילט זיך פונאַנדער...

— שווייג, רוניאַ! דאָס איז מיין פריינט.

דער פריינט קוקט אים אָן.

— רוניאַ? דיין הינטל הייסט אויך רוניאַ?...

— יאָ! מער ווי דאָס הינטל האָב איך נישט.

ער גלעט די ברוין-שוואַרצע פעל פון פיר-פיסיקן און האַלב שפּאַסנד, האַלב פאַרביטערט דערציילט ער אויס וואָס מיט אים האָט לעצטנס פּאַסירט...

— האָסט אַ נאָמען געגעבן נאָך „איר״?

— יאָ...

דער פּריינט דערלאַנגט אַ שמייכל, און דערביי וויל ער אויך אַ גלעט געבן דער „רוניא״...

אָבער דאָס הינטל לאָזט זיך נישט, עס נעמט ברומען, און זיך בייזערן.

די „רוניאַ״ בלייבט געטריי...

מימאָזע.

פון דער ריוויערע קומען בלומען. רעגעלמעסיק קומען יעדע וואָך אָן פון יענער זייט גרענעץ אין אַ טאָוול־שאַכטל עטלעכע צווייגעלעך מימאָזע...

זיין יונג ווייבל, די שלאַנקע שווייגנדיקע גוסטאַווא, נעמט צו די בלומען מיט אַ בעהאַלטענער אויפרעגונג, מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער אומרו:קייט.

די צימערן זענען באַלויכטן מיט דער זוניקער געלקייט פון די בלומען, די צימערן זענען באַשמעקט מיט דעם ציטערדיקן ריח...

די צימערן זענען פאַרהילט אין אַ סוד
און דער חסידישער יונגערמאַן גייט אַרום אַ דערדריקטער.

זינט זיין ווייבל, זיין גוסטאַווע, איז קיין אויסלאַנד געפאָרן, איז נאָך גרעסער געוואָרן די פאַרפרעמדשאַפט צווישן זיי. שווייגנדיקער איז זי געוואָרן, שטאָלצער, ערנסטער, און ווען זי האָט נאָר די מעגלעכקייט — מיידט זי אים אויס, ער פילט זיך אַלץ מער איבעריק אין זיין אייגענער שטוב. איר בליק קוקט נישט

אויף אים, און ער ווייסט, אַז קיין האָפענונג אויף איר אויפמערקזאַמקייט וועט ער זיך שוין נישט דערוואַרטן...

ווער זי איז געווען פאַר אים פריִער, ווייסט ער. זי האָט חתונה געהאַט מיט אים דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער ווילן פון איר גאַנצער משפּחה...

אַלעמענס ווילן, נאָר נישט אירער.

ווי אַ באַלאַדיקטע בת־מלכּה איז זי אַריין אין שטוב צו אים, ווי אַ שטאָלצע יחסנטע, וועמען די קרובֿים האָבן פאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה. אַ שמייכל פון איר איז שווער געווען צו באַקומען. אין איר אייביקן שווייגן האָט זיך געפילט, אַז זי טראָגט אַ לאַסט און די לאַסט איז ער, דער פרומער יונגערמאַן. ער איז אַליין פון גרויסן יחוס, אַליין אַ בן־יחיד, אַליין רייך און גרויס בײַ זיך, אָבער מיט איר טאָר ער זיך נישט גלייכן, טאָר נישט צופיל פאַרלאַנגען... דאָס אינטימסטע פון זייער צוזאַמענלעבן וואַרפט זי אים צו, ווי אַ נישט גלייכן שותּף.

זי האָט געפירט אַ באַזונדער לעבן, מיט אירע ביכער, וואָס זי האָט געלייענט, מיט אירע פריינדינס. באַזונדערע אינטערעסן און אַ באַזונדערן קוק אויף אַלץ.

בײַ פרעמדע, מיט פרעמדע פלעגט זי לאַכן, דיספּוטירן, רעדן הויך אויפן קול — מיט אים: איין טאָן — אַ געצוווּנגען רעדן, אַ געצוווּנגענער ענטפער און לאָז מיך צורו.

שפּעטער איז געוואָרן אַ ביסעלע אַנדערש.

זי האָט זיך אַ ביסל צוגעוויינט צו אים, ווייל ער פלעגט אַלץ נאָכגעבן, אפילו די לאַנגע קאַפּאָטע האָט ער, לויט איר פאַרלאַנג, סוף־כּל־סוף אויסגעטון, דאָס בערדל אונטערגעשוירן.

אַלץ צוליב איר.

אָבער, וואָס איז זי איצט פאַר אים? איצט? נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אויף יענער זייט גרענעץ. זי איז געקומען פון דאָרט, איינגעהילט אין שענערע קליידער און אין... סודות.

ער איז נישט זיכער אין איר, בשעת זי פאַרטראַכט זיך, כאַפּט ער אַ בליק אויף איר: די ליפּן אירע זענען רויטער גע-

וואָרן, אין די אויגן מער לעבעדיקייט, אויפוואַכונג, רוגזה, זינדי־קייט — ער קען נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז.

און זי אויף אים האָט גענומען קוקן מיט די זעלבע אויגן, וואָס באַלד נאָך זייער חתונה, אָבער דאַמאָלס איז איר בליק גע־ווען אַ ביסל אַנגעשראָקן, אונטערטעניק... איצטער דאַכט זיך אים, אַז אין איר בליק איז צוגעקומען אַ נייער שטריך: פאַראַכטונג... ער האָט מורא צו רעדן אַן איבעריק וואָרט, ער ציטערט, ער פילט דאָס אומבאַוווסטע אומגליק, דער באָדן אונטער אים האָט פאַר־לוירן די לעצטע זיכערקייט.

בריוו באַקומט זי, כמעט יעדן טאָג אַ בריוו, געשריבן אויף פראַנצויזיש. זי רוקט זיך דאַמאָלס אָוועק אין אַ ווינקל אויף דער סאָפע און לייענט פאַר זיך די געדיכטע שורות...

ווער שרייבט צו איר?

וואָס שרייבט מען צו איר?

איינמאָל האָט ער געכאַפּט דאָס קעפּל פון אַזאַ בריוו צו איר.

ער האָט לאַנג אַרומגעטראָגן אין זכרון דאָס וואָרט, ביז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט און מען האָט אים פאַרטייטשט... מאַ זשואַ — באַטייט: מיין פרייד.

פון יענער זייט גרענעץ רופט זי ווער אַן: „מיין פרייד"! זי איז עמעצנס פרייד, הייסט עס, אַז פאַר אים איז זי פאַר־לוירן.

און ער האָט אַזוי פיל האָפנונג געהאַט. ער האָט שטענדיק געטראַכט, אַז זי וועט זיך צו אים איינגאַנצן צוגעוווינען און איר בליק וועט נאָר צו אים געהערן...

זי האָט אַ מאָדנע בליק.

ווען אירע בלוילעכע אויגן קוקן אויף וועמען, קומט עפּעס צו באַ יענעם אין הארצן, לאַנגזאַם ווערט פול דאָס האַרץ מיט בלומיקייט, מיט זוניקייט.

אָבער איצט...

זי האָט מיטגעבראַכט פראַנצויזישע ביכלעך און לייענט זיי און שווייגט, אָדער זי שרייבט בריוו.

ווייט, אהין, איבער יענער זייט פון דער גרענעץ, וווּ זי האָט אָנגעשעפּט א פול הארץ מיט פרעמדשאפט פאר אים.

אָט הייבט ער אָן צו רעדן פון זיינע געשעפטן. פון זיין שותף, וואָס זיצט אין די דאָלידער וועלדער באקומט ער טייערע בריוו, מען וועט רייך ווערן פון די וועלדער, די דייטשן וועלן קויפן, די ענגלענדער שיקן שלוחים.

רייסט זי אים איבער אינמיטן:

— וואָס גייען מיך אָן דיינע וועלדער!

און זיי ווערןביידע שטיל. צוויי נפשות — צוויי באזונדע-רע וועלטן, מען מוז שווייגן.

אַ צווייט מאָל דערהערט זיך זיין קול:

— גוסטאַווא!

— וואָס ווילסטו, שלמה!

אין די צוויי באזונדערע געמען פילן זיך צוויי באזונדערע וועלטן.

— איך וויל צוגיין אהיים, וועסט גיין מיט מיר?

— ניין, דער קאָפּ טוט מיר וויי...

— דאָס איז פון די בלומען, זאָג איך דיר. אין שטוב זע-נען פאַרהאַן צופיל בלומען.

הויבט זי אויף אַ פּאָר אויגן אויף אים און זי פאַרניכטעט אים מיט איר בליק. גייט ער אליין אוועק צו זיינע עלטערן, און דאָרט איז ער אויך פול מיטן זעלבן פּחד, מיטן זעלבן צער, אַז אין זיין שטוב גייט אַרום אַ פרעמדע פרוי — זיין אייגן ווייב...

ער דערציילט נישט פון די בלומען און נישט פון די בריוו, טאָמער וועט עמעצער אָנרופן די זאַך מיטן נאָמען, און דאָס וועט זיין אַ טויט-אורטייל פאר אים.

און אַמאָל דאַכט זיך אים, אַז מענטשן פאַרשטייען שוין אַלץ, ער ווערט פאַרדעכטיק צו גאָר אומשולדיקע ווערטער און פראַזן:

וואָס האָט יענער געמיינט?

און וואָס האָט יענער געטראַכט?

פון זינט זי איז געקומען פון אויסלאַנד קוקן אַלע אויף אים אַנדערש, מיט אַנדערע אויגן.

עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס רעדט ער זיך אַליין איין, נאָר צו אַ קאָפּ גייט ער שוין אַרום.

און זי זאָל כאַטש מיט איין וואָרט, מיט איין שמייכל, פאַרטרייבן זיין שווער טראַכטן. ניין, די אָפּגעזונדערקייט וואַקסט פון טאָג צו טאָג...

ער איז אין כעס אויף זיך, וואָס ער קען אויף איר אפילו אין כעס נישט ווערן. פון דעם ערשטן טריט אָן, וואָס זי האָט אַריינגעשטעלט צו אים, איז זי שוין געווען אַזאַ שטאָלצע, אַזוי געבראכט אין איר שטאָלץ... ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן איר, און היינט איז דאָס געפיל נאָך אויך נישט אַוועק.

זי זיצט באַם טיש און שרייבט בריוו. ער קוקט צום טישל, ער וואַרפט אַ בליק צו איר זייט, און די אויגן זיינע זעען נאָר אירע שפּיציקע נעגל, וועלכע באַוועגן זיך אויף דעם ווייסן שרייבפּאַפּיר...

זי ווייסט נישט, אַז אונטער אירע נעגל צאַפּלט זיין פאַרווונדעטע נשמה.

זי הייבט גאָרנישט אָן צו פילן, וואָס מיט אים קומט פאָר. פאַר איר איז ער נאָך אַלץ דער „קאַפּאָטשיאַוש", מיט וועלכן מען האָט זי מיט געוואַלט חתונה געמאַכט...

אַן אָנשיקעניש, וואָס פּלאָנטערט זיך אין איר לעבן.

אַ שוועסטער האָט ער. נאָר די שוועסטער זיינע איז געקנאָטן פון זעלבן טייג, וואָס זיין גוסטאַווע.

קומט די שוועסטער זיינע צו זיין ווייבל, און זיי שושקען זיך ביידע.

זי לייענט איר פאָר די בריוו אירע. זיי גייען ביידע שפּאַצירן.

פילט ער, אַז די שוועסטער ווייסט אַלץ. קיין סך וויל ער נישט דערגיין, נאָר עפּעס. עפּעס מעג זי אים דאָך דערציילן...

ער איז איר אַ ברודער, צי ניין?

פרעגט ער איינמאָל באַ זיין שוועסטער:

— פון וועמען קריגט זי דאָס די געלע בעזעמלעך?
— ווערט די שוועסטער בייז, וואָס דער ברודער אירער באַליידיקט אַזוי די בלומען.
— שלמה! דאָס איז גישט קיין בעזים. דאָס איז מי־מאָזע.
— ווי...
— מימאָזע... איינע פון די שענסטע בלומען. אַלע פּאָעטן באַזינגען עס.
— יאָ. . נאָר פון וועמען באַקומט זי עס?
— פון דער באַלעבאָסטע, ווו זי איז איינגעשטאַנען.
ער פילט דעם שווערן שקר און ער קען זיך גאָרנישט העלפן...
— און די בריף שרייבט אויך די באַלעבאָסטע?
— ווערט די שוועסטער בייז, און זי רופט זיך אָן:
— ס'איז דאָך דיין ווייב, פרעג בא איר!
„דיין ווייב", „דיין ווייב".
ער גייט אַוועק פון דער שוועסטער און אין די אויערן קלינגט אים כסדר דער צו־להכעיס־אויסגעשריי פון דער שוועס־טער זיינער:
„ס'איז דאָך דיין ווייב!"
און ער דערטראַכט זיך ביז דעם ביטערסטן געדאַנק:
„ווער ווייסט, וועמעס ווייב זי איז?"
מימאָזע הייסן די בלומען, מיט וועלכע אַלע צימערן זע־נען איצט פול...
מימאָזע, העזה, קאָזע, בזשאָזשע...אַלע ווערטער, וועלכע ענדיקן זיך אויף „אָזע", רעגן אים איצט אויף. אומעטום פאַר־פאָלגט אים דער שטילער גנבישער דופט פון די ציטערדיקע בלו־מען, ווי פאַלשע ממזרימלעך האָבן זיי זיך אַריינגעגנבעט אין זיינע חדרים, אין זיין נשמה, אין זיין לעבן...
און אַלע געשעפטן, אַלע גוטע האָפנונגען פון זיין לעבן ווערן צו גאָרנישט, אַלץ ווערט בטול, בשעת ער זעט, אַז ער פאַרלירט זי... אויסלאַנד. צו וואָס באַדאַרף מען אויסלאַנד, הויכע ווענט האָט מען באַדאַרפט אַוועקשטעלן בא די גרענעצן —

קיינעם נישט אַרויסלאָזן... ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ זינדיקע וועלט דאָרט איז אויף יענער זייט? און נעכטן ערשט האָט זי צו זיין שוועסטער אַריינגעוואָרפן די פראַזע:

— איך וואָלט שוין געוואָלט אַוועקפאָרן...

דריי פערטל פון דעם, וואָס מענטשן רעדן צו אים, הערט ער נישט, די געשעפטן פאַרלאָזט ער, צו אַ יונגנמאַן אַ חבר האָט ער נישט לאַנג אַ זאָג געטון:

— איך האָב נישט קיין עולם הזה...

— וואָס הייסט? — האָט זיך יענער פאַרוווּנדערט — געלט, יחוס, אַ שיין ווייבל, דאָס איז אַלץ ווייניק?...

ער האָט אים געוואָלט דערציילן פון זיין חשד, פון די בריוולעך, אָפגעהאַלטן זיך און פאַרבאָרגן טיפער זיין חרפה אין זיך...

געוואָלט אָפקומען מיט אַ ביטערן שפּאַס און געפרעגט בײַ יענעם...

— דו ווייסט, וואָס דאָס איז מימאָזע?

— ניין, איך ווייס נישט...

— ביסטו טאַקע אַ גליקלעכער מענטש!

ער בלייבט לענגער אין שול באַם דאַוונען, ער דרייט זיך אַרום לענגער אויף די גאַסן, כדי ווייניקער צו זיין אין שטוב, אין זיין אייגענער שטוב...

און ווען ער קומט אַן אויסגעמאַטערטער, שטויסט ער זיך אָן אויף דער שוועל מיט דעם בריוו-טרעגער...

שוין ווידער אַ בריוועלע...

שוין ווידער אַ בלימעלע...

פון פאַרצווייפלונג וואַקסט אַ קללה אין זיין האַרץ.

בלומען.

היינט האָט אים דער שיקזאַל אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז, ווי א באַנדיט...

אַריינגעשטעקט אים אַ מעסער אין האַרץ, און אַזוי שלעפּט ער זיך דעם צווייטן האַלבן טאָג איבער די גאַסן מיט אַ צעבלוטיקט האַרץ, קיינער זעט נישט זיין וווּנד, קיינער וועט עס נישט זען און קיינער באַדאַרף עס נישט זען.

אויף די טראָטואַרן שפּרייזן מענטשן: באַזונדער און אין פּאָרלעך, וואָס גייען געאָרעמט, אַלטע לייט שטעלן אַלטע טריט און יונגע קינדער שפּרייזן פריילעך.

אויף די גאַסן לויפן אויטאָמאָבילן, די טראַמווייען קלינגען, לייכט־שטיפעריש טראָגן זיך די גומקעס, אַ רגע דאַכט זיך, אַז זיי רירן זיך נישט אָן צו דעם הילצערנעם ברוק...

דריי יונגע מיידעלעך האָבן זיך אַרומגענומען, און זיי שפּרייזן אַזוי האַסטיק און פריילעך אויפן טראָטואַר. אַלע טרעטן זיי אָפּ דעם וועג — קיינער ביינערט זיך נישט... ס'איז דאָך שמעקעדיקער זומער.

און די פרויען, די בלומען־פּאַרקויפערינס, קריכן אַלעמען אין די אויגן.

— מענטשן פאַרגעסט נישט, עס איז זומער... קויפט בלומען!

און ווען מען גייט עס אָן, ווען אין דיר שטאָטישער באַוועגונג, אין דעם שטראָם פון די טויזנטער מענטשן, גייט אַרום אַ פאַרביטערטער איקס און טראַכט נאָר פון זיין אומגליק, וואָס איז צו אים אַזוי אומגערעכט געקומען.

נעכטן האָט ער געהאַט אַ ציל אין לעבן, געוווּסט צו וואָס ער שטרעבט, עס איז געווען אַזוי נס, וואָס האָט באַצירט זיינע טעג, געגעבן אים רייץ, אַמביציע און שטאָלץ.

דאָס איז געווען זיין יונגע פרוי. ער האָט געלעבט און געאָטעמט פאַר איר, אפילו דאַמאָלס ווען ער האָט פון איר נישט געטראַכט... שטענדיק.

זי איז געוואָר, דער עיקר אין זיין לעבן. אין די גוטע שעהן פלעגט ער זיך טראַכטן און אַרויסרעדן צו איר זיינע געדאַנקען:

— דו ביסט אַ גאָלדן לייטערל, איך וועל מיט דיר די שטערן דערגרייכן.

פלעגט זי לאַכן, קושן אים און אַרויסרעדן איין וואָרט:

— נאַרעלע!

עס האָט זיך אים קיינמאָל נישט געחלומט, אַז זי מיינט עס מיט אַן אמת. ער, וואָס האָט אויסגעקליבן אַזאַ שיין ווייב... ער איז דאָך דער קלוגסטער.

אַ פּמערקזאַמקייט האָט זי געפאָדערט, ווי אַ קינד, מען מוז שטענדיק וועגן איר טראַכטן, אויף אַ רגע נישט אַרויסלאָזן פון די געדאַנקען.

און דערפאַר טאַקע...

בשעת ער איז היינט פריער פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט, האָט ער זיך גלייך דערמאַנט אָן איר.

ווו איז זי איצט?

זי האָט געזאָגט, אַז פון פיר ביז פינף וועט זי זיין באַם דענטיסט, שוין צוויי וואָכן, ווי זי גייט אַהין, אָפטמאָל באַגלייט ער זי ביז דעם טויער, ביז דעם שילדל פון דענטיסט, נעכטן האָט

ער זי אויך אַזוי באַגלייט ביזן קאָרידאָר, דאָרטן זיך מיט איר געזעגנט. זי האָט אים מיטגעגעבן איר שמייכל, וועלכן ער האָט דערנאָך געטראָגן אויף עטלעכע גאַסן און געוועזן גליקלעך.

היינט, ווען ער איז נאָך פריִער פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט, האָט ער באַשלאָסן גיין צום דענטיסט, באַגעגנען זיך מיט איר, און דערנאָך זיך לאָזן ערגעץ פאַרברענגען.

װעט זי זיך דאָס דערפרייען!

איר פרייד האָט אים אינטריגירט.

איר אומגעריכטע פרייד, זיין קומען, זיין אויפמערקזאַמקייט...

ער האָט געקויפט בלומען און איז געגאַנגען צו יענער גאַס, צו יענעם ציין-דאָקטאָר, וווּ זיין יונג ווייבל היילט די ציין.

אַנגעקלונגען, די דינסט האָט געעפנט די טיר, אין זאַל איז קיינער נישט געווען, נאָר אין קאַבינעט איז דער דענטיסט געווען פאַרנומען מיט אַ פּאַציענט.

אוודאי... זי... זייגע. וואָס דען? זי האָט דאָך געזאָגט פון פיר ביז פינף וועט זי זיין דאָ.

עפנט זיך די טיר, און פון קאַבינעט גייט אַרויס אַ דיקע פרוי.

עס האָט אים געקרענקט, וואָס די באַגעגעניש האָט זיך נישט איינגעגעבן: אוודאי איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען.

באַלד באַווייזט זיך דער דענטיסט.

און דער מאַן מיט די בלומען אין דער האַנט פרעגט:

— מיין פרוי איז אַוועקגעגאַנגען?

— אייער פרוי איז דאָ נישט געווען... שוין באַלד צוויי וואָכן, ווי זי קומט נישט.

— וואָס? נעכטן האָב איך זי באַגלייט...

נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס פּאַסט נישט צו דערציילן פאַר אַ פרעמדן מענטש, ער האָט צוריקגעכאַפּט זיין

פראַזע, נישט דערענדיקט, זיך געזעגנט און אָן פּיס אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ.

געבליבן שטיין אַ רגע צעטומלט און גענומען רעדן מיט זיך:

— וואָס איז? זי האָט באַדאַרפט זיין און איז נישט געווען. דאָס קען דאָך פּאַסירן.

ער האָט זיך אַליין גענומען שטעלן פראַגן. און באַלד אַרויסגענומען דאָס טיכל, גענומען זיך ווישן דעם שווייס. וואָס טוט זיך מיט אים? פונוואַנען איז דער שווייס? צי דען איז אים אַזוי שווער געוואָרן אַרויפצוגיין און אַראָפּצוגיין פון טרעפּ? וואָס שטייט ער אַזוי אויף איין אָרט און גלאָצט מיט די אויגן אויף דער פרעמדער טיר? וואָס איז שולדיק די טיר? וואָס ווייסט די טיר? און וווּ איז אַהינגעקומען די פריילעכקייט, וואָס איז מיט אים אַ גאַנצן טאָג מיטגעגאַנגען...

פאַרדריסט אים באַלד אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט זיך צוגעשמידט צו איין פּלאַץ.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט אויף לינקס און באַלד זיך אומגעקערט, גענומען גיין אויף רעכטס און ווידער אויף לינקס.

מיטאַמאָל איז אים הייס און קאַלט געוואָרן.

דעם דענטיסטס ווערטער האָבן אים געקלונגען אין די אויערן:

— שוין צוויי וואָכן, ווי זי קומט נישט...

צוויי וואָכן... און די גאַנצע צוויי וואָכן האָט זי דאָך געהאַלטן אין איין רעדן, אַז זי גייט צום דענטיסט. צי וואָס האָט זי אים גענאַרט? ער איז ווידער געשטאַנען באַם אייזערנעם סלופּ פון אַן עלעקטרישן לאָמפּ, און צום דאָזיקן סלופּ האָט ער אַ געשריי געטון!

— צי וואָס האָט זי מיך גענאַרט?

דער סלופּ האָט נישט געענטפערט און מען האָט געמוזט אַליין מאַכן אַ גענויען חשבון:

נעכטן האָט ער זי באַגלייט ביזן קאָרידאָר. הייסט עס, אַז

זי איז אַרויף אויף די טרעפּ, אָפּגעוואַרט ביז ער וועט אַוועקגיין און דערנאָך איז זי געגאַנגען אַהין, ווו זי האָט געוואָלט.

אָבער וווהין? צו וועמען?

פלוצלינג האָבן זיך געעפנט זיינע אויגן, איר גאַנצע אויפפירונג פאַר דער לעצטער צייט האָט אָנגעהויבן ווערן פאַרדעכטיק.

איינמאָל האָט זי באַהאַלטן פאַר אים אַ בריוול, געזאָגט, אַז דאָס איז פון אַ באַקאַנטער, אַ צווייט מאָל איז זי געקומען פון גאַס מיט בלומען, אויף וועלכע זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט עס אַליין געקויפט...

און עפּעס צו געטריי איז זי אים געוואָרן די לעצטע צייט.

צו געטריי...

צו שטאַרק אים געקושט.

מיטאַמאָל, אומגעריכטערהייט, פלעגט זי צושפּרינגען צו אים און בעמען קושן.

— וואָס איז? — האָט ער איינמאָל געפרעגט. איז זי ברוגז געוואָרן:

— דו פאַרשטייסט נישט קיין געפיל... איצט, איצט פאַרשטייט ער שוין יאָ אַ געפיל.

און מיט ביטערניש איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער איז איינער פון די טויזנט מענער, איינער פון די טויזנטער אָפּגענאַרטע מענער. זיין טראַגעדיע איז נישט גרעסער, נישט קלענער פון אַנדערע, נאָר איין אונטערשיד, דאָס איז דאָך זיין טראַגעדיע.

ער איז געבליבן אויף דער גאַס. די פיס האָבן אים געטראָגן פון איין עק שטאָט צום צווייטן, ווי שטענדיק האָט די זון זיך אַראָפּגעלאָזט און לאָמפּן האָבן זיך אָנגעצונדן, פון צופיל שפּרייזן און טראַכטן איז ער אויף אַ צייט אַזוי ווי פאַרטעמפּט געוואָרן... פלוצלונג דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט עפּעס געהאַט אין לעבן אַ נעסט, ווו עס האָט אים געצויגן, ווו ער פלעגט רוען, און באַלד ווערט אים דאָס האַרץ מיט בלוט פאַרגאָסן: ער

וואָלט דאָס וועלן כאַפּן צוריק, ער וואָלט וועלן עס זאָל זיין אַזוי ווי נעכטן, אַזוי ווי אייערנעכטן. שווער אָוועקצוגיין פון דעם ביסעלע וואַרעמקייט, פון דעם ביסעלע זיכערקייט, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך, אין איר, אין לעבן.

דער אמת איז אָבער דער גרעסטער אַכזר.

ווי קונציק זי האָט געשפּילט מיט אים. שעלטן ווילט זיך, נאָר, וואָס העלפט די קללה.

גאָט האָט די שלאַנג פאַרשאָלטן, זי זאָל אייביק קריכן, אָבער אַ שלאַנג איז דאָך געבליבן.

ווען נישט דער צופאַל, ווען עס וואָלט אים נישט איינגעפאַלן גיין היינט צום דענטיסט, וואָלט ער דאָך היינט אויך געהאַט אַזאַ גוטן רויקן אָוונט, ווי נעכטן, ווי שטענדיק...

וויפיל אַזעלכע אָפּגענאַרטע לעבן מיט זייער זיכערקייט, גלויבן און אַרבייטן און זענען רויק...

אפשר וואָלט פאַר אים גלייכער געווען, ווען ער וואָלט זיך דאָס נישט דערוווּסט?

ווערט ער אין כעס אויפן צופאַל, און עס טוישן זיך בא אים אין זיין הילפסלאָזיקייט די געדאַנקען, דאָ ווערט ער ווילדבייז, און באַלד דערפילט ער זיך ווי אָפּגעשמיסן, קליין און נעבעכדיק.

און דער עיקר:

עס האָט אים געפּייניקט דער געדאַנק, וואָס ער איז נישט קיין אויסנאַם מיט זיינע אַלע טויטלעכע יסורים.

וואָס זאָל ער טון? נעמען אַ רעוואָלווער און זי דערשיסן, וועט עס זיין פאַרצייכנט אין דער פּרעסע-כראָניק, ווי טויזנט אַנדערע אַזעלכע פאַקטן. זיך אַליין דערשיסן, איז ווידער דאָס זעלבע.

און נעכטן איז ער רויק געווען, נעכטן, בשעת ער האָט נאָך געהאַט זיין גליק, זענען אַנדערע פאַרצווייפלטע אַזוי אַרומגעגאַנגען אויף די גאַסן און געטראַכט פון נקמה, פון טויט.

אויפגעוועקט האָט זיך אין אים אַ טיף מיטגעפיל צו די אַלע אָפּגענאַרטע און אַ רחמנות צו זיך אַליין... ער האָט זיך דערפילט קליין, דער קלענסטער, דער נעבעכדיקסטער אויף דער גאַס.

אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז יעדער איינער האָט דאָס רעכט צוצוגיין צו אים און לאַכן, שפּאַסן פון אים...

אָט שפּייַגט זי אים אין די געדאַנקען און רייצט, ווי קיינמאָל נישט. זי... זי האָט אים גענאַרט, זי — נישט בעסער פאַר אַלע פלאַכע, מיאוסע ליגנערקעס.

דאָס בלוט קאָכט אים אויף.

אין איר האַנט איז געלעגן זיין שטאָלץ, זיין קיום, זיין זיכערקייט...

ער באַמערקט נישט, אַז עס איז שוין שפּעט, אַז מענטשן ווערן ווייניקער אויף די גאַס, דאָס קלאַפּן פון טומל ווערט אַלץ שוואַכער, בלויז אויף די ראָגן פון די גאַסן הייבן זיך באַווייזן מער פּרויען, אָנגעפּאַרבטע און אָנגעפּודערטע, און צו יעדן מאַן וואַרפן זיי בליקן...

ווי גרימאַסן פון לעבן האָבן זיי אויסגעזען.

ער שפּרייזט אַזוי בלאָנדזשעט, דער קאָפּ איז אים שווער און שווער, ווי בליי איז אים די רעכטע האַנט, אין וועלכער ער האַלט נאָך אַלץ די בלומען, וועלכע ער האָט געטראָגן פאַר איר...

די בלומען פאַרן שקר.

פּלוצלינג רופט זיך אָפּ צו אים איינע פון די פּרויען, וואָס שטייען אויפן ראָג פון גאַס:

— יאָלד, גיב מיר די בלומען!

יאָ... זי איז גערעכט, אַ יאָלד איז ער, און אויף די בלומען האָט זי רעכט, ווי יעדע אַנדערע.

די רעכטע האַנט ווערט אים פריי, און ער לאָזט זיך ווייטער שפּרייזן אין די באַלויכטענע שאָטנס פון די נאַכט-גאַסן...

דער לעצטער אידעאַל.

ווו איז דאָס געווען ?

אין ביאַליסטאָק, אויף די פּיאַסקעס מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

איך האָב זי דאַמאָלס צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין אַ קליין אָרים הייזל אונטערן דאַך. זי איז געקומען פון דער רייכסטער גאַס, פון דעם שענסטן הויז, זי איז געזעסן מיט נאָך עטלעכע מיידלעך, אָרימע, בלייכע מיידלעך פון יאַנאָווסקיס פאַבריק, און געהאָפטן.

מען האָט צוגעגרייט די פאָן צום ערשטן מאַי. און מיידלעך האָבן געאַרבעט עטלעכע טעג און נעכט נאָכאַנאַנד.

קאָלירטער געשלענגלטער זייד האָט זיך געוויקלט אויף די מיידלשע צאַרטע פינגער, און דערנאָך האָט זיך עס איינגעוועבט אין רויטן שטיק געוועב...

עס זענען לאַנגזאַם געוואַקסן די ווערטער, די לאָזונגען...

אָט איז שוין פאַרטיק אַ גאַנצער „עס לעבע!", אָט איז שוין אויסגענייט אַ האַלבער „נידער".

געווען איז דאָס אין דער שענסטער צייט פון מיין לעבן. אין מיין דור וועט זיך שוין דאָס נישט איבערחזרן. די שטאַרקע

זענען דאַמאָלס שטאַרקער געוואָרן, די שוואַכע האָבן זיך געצויגן צו די שטאַרקע. אַלע צוזאַמען זענען געגאַנגען דעם גרויסן אמת אַנטקעגן.. פון שטעטל, פון שטאָט צו שטאָט. אַלע האָבן גע־טראָגן שטיינער און ציגל צום גרויסן בנין פון באַפרייונג.

היינט זענען די אַלע זאַכן אויסגעדראָשן געוואָרן. צו קלוג און פאַרנונפטיק איז מען געוואָרן, צו עגאָיסטיש. דער עגאָיזם פון יחידים האָט זיך היינט איבערגעוואָקסן אין דעם עגאָיזם פון גאַנצע קלאַסן...

איין זאַך פיל איך אין געדאַנק: אין יענעם אָרימען הייזל אויף די „פּיאַסקעס" איז דאַמאָלס געווען מער אמת, ווי איצט אויף דער גאַנצער וועלט, אמת און שיינקייט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די סילועטן בײַ דעם האַלב־טונקעלן לאָמפּ, אונטערן נידעריקן סופיט, די פינגער, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געפלאָכטן קאָלירטע און גאָלדענע פעדעם. מען האָט אויסגענייט, איין אות נאָכן צווייטן, און מיר זענען געזעסן און געקוקט אויף דער אַר־בעט, מיר וועלן מאָרגן גיין אונטער דער פונאַנדערגעוויקלטער פאָן, און עס קען זיין, אַז אונדזער בלוט וועט איר צוגעבן אַ ביסל פאַרב.

און דערנאָך, אַ טאָג שפּעטער, האָט זיך שוין געזען אויף דער פאָן די גאַנצע גאָלדענע „רעוואָלוציע".

מיידלעך האָבן געאַרבעט, געשטיקט וואָרט נאָך וואָרט.

מיידלעך האָבן געזונגען בײַ דער אַרבעט, און אונדז באַמאָל געמונטערט.

צווישן זיי די שענסטע, די יינגסטע, כמעט נאָך אַ פרעמדע איז זי געווען.

אַליע רובין...

נאַאיוו־באַגייסטערט און דאָך ענערגיש. עפּעס האָט זי אַ רוף געטון און זי איז אוועק פון דער וואַרעמער היים, פון טאַטע־מאַמע, פון אַ געזיכערטער צוקונפט.

זי איז שוין צוריק אַהין נישט געגאַנגען. איך האָב זי דער־נאָך באַגעגנט אין אַנדערע שטעדט, אין תפיסות — פאַר מיר איז זי שטענדיק געווען אַ גוטע דערינערונג.

שפעטער האָט מען זי פאַרשיקט קיין סיביר.

נאָך שפעטער האָט מען זי באַפרייט, און איך האָב מיך דערוואוסט, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט מיינס אַ חבר אַן אַר־בעטער.

מיט שלמהקע סטאָליאַר האָט זי חתונה געהאַט די „איגטע־ליגענטקע" — אָליע רובין.

איך ווייס נישט, צי דאָס איז בײַ איר געווען אַן אמתע לי־בע, צי אַ פּונקט פון אַ פּראָגראַם.

נאָר געוווּסט האָב איך פון באַקאַנטע, אַז זיי לעבן זייער גוט. אַ קינד איז בײַ זיי געבוירן געוואָרן — דאָס קינד איז גע־שטאָרבן. זיי האָבן ביידע געאַרבעט. זי האָט געגעבן לעקציעס, ער — סטאָלעריי.

און די פרייע שעהן האָבן זיי, ווי פריער, אָפּגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע.

יאָרן זענען אַוועק. איך האָב זיי פאַרגעסן, אָדער קוים גע־דענקט.

אַ סך אַזעלכע חברים פאַרגעסן. דאָס לעבן איז, ווי אַ טייך: פאַליעס גייען, פאַליעס קומען...

אַנדערע פריינט און אַנדערע איבערלעבונגען.

כאָטש דעם אמת זאָגן מוז איך: אָליע רובין האָט עפּעס יאָ געלאָזט בײַ מיר אין האַרץ: דאַמאָלס, אין יענע שטורם־טעג האָב איך אַ סך פון איר געטראַכט. ערשטנס, ווייל איר אַוועקגיין פון דער רייכער שטוב האָט מיך איבערראַשט, דאָס איז געווען אַ גרויסער קרבן.

און צווייטנס איז זי געווען אַ שיין מיידל. אַ קליינע, נאָר אַ שיינע.

איך בין אפשר פאַרליבט געווען אין איר, אומבאַוווּסטזיניק פאַרליבט, און בשעת זי איז געזעסן איינגעבויגן איבער אונדזער פּאָן און געהאָפטן, פלעג איך אַוועקגיין אַ צעטומלטער מיט אַ פרייד און מיט אַן אומעט אין האַרץ.

זי האָט מיך קוים באַמערקט.

זי האָט מיך ליב געהאַט, ווי אַלע חברים — דעמאָלט איז געווען אַזאַ לאָזונג: אַלעמען ליב האָבן.

און אַז איך האָב געבענקט נאָך איר, אפשר מער ווי אַנדערע, דאָס האָט זי נישט געוווּסט, און דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט...

דאָס האָט קיינער נישט געטאָרט וויסן.

איבעריקנס... די פּאַליעס פון לעבן האָבן פאַרשווענקט איר געשטאַלט און נאָך געשטאַלטן פון יענער צייט.

ערשט דאָ נישט לאַנג, אין פּאַריז, אויף אַ באַל פון אַן אַרבעטער-סינדיקאַט.

לעבן מיר שטייט אַ קליין ווייבעלע מיט שמאַלע פּלייצעס, גאָר נישט אַלט, נאָר שוין נישט יונג.

— איר דערקענט מיך נישט.

— ניין!

— אַליע רובין...

דאָס קליינע צימערל אין ביאַליסטאָק, פּיאַסקעס, די געסלעך מיט די איינגעהויקערטע הייזלעך, וווּ דער דלות האָט אַזאַ שטאַרקע פעסטונג... אַלץ האָט גענומען שוועבן פאַר די אויגן.

— דער פאָן! דאָס האָט איר דעמאָלט מיט די קליינע פינגער אויסגענייט דעם פאָן, איר מיט די איבעריקע חברטעס...

— איך האָב אַ סך פאָנען אויסגענייט און אַ סך פאָנען געטראָגן...

— און איצטער?

— פאַרהאַן אַ סך צו רעדן.

און מיר האָבן גערעדט, זי האָט דערציילט פון אַלע יאָרן, פון סיביר, פון אַ קינד, וואָס איז פריצייטיק אָפּגעשטאָרבן און פון אַ סך עלנט, ספקות.

די מלחמה האָט באַגראָבן איר טאַטע-מאַמע און זייער פאַרמעגן.

מיטאַמאָל האָט זי איבערגעריסן איר רעדן. צו אונדז איז צוגעגאַנגען אַ ברייט-פּלייציקער מאַן מיט אַן ערנסט פּנים.

— איר דערקענט נישט מיין מאַן? שלמהקע, שלמהקע סטאָלער.

אויך אים האָב איך קוים דערקענט, מיין אַמאָליקן חבר.

זיך צונויפגערעדט מיט אים און אָפּגערעדט צו קומען אין אַ צוויי טעג אַרום צו גאַסט.

— מיר לעבן אויף „רי מאָנזש", אויפן פינפטן שטאָק, נאָר דערפאַר זעען מיר פון אונדזער פענסטער גאַנץ פּאַריז.

איך בין אַוועק פון זיי נישט ווייניק צעטומלט. איך בין לאַנגזאַם געגאַנגען איבער די שמאָלע געסלעך פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, אַרויסגעקומען אויף דער ברייטער „סען־מישעל". שפּעט באַנאַכט, נאָר די גאַס איז געווען באַלויכטן, און צענדליקער יונגע און עלטערע פּרויען האָבן געשוועבט אַ הער און אַ הין... פרייִלעך זענען זיי געווען און צו פרייד געשטרעבט, מיט בלייכע פּנימער צו פרייד געשטרעבט, גליקלעך זענען געווען די, וועלכע אַ מאַן האָט פאַרבעטן אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן אויף אַ גלעזל וויין... די איבעריקע האָבן מקנא געווען, נאָר די האָפענונג נישט פאַרלאָרן. זיי האָבן געשפּאַסט און געמאַכט זיך לוסטיק ביז אַ געלעגנהייט...

אַביסל ווייטער בײַ דער בריק, בײַ דעם רויקן סיין, ווו דאָס וואַסער האָט זיך אַזוי ווי אונטערגעגעבן דעם פעסטן בעטאָן, עס שווימט אין דער שטיינערנע קאָריטע, עס גייט אַוועק פונדאַנען, צוגעווױנט צו די ווונדער פון דער וועלט־שטאָדט, וועלכע לעבט זיך קיינמאָל נישט אויס.

אונטען, אַביסל ווייטער זענען געלעגן ברעטער, און אויף די ברעטער איז געשלאָפן אַן אַלטע פרוי, אַ קליינטשיקע, מיט צעוואָרפענע האָר, אָפּגעשפּיליעט די צעריסענע בלוזע, דורך וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען אַן אַלטע ברוסט. איך האָב אַ טראַכט געטון, אַז דאָס מוז זיין איינע פון די, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק אַזוי פרייִלעך שפּאַצירט אויף סען־מישל און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט...

און אין האַרץ, בײַ זיך אַליין, האָב איך געבעטן, אַז די אַל־

טע זאָל כאָטש האָבן גוטע חלומות, עס האָט ווי געטון די נשמה פֿאַר דער גאַנצער וועלט. . .

און איך בין געגאַנגען ווייטער, און ווידער גענומען טראַכטן פֿון דער היינטיקער באַגעגעניש, פֿון אַליע רובין, פֿון שלמהקע סטאָליאַר... ווי גיך דאָס לעבן האָט זיך אַ דריי געטון — ווו זענען מיינע יאָרן? עס האָט מיך פֿאַרדראָסן, וואָס איך האָב מיט זיי אַזוי ווייניק פֿאַרבראַכט, מען האָט געמוזט מיט זיי מער רעדן, מער דערמאָנען, מער איבערלעבן, אויסגראָבן פֿון קבר די פֿאַרגאַנגענהייט און זיך אָנפרייען מיט דעם.

אויפֿן דריטן טאָג בין איך געקומען צו זיי.

צען אַ זייגער אין אָוונט.

איך האָב זיי ביידע געפֿונען בײַ דער אַרבעט, ער האָט עפּעס אויסגעשניצט פֿון האָלץ: הענטלעך פֿון רעגנשירמס, סטיליזירטע ראָמען צו פֿאָטאָגראַפֿיעס און צו בילדער. זי האָט גענייט דאַמען-היטן.

— און וואָס טוט איר בײַטאָג?

— בײַטאָג אַרבעטן מיר ביידע, די זעלבע אַרבעט. . .

פֿון דעם ווײַטערדיקן שמועס בין איך דערגאַנגען, אַז זיי פֿאַרדינען גאַנץ גוט, זיי פֿאַרמאָגן שוין אַ ביסל פֿראַנקן, נאָר זיי אַרבעטן אַזוי שפּעט דערפֿאַר, ווײַל עס פֿעלט זיי נאָך צו אַ ביסל געלט. זיי האָבן באַשלאָסן צו קויפֿן אַ שטיקל ערד, ערגעץ אין דרום-פֿראַנקרײַך.

— מען דאַרף זיך פֿאַרזאָרגן, קיינער וועט אונדז אומזיסט גאָרנישט געבן, און עס רוקט זיך אָן אַן עלטער...

צוליב מיר, צוליב דעם גאַסט, האָבן זיי איבערגעריסן. מיר האָבן פֿיל גערעדט, דערמאַנט יענע טעג. פֿון זייערע רייד האָט זיך געפֿילט, אַז ביסלעכווײַז האָבן זיך אַמאָליקע אידעאַלן אויסגעוועבט.

עפּעס זענען געקומען נײַע מענטשן, שרײַערס, דעמאַגאָגן מיט רײַזיקאַלישע לאָזונגען.

זיי זענען געווען רויִקע, אָרטאָדאָקסאַלע סאָציאַליסטן... דער שטורם האָט זיי צעטומלט.

איך האָב נישט געוווסט, נישט פאַרשטאַנען, ווו עס איז דער אמת?

זיי זענען אָנגעפאַלן אויף די נייע קעמפערס — צוליב וואָס? אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך געוואָלט מיט עפּעס פאַרענט־פערן פאַר מיר, פאַר זיך אַליין, פאַר זייער שיינער פאַרגאַנגענהייט.

אויף דער וועלט איז טאַקע אַ גרויסער טומל געוואָרן... אַ צעטומלעניש.

און אין דערדאָזיקער צעטומלעניש האָבן זיי זיך דערמאַנט אָן זיך... יאָ, עס רוקט זיך אָן די עלטער, קיינער וועט אומזיסט גאָרנישט געבן.

איך האָב אַלץ אויסגעפרעגט, דערציילט וועגן זיך, נאָר עס האָבן גענומען פעלן ווערטער. עס איז געוואָרן שפּעט...

איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער... ווייט־ווייט האָט זיך געזען דער באַלויכטענער צענטער פון פּאַריז, און ווי אַ גרויסער שומר־שאָטן איז געשטאַנען דער אייפל־טורם, אַ שווייגנדיקער עדות פון דורות, וואָס שטאַרבן און ווערן געבוירן...

עס האָט זיך דערמאַנט... דער גיהנום פון פרייד און פאַר־געניגן האָט זיך דערמאַנט. אָט, אַראָפּגיין, אַוועקגיין צו די, וואָס טראַכטן גאָרנישט... ווייל צו זיי, זיי קענען זיך פאַרגעסן, הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן. איך...

איך זע פאַר זיך דאָ אַ קאָלירטע נעץ, וואָס פאַנגט אַלעמען. איך שטיי פון דרויסן, איך וויל איבערקלייגן... און בײַ וואָס וועל איך בלייבן? בלויז בײַ דעם געדאַנק, אַז איך האָב זיך נישט גע־לאָזט פאַרפירן...

פּאַריז איז נאָך אַלץ די שענסטע שטאָט אין דער וועלט — אַזוי זאָג איך, און אָליע רובין ענטפערט מיר:

— אונדז איז אַלץ איינס, מיר גייען אין ערגעץ נישט, מיר אַרבעטן.

— פּאַריז איז נאָך אַלץ דאָס פרייליכסטע ווינקל...

— מיר זענען שטענדיק פאַרנומען — ענטפערט מיר שלמהקע סטאָליער, און דערבײַ באַמערק איך, ווי ביידע נעמען זיך ווידער צו דער אַרבעט.

ער צו זיין שניצעריי.

זי — צו אַ דאַמען־הוט...

— באַלד אין דער פרי — זאָגט זי — וועט קומען מאַדמואַזעל זשעני, איך מוז פאַרטיק מאַכן איר הוט...

— יאָ, מען דאַרף גיין. — איך געזעגן זיך און קוק אויף אַליע רובין. אירע קליינע פינגער זענען נאָך קלענער געוואָרן.

אָט אַזוי איז זי דאַמאָלס געזעסן איבער דער רויטער פאָן און אויף אירע פינגער זענען אָנגעוויקלט געווען גאָלדענע פעדים פאַר דער „רעוואָלוציע".

יעצט זענען די פינגער פאַרוויקלט מיט שוואַרצן פאָדעם, זי נייט אַ הוט פאַר מאַדמואַזעל זשעני...

— ווער איז דאָס די מאַדמואַזעל זשעני? — פרעג איך, ווען איך שטיי שוין בײַ דער טיר.

— אַ מיידל, אַ פּאַריזער מיידל — ענטפערט מיר אַליע רובין מיט אַ מיד קול...

— איינע פון יענע פּאַריזער מיידלעך, וואָס געהערן צו אַלעמען — ענטפערט מיר שלמהקע סטאָלער.

— באָן סואַר.

— באָן סואַר, קומט אַריין אַמאָל!..

קרובים...

— זאָלסט גאָרנישט פרעגן, זאָלסט אין גאָרנישט צווייפלען אַלץ, וואָס איך וועל דיר זאָגן און דערציילן, מיין זינגען, מיין רעדן און מיין־שווייגן צו דיר...

אַלץ איז איין גרויסער אמת.

ווען אי־ וואָלט וויסן, אַז איך קען דיין ליבע דערגרייכן מיט שקר, מיט פּראָזע... וואָלט איך זיך אפשר נישט פאַרטראַכט. ווייל איך פיל, אַז דו ביסט מיינע, אַז דו מוזט מיינע זיין, ווייל איך האָב צוגעקלאַפּט אין יענער טיר, וווּ מען האָט געוואַרט אויף מיר, איך האָב געטראָפן, געפירט פון געפיל בין איך געקומען צו דיר, דערזען דיך און געבליבן שטיין: צוריק דאָרט איז גאָר־נישט געבליבן פאַר מיר.

נאָר איך זאָג דיר, איך באַדאַרף נישט דעם שקר אַלס גע־הילף, איך רעד צו דיר, ווי עס רעדט זיך... פריי, אמת, ליבע, פרייד... וואָס ווילסטו נאָך?

פרווו מיך קיין סך נישט אויס, איך זאָל נישט רעדן קיין איבעריקע רייד, ווייל דאָס וועט שוין נישט געהערן צום אמת.

— ווו האָסטו דאָס גענומען? — פרעגסטו.

— גיב אַ קוק! איך ווייז דיר דאָס, וואָס דו זעסט אַליין: דעם פרילינג. די אַלע בעז-און קאשטאַן-ביימער, וואָס בליִען אַלע מיטאַמאָל, די ווייסע, ראָזע פליטערלעך פון די פרוכט-ביימער, די יונגע פרישע גרינקייט פון גאָרטן אין פעלד.

באַם פרילינג האָב איך מיין אמת גענומען.

און וואָס פאַרלאַנג איך?

איך וויל, דאָס דו זאָלסט אויך אַזוי איבעראַשט זיין, ווי איך.

איך, דער איינגעשפאַרטער.

איך, וואָס קען נישט און וויל נישט פאַרגעסן די שיינקייט.

אַז אַ שטיין ליגט אין וועג, מיידן מיר אים אויס, און צו אַ בלום טאָר מען נישט בלייבן גלייכגילטיק.

ווי דיר ווילט זיך.

איך קען פון דאַנען גלייך אַוועקגיין, האָסט מיך נעכטן נישט געזען, וועסט מיך מאָרגן ווידער נישט זען. נאָר ווען מיר שיידן זיך היינט, וואָלט עס געווען זייער קלוג, צו קלוג, און וויסן זאָלסטו, אַז קיינער פאַרלירט נישט אַזויפיל, ווי דער צוקלוגער.

מיר זענען גאָך פרעמד.

אמת, מיר זענען זייער פרעמד. ערשט נעכטן זיך באַקאַנט און — מערקווירדיק! אַזוי פיל מענטשן זענען דערביי געווען און מיר האָבן קיינעם נישט באַמערקט, מיר האָבן זיך נאָר געזען...

פון דיין מאַן האָסטו זיך לאַנגזאַם אָפּגערוקט, פון דיינע אַלטע באַקאַנטע האָסטו זיך אָפּגערוקט, און דיינע אויגן האָבן פּסדר געזוכט יענץ אָרט, וווּ איך האָב זיך געפונען...

איך...

איך האָב אַלעמען געענטפערט, גערעדט אַלעמען, און די „אַלע" זענען מיר ליב און וויל געווען, ווייל דו האָסט זיך געפונען צווישן זיי.

אַ סך ווערטער, אַ סך פראַזן. אַ סך דורכגעלעבטע איבערציינגטע אמת, וועלכע איך האָב נישט געהאַט קיין חשק פאַר אַנ-

דערע אויסצוזאָגן, האָב איך דיר אין דער ערשטער שעה פון אונ־דזער באַקאַ טשאַפּט דערציילט. אַ סך שפּאַס, שטיפערישע עקס־פּעראַמטן, וואָס איך האָב אַליין אין זיך נישט געפילט, זענען גע־בוירן געוואָרן אויף מיינע ליפּן, ווען איך האָב מיט דיר גערעדט. דאָס אַלץ האָט זיך לאַנגזאַם און אומבאַוווּסטערהייט געזאַמלט אין מיין האַרץ פאַר אַ גאָר אומבאַקאַנטער פרוי, פאַר אייַנער, וועלכע האָט מיין נאָמען אפילו נישט געהערט.

אין דריי שעה נאָכדעם, ווי איך האָב דיך דערקענט, ביסטו אַרויס צו מיר...

ניין, נישט צו מיר, צו אַלעמען ביסטו אַרויס אין אַן אַנדער קלייד, — אוודאי דיין שענסט קלייד, און איך וועל זיך דאָך דער־לויבן דיר צו דאַנקען פאַר אָט דעם קליינִיקייט. איך האָב דיך לייכט-אומרויִק געמאַכט. ביזט היינט אוודאי לענגער געשטאַנען בײַם שפּיגל, ווי אַלעמאָל.

אַ קרוב איז געקומען צו דיר. נישט קיין שוועסטערקינד, נישט קיין ברודער.

אַ קרוב — אַ ציגיינער.

ווייל דו ביסט פון מיין שטאַם.

מיר האָבן אונדזערע שדכנים: אַמאָל איז דאָס דער שטורם־ווינט, אַמאָל איז דאָס די נאַכט, דאָס שווייגן, אַמאָל איז דאָס דער שיכורער ריח פון אַ רויז. ווו ווערט דאָס געבוירן אונדזער אָפּגע־זונדערט געפיל פון אומרו און פאַרלאַנג?

ווען קומט עס און ווען באַהאַלט זיך עס?

מיר אַליין ווייסן דאָס נישט. מיר באַהאַלטן זיך שטענדיק אין דער טאָג-טעגלעכקייט פון לעבן. מיר פאַרברענגען יאָרן אַן רייץ און אַן ווילן.

אָט אַזוי, מען לעבט אָפּ יאָרן. היינט נעמען מיר איין זאַך אַן פאַר אונדזער יום-טוב, מאָרגן אַ צווייטע געשעעניש, אָבער דאָס איז אַלץ זעלבסט-גענאַרעריי. מיר באַרימען זיך אפילו מיט אונ־דזערע פאַלשע יום-טובים. מיר בענקען ילו נאָך דער פאַרגאַנ־גענהייט, וועלכע איז געווען נישט העלער, ווי דער נודנער „היינט“, ווייל מיר האָבן אַ ווערטל, אַז אַלץ וואָס פאַרגייט, איז שיין. פאַ־

ס׳רט דאָך אָבער גאַנץ אָפט, מיר דערזעען פּלוצלינג, אַז מיר האָבן נאָך גאַרנישט געלעבט. קיין איין אמתן יום־טוב נישט געהאַט. לייּ דיק דאָס לעבן און פּוסט די פאַ״גאַנגענהייט... נישט איינער פון אונדז זעט זיך אַרום אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן, אַז עס איז נישטאָ מיט וואָס אָוועקצוגיין פונדאַנען, עס וועט פּשוט זיין אַ חרפּה צו קומען אין גיהנום אַריין... פאַר נישט לעבן, פאַר נישט זינדיקן.

דאָס טרעפט אפילו מיט אַזעלכע, וועלכע מיידן אויס פ״ום־קייט, וועלכע לאַכן פון גן־עדן — דעם נאַרישן חלום פון די שרעּ קעוודי קע.

אָבער מיין פרייד איז דאָס העכסטע, דאָס טיפסטע, וואָס איך קען דורכלעבן.

מ׳טאַמאַל באַגעגנט מען זיך.

איין בליק...

איין וואָרט.

און מענטשן דערקענען זיך, מ׳ר נעמען רעדן אויף אונּ דזער שפּראַך, מיר ווערן פאַרשווערער, מיר פאַרשטייען זיך אויפן ווונק.

אונדזער עקזיסטענץ, אונדזער בלוט איז אונדזער באַרעכּ טיקונג, און דאָ ליגן בא דער וייט שווערע ספרים מיט געזעצן. שומרים גייען אַרום מיט תפיסה־שליסלען, מיט האַנט־קייטעלעך...

האָסט מורא פאַר זיי, קוקסט דיך אַרום. דער טיגער אין שטייג פאַרלירט נישט זיין ווילדקייט, און די פרייע מענטשן פלאָפּ לען מיט פאַלשע ליפּן: אָרדנונג, דיסציפּלין...

איינאונאייניציקע!... איך וויל זיך דאָך נישט שפּילן מיט דיר אין ווערטער־שפּיל, נישט קלויבן קיין ווערטער, כאָטש איך האָב ליב דעם שיינעם קלאַנג. נאָר גלייב מיר, אין אויפריכטיקייט איז נישטאָ קיין באַנאַל וואָרט, אין אמתער אַנטציקונג איז נישטאָ קיין פאַלשער בליק, קיין מיאוסער געדאַנק — אַלץ איז שיין.

לאָמיר זיך באַהאַלטן מיט אונדזער אוצר. מיר זענען היינט אין אַן אַנדערער וועלט, און די געזעצן פון „דאַנענט״ זענען פאַר אונדז נישט „גילטיק״.

גיב נאָך איין שטייכל, און דער זיגל ווערט געלייגט.

היינט זענען אונדזערע טעג. מיר זענען אויף דער צעבליטער ערד און נישט אין פייכטן קבר.

שפּילסט, לאַכסט און שמייכלסט, צוליב מיר געניסן אַנדערע, ביסט היינט צו אַלעמען אַזוי גוט און אַלע טראַכטן, אַז די ביסט פאַרליבט אין זיי

אפילו דיין אייגענער מאַן, וועלכן דו „מוזט" ליב האָבן, „ער" גייט אויך אַרום מיט אַ געהויבענעם קאָפּ... נאָר וואָס גייט ער מיך אָן. דיך זע איך צום ערשטן מאָל און אים האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. אַ סך, אַ סך פון די גרויסע מיליאָנען זעט מען נישט, אפילו ווען מען הערט זייער קול.

קינד!

איך האָב דיר אַ נאַרישקייט געזאָגט.

וועגן אַ קוש...

וואָס? האָסט אויפגעעפנט ברייט די אויגן און געפרעגט:

— „וואָס?"

וווּנדער זיך נישט, ווייל אַלץ, וואָס עס איז שוין געווען, איז שוין נישט מער, און די היינטיקע פרייד האָט נישט קיין פאַרגאַנגענהייט.

— יונג, אַלט... בשעת דאָס האַרץ טאַנצט, ציילט עס נישט די יאָרן. דער עיקר איז דאָס, וואָס דו זוכסט אַלץ דאָס ווינקל, ווו איך געפין זיך, און איך בין נעכטן נישט אַוועקגעפאָרן, כאָטש איך האָב עס געמוזט טון, צוליב מיינע ענינים, איך וועל מאָרגן אויך נישט אַוועקפאָרן.

עס האָט זיך געביטן די וועלט, די שיינקייט, די זון האָט אַן אַנדער פּנים באַקומען, די שמאָלע טירן פון אונדזערע הייזער האָבן זיך געעפנט און מיר זענען אַרויס אויף דער פריי.

מיר שפּרייזן דאָרט, ווו אונדזער פּלאַץ איז, צווישן גרינס און בלומען, מיר וועלן נישט דערלאָזן, אַז די לאַנקעס און די סטאַדן זאָלן פאַרגעסן ווערן, ווייל אין דער נאַטור איז קיין שיינקייט נישטאָ, אין אָן קיין שיינקייט איז קיין ליבע נישטאָ... נאָר טויטע קענען לעבן אָן ליבע...

איך בלייב דאָ, איך מוז שוין בלייבן מיט דיר.

ווייל די צונגן זענען שטיין געבליבן, די שיפן האָבן פאַר־וואָרפן פעסט די אַנקערס.

ווייל ק־ובים האָבן זיך באַגעגנט. איך און דו... וואָס דאָ וועט פאַרקומען: א שמחה, צי אַ טרויער — דאָס ווייס איך נישט, נאָר בלייבן מוז איך דאָ... אויב נישט, טאָ צוליב וואָס האָב איך געוואַנדערט און צוליב וואָס בין איך אומרויק געווען אין זוכן.

און אַ געזעמל מענטשן האָב איך דיך געפונען, און איצט זענען די מענטשן איבעריק געוואָרן, ווי שטיינער אויפן וועג.

מען מוז דאָך אַ יאָג טון די פערד, די קאַרעטע אונדזערע זאָל זיך טראָגן, ווי דער שטורם.

וואָס קוקסטו זיך אַזוי אַרום? די וועלט איז אונדזערע, צי זייערע? זאָג!

די שיינקייט, וואָס „זיי" זעען נישט, איז אונדזערעס, צי זיי־ערעס? ענטפער!

דו, ליכטיקע! מער, ווי דיין שמייכל האָסטו נישט, און דאָס איז דאָך אַלץ, אַזוי ווי דו זון מיט איר ליכט און וואַרעמ־קייט.

קוקסט זיך נאָך אַלץ אַרום... די ליפן קושן און ציטערן אין דער זעלבער צייט. ס'איז גאָרנישט — איך האָב דרייסט פאַר דיר אויך — וועסט זען, וועסט פילן, ווי שטאַרק איך בין אין מיין פאַרלאַנג.

איך וויל נישט לייקענען, עס איז אויך שיינקייט פאַרהאַן אין דיין מורא־האָבן. די יעגערס דערציילן, אַז דער הירש איז שיין דאַמאָלס, ווען ער אַנטלויפט...

לויף, לויף!

נאָר נישט פון מיר, פון זיי אַנטלויף, פון דער לאַנגווייל־קער איינגעזעסנקייט, און באַהאַלט נישט דעם קאָפּ אין טיפן גראָז, עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, עס וועט זיי, מיט זייערע געזעצן, אויך גאָרנישט העלפן. דו האָסט אויף מיר געוואַרט, ווען

דו האָסט וועגן דעם גאָרנישט געטראַכט. איך האָב דיך געזוכט שטענדיק, אייביק.

ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָבן מיר געשוויגן, אונדזערע הערצער האָבן שוין פאַר אונדז גערעדט, און וואָס מיט אונדז זאָל נישט געשען — אונדזערע הערצער וועלן פאָדערן זייערס.

עס וועט דיר גאָרנישט העלפן, און דער, וואָס זיצט דאָרט אַזוי זיכער, אַזוי נאַריש־זיכער — דיין מאַן.

עס וועט אים אויך גאָרנישט העלפן, דאַמאָלס, ווען אַלטע אייביק־יינגע קרובים באַגעגענען זיך, וועט אים גאָרנישט העלפן.

אין די געדאַנקען האָסטו אים שוין פאַרראַטן...

די טראנזאקציע.

אין א לאָדשזער קאַסע זיצן באַ א טישל פיר יונגעלייט. מען האָט שוין לאַנג אויסגעטרונקען די האַלבע קאַוועס, מען האָט שוין אָפּגערעדט וועגן די אַלע באַנקראָטן פון דער לעצטער שעה... איצטער שפּילט מען אין די ציפערן פון די אַסיגנאַציעס.

מען נעמט אַרויס א זלאָטי, צוויי זלאָטעס און מען טרעפט:

— גראָד, צי אום?

מען איז ערנסט פאַרטון אין דעם ענין, מענטשן, וואָס נעכטן האָבן זיי געמאַכט אַזעלכע קאָלאָסאַלע געשעפטן, פאַרנעמען זיך היינט מיט אַזא נודנעם קינדער־שפּיל, וואָס איז אַ סך נודנער, ווי כאַפּן פליגן.

מען קאָנטראָלירט די ציפערן פון א פּוילישן מלוכה־באַנקנאָט, מען ציטערט אויף אַן איבעריקער „צוויי" אָדער „איינס", וואָס האָט קאַליע געמאַכט דאָס געווינס.

באַ די איבעריקע טישלעך גייט דאָסזעלבע. נעכטיקע לייבן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווען באַ אַ לאָדזשער איז פּוסט אין קעשענע, לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, ער נעמט דיך באַגריסן דער

ערשטער, ער דריקט דיר שטאַרקער דיין האַנט, — דאָס זענען סימנים פון קריזיס.

אין אַ גוטער צייט איז ער שטאַרק באַשעפטיקט, ער האָט פשוט קיין צייט נישט דיך צו באַמערקן.

היינט דאַנקט ער גאָט, אַז ער האָט מיט וועמען צו רעדן אַ וואָרט. אַ ביטערע צייט, ווען די קוימענס רויכערן נישט, ווען קיין קונים קומען נישט.

לאָדזש איז די אומרייינסטע שטאָט אין דער וועלט, נאָר אין דער זעלבער צייט די מוטיקסטע שטאָט. די מענטשן פאַלן באַ זיך נישט אַראָפּ, אפילו, ווען זיי ליגן שוין צען איילן אין דער ערד. קיין קאַפּיטאַלן האָט דאָ קיינער נישט געבראַכט פון דער היים, מען האָט זיך דאָ אַליין רייך געמאַכט, און מענטשן, וואָס דערגרייכן אַליין, פאַרלירן נישט אַזוי גיך די האָפענונג, ווי די געבוירענע גבירים.

איצט איז יעדער פּאַרשוין, וואָס פאַרמאָגט אַ פּאָר גראָשן מזומן, געוואָרן אַ יחסן. צופעליק איז באַ אים געבליבן אַ ביסל געלט... קוקט מען אויף אים, ווי אויף אַן אָפּגאָט, מען בעט אים צו יעדער טישל און מען פרעגט שטילערהייט:

— אפשר וועט איר מאַכן אַ וועקסעלע? פּרימאַ, צינזען, ווי־פיל איר ווילט.

שמייכלען די אייגעלעך און די ליפּן רעדן גלניש אַרויס:

— פּאַר צוואַנציק וועל איך מאַכן.

— איר זענט אַ גזלן!

— איר וואָלט בעסער נישט געווען.

נאָר דער וואָס באַזיצט דאָס וועקסעלע רעדט שוין נישט, ער נעמט רעכענען אויפן שטיינערנעם טישל מיט אַ בלייפעדער, וויפיל מזומן ער באַדאַרף באַקומען.

באַ דעם טישל פון די פיר איז צוגעקומען אַ פיפּטער.

אַ געזונטער שטאַרקער ברונעט, מיט אַ טייערן קאָלנער צום פּעלצל, ער באַגריסט זיך מיט די פיר, און זיי רייסן איבער זייער „גראַד“ און „אום“.

— וואָס מאַכסטו, מאָניעק?

אַנשטאָט אָן ענטפער דערלאַנגט זיך מאַניעק אַ קלאַפּ אין האַרץ, ניין, נישט אין האַרץ. ער קלאַפּט זיך אָן אין בוזעם-קע-שענע...

— וואָס, שוין?

— דו האָסט שוין

— ניין, טאַקע?

— די גאַנצע סומע?

באַ די פיר געמען גלאַנצן די אויגן; זיי מאַכן פּלאַץ און נעמען אַריין מאַניעקן אין סאַמע מיט.

ער רוקט זיך קוים אַריין צווישן זיי, אַ ברייטער פּאַרשוין, כאָטש ער איז נאָך יונג.

ער איז לייכט אויפגערעגט, נאָר מיט שטימונג, מיט אַ מונ-טערער רחבות זעצט ער זיך.

אַרומגערינגלט מיט נייגעריקע אויגן, ענטפערט מאַניעק:

— ניין, נישט אינגאַנצן... אַ העלפט, די איבעריקע העלפט דריי טעג נאָך דער חתונה.

— און די העלפט האָסטו שוין?

— אין קעשענע?

— פינף טויזנט שטיקלעך?

— וועקסלען, צי ממש דאָלאַרן?

מאַניעק שפילט נאָך אַלץ מיט זיי אין שטום-לשון; ער ווייזט אָן אויף דער בוזעם-קעשענע, וועלכע איז נאָנט צום האַרץ:

— אָט דאָ ליגט עס... וועקסלען וועל איך נעמען: היינט וועקסלען? אַ יאָלד בין איך?

— ווען איז דאָס געשען?

— וואָס הייסט, ווען? מיט אַ שעה צוריק, איך גיי איצט פון דאָרטן.

— הייסט עס, אַז דו האָסט חתונה, נאָר אינגיכן?

— ווען נישט דער קריזיס, וואָלט איך דאָס נישט געטון: אַזוי גיך, נאָר איצטער... צען טויזנט דאָלאַר, אַ ווינונג... גיי זאָג זיך אָפּ פון דעם!

די חבֿרה אַרום באַרויקט זיך אַ ביסל; יעדער אייגער פון

די פיר איז אים מקנא, און ווען די חברה פארטראכט זיך, רוקט מאניעק אריין די האנט אין בוזעם-קעשענע און ציט ארויס פון דארטן א פול-געפאקטן לעדערנעם פארטפעלטשיק:

— דא ליגט עס...

אויגן נעמען לייכטן, די ליפן עפענען זיך אויף האלב... נאר חברה קאן זיך האלטן, מען איז איבערראשט, נאר מען וויל דאס נישט ווייזן, מען וויל נישט ארויסזאגן. צוליב וואס און צוליב וועמען? קיינער וועט פון דעם נישט רייכער ווערן, נאר אלע וואלטן זיי וועלן א קוק טון אויף דעם פעקל אמתע דאלארן, א קוק געבן און מער גארנישט. א רגע האבן אלע געשוויגן, ביז איינער האט זיך אנגערופן:

— באווייז!

— איר גלייבט נישט? — און מיט ציטערדיקע פינגער ציט ער ארויס פינף צונויפגעלייגטע פעקלעך, אין יעדן פעקל צו צען אסיגנאציעס, צען מאל הונדערט איז טויזנט, פינף מאל טויזנט איז פינף טויזנט...

אום עס זאל נישט כאפן קיין בייז אויג, באגראבט ער באלד די אסיגנאציעס צוריק אין פארטפעל און אין בוזעם-קעשענע.

א געוויינטלעכע בוזעם-קעשענע. נאר מען קוקט אויף דעם ארט, וווּ דאס ביסל געלט האט זיך באהאלטן און מען ווילט זיך:

— ווערסט אפשר שפילן אין ציפערן?

ווינקט ער אזוי וויל-ייִנגלעריש מיט די אויגן: נישט געטראפן קיין יאלד. ער איז גרויסמוטיק, ער באשטעלט קאווע פאר אלעמען, זיצט און רעדט, כאפט זיך יעדע רגע צו דער בוזעם-קעשענע.

ער איז אביסל צערודערט היינט, די אייגלעך זיינע גלאנצן פון אויפרעגונג, ער שפילט זיך מיטן גרויסן בריליאנט אויף זיין פינגער און רעדט צו זיינע חברים:

— ווען נישט דער קריזיס, וואלט איך מיך אזוי נישט געאיילט, אבער צען טויזנט דאלאר איז געלט. וויפיל האט עס אויסגעמאכט פריער אויף די פוילישע מיליארדן?

— א בחור איז געלט — רופט זיך אָן אייגער.
— א שאָד, וואָס מען קען נישט יעדעס יאָר טון קיין שידון.
— אז גאָט העלפט, אַנטלויפט דאָס ווייבל מיט א באַנק־דירעקטאָר.
— ווען פּאַסירן אַזעלכע גליקן? — רופט זיך אָן מעלאַנ־כאָליש דער לעצטער.
דערנאָך רעדט מען וועגן פּלענער פון דער צוקונפט, וועגן לאָזן אין גאַנג א שפּינערײַ, און מען קומט ווידער צו די פינף טויזנט דאָלאַר, וועלכע ליגן בײַ מאָניעקן אין קעשענע:
— ער האָט גלייך געגעבן? נישט געדונגען זיך?
מאָניעק ענטפערט:
— איך האָב אים געשטעלט באַדינגונגען: פינף טויזנט איצט און פינף טויזנט דריי טעג פאַר דער חתונה.
— און אז ער וועט צו דער צייט נישט געבן?
— וועל איך נישט חתונה האָבן צו דער צייט.
לאַכן די אַלע א ביסל, און דערנאָך נעמט מען זיך צו מאָ־ניעקן:
— מען קען נישט זאָגן, אַז זי איז א גרויסע שיינהייט, דיין כלה.
— דער צווייטער וויל מילדערן:
— מען קען אויך נישט זאָגן, אַז זי איז א גרויסע מיאוס־קייט.
ער פאַרלירט זיך א ביסל, נאָר באַלד געפינט ער זיך:
— מיר געפעלט זי...
— מיט די דאָלאַרן?
נאָר איינער פון די חברה רייסט איבער דעם נישט צוגע־פאַסטן שמועס, ער פרעגט:
— מיר גיין הײַנט ערגעץ, האָסט צוגעזאָגט, געדענקסט?
— איך האָב אליין וועגן דעם געטראַכט, מיר גיין אין „מאָנטיפּל“, מיר וועלן נעמען א קאַבינעט.

— בראַוואָ, מאַניעק!...

און מאַניעק רופט צו דעם פּיקאָלאָ, ער שרייבט אַן עטלע-כע ווערטער און שיקט אַוועק דאָס יינגל.

— צו זאָשקען האָב איך אָנגעשריבן, חבר ה! איר זאָלט איר נישט דערציילן, אַז איך בין געוואָרן אַ חתן. זי וועט מיר אויס-דראַפּען די אויגן, און זי טאָר נישט וויסן, אַז איך האָב געלט. יע-נע קען פון אַ טויטן אַרויסציִען.

— אוודאי אַזוי, אַ שיקסע איז נישט קיין כלה.

דערנאָך נעמט יעדער פון זיי טראַכטן פון זיין „זאָשקע" אָדער „בראָנקע" מען לויפט צום טעלעפאָן, מען שיקט צע-טעלען...

און מאַניעק אַליין לויפט אַוועק צום טאַטן אַהיים אויף צוואַנ-ציק מינוט, נישט מער..

— איך וועל דאָרט אַוועקלייגן אין טאַטנס פּוסטער קאַסע דאָס ביסל געלט, מען באַדאַרף זיין אַ משוגענער, אַרומצוגיין מיט אַזאַ סומע אין קעשענע.

— ביסט גערעכט, דו ווערסט אַ פּראַקטישער מענטש.

— וואָס דען? אַ יאָלד בין איך?

מען איז געבליבן אָן מאַניעק, האָט מען ערשט פון אים גערעדט, מיט דרך-ארץ גערעדט:

— אַ יונג האָט הצלחה.

— ער וועט דערפאַר האָבן אַ מיאוס ווייב.

— זיי נישט קיין יאָלד, אַז מען האָט געלט, האָט מען שיי-נע ווייבער אויך.

אין גיכן איז מאַניעק צוריקגעקומען, און חברה איז אַרויס פון קאַפע.

אויף פּיעטריקאָווער גאַס האָט יעדער איינער פון זיי באַ-געגנט זיין „זאָשקע" און זיין „בראָנקע". מען איז אַוועק אין „מאָנ-טייפעל" אין אַ באַזונדערן קאַבינעט, מען האָט געטרונקען, מען האָט געזונגען און געשריגן, ווי שיכורים שרייען שטענדיק, מען האָט גערעדט פּרעכע רייד, חוזק געמאַכט פון אַלץ, פון אַלעמען, פון זיך אַליין. דערנאָך פאַרטאָג האָט מען זיך אָפּגעזונדערט. די

פאַרלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין פאַרשידענע ווינקעלעך פון דער גרויער שטאָט.

פאַרן אוועקגיין, האָט זאָשקע, וועלכע איז שוין געווען גע־נוג שכור, גענומען אַ גלעזל אין האַנט, זי איז צוגעשטאַנען צו מאַניעקן, ער זאָל איר באָם „לחיים" שווערן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן, זי אַליין באַדאַרף אויך נישט קיין חתונה, זי וויל נאָר מען זאָל שטענדיק טרינקען און פריילעך זיין.

מאַניעק האָט געטרונקען מיט איר „לחיים", און אַ צען מאָל געשוווירן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן, קיינמאָל נישט...

אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, אין איר מיידלישן צימער, איז מאַניעקס כלה אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט זיך כסדר פאָרגעשטעלט איר חתן, געטראַכט און געטרוימט פון אים...

ווייבער.

ער איז אַן עלנדער בחור, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, שווייגנדיק. אַ לערער. פון זיינע שכנים האָט קיינער נישט געוווּסט, ווו ער לערנט, מיט וועמען ער לערנט?

העכער צען יאָר לעבט ער שוין אין דעם זעלבן הויז, אויפן פירטן שטאָק אין אַ באַזונדער צימער. די סטרוזשקע פלעגט באַ אים אויפרוימען, די סטרוזשקע ברענגט קוילן, און מער איז צו אים קיינער נישט אַריינגעקומען.

פלעגט דורכגיין דורך די טרעפּ, ווי אַ שאָטן, ער האָט בלויז פון די טיר-אויפשריפטן געוווּסט, ווער ס'וווינט אויפן צווייטן שטאָק, ווער אויפן דריטן שטאָק. אַן אָפּגעזונדערטער מענטש, מיט אַ בליק, וואָס איז דערגאַנגען, אַז אַלץ איז גאָרנישט, אַז עס לוינט נישט... קיין זאַך לוינט נישט, אפילו שטאַרבן אויך נישט.

אַ מענטש וואָס האָט זיך איינגעלעבט מיט זיך אַליין. ער פאַרלאַנגט גאָרנישט פון די „אַלע" און זאָלן די אַלע גאָרנישט — פאַרלאַנגען פון אים. ער האָט זיך ויסגעאַרבעט אַ קוק אויף וועלט און לעבן, און זאָל זיך די וועלט איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ, ער וועט זיין מיינונג נישט ענדערן... ער האָט שוין צופיל הנאה

פון זיין אָפּגעזונדערטקייט — זאָל אים דאָס קיינער נישט צע־שטערן.

אַבי די פיס טראָגן...

מאַכט זיך לעצטנס, אַז ער ווערט קראַנק, באַנאַכט האָט אים געכאַפּט אַ פיבער, דער קאָפּ טוט ווי, די ביינער ברעכן און אין האַלדז רייסט... העי! ביז אין דער פרי, טראַכט ער, וועט אַלץ אַריבער. ער האָט קיינמאָל נישט געקרענקט. אַ פאַרגעסענער פון אַלעמען, האָבן אַלע קרענק אים אויך פאַרגעסן.

אין דער פרי איז אים נאָך ערגער געוואָרן, און ווי באַריש עס האָט אים נישט אויסגעזען זיין קרעכצן צו זיך אַליין, האָט ער דאָך כסדר צוגעקרעכצט און געוואָרפן זיך פון ווייטיק.

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון געפערלעכע קרענק. יאָ, ער פילט די און די סימפּ־טאָמען... ער קען דאָך אַזוי אַוועקשטאַרבן, ווי אַ קאָלטונעוואַטער, היימלאָזער כלב... באַלד ווערט ער קלוג און ערנסט: און אַז שטאַרבן? וואָס איז שטאַרבן? וואָס איז לעבן? וועט ער נישט קריכן צוויי מאָל אַ טאָג פון די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ, וועט ער נישט עסן די ביליקע מיטאָגן און נישט לערנען מיט די טעמפּ־קעפּיקע, רייכע תלמידים.

אָבער שטאַרבן... אַ קעלט גייט אים איבער דורך די ביי־נער, ליגן אין פינצטערן, קאַלטן קבר. שטאַרבן... ער וואַרפט זיך דריי מאָל איבער אויף זיין בעטל... ער... ער האָט אַ סך זאַכן ליב אין לעבן. וועלכע זאַכן, וואָס האָט ער ליב אין לעבן? אין דעם האָט ער זיך קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן, נאָר דאָס גרויסע נודנע לעבן איז אים פּלוצלינג טייער געוואָרן.

און אַ שטיקל רעטונג איז געקומען:

די סטרוזשקע האָט געבראַנגט קוילן. זי האָט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואָס דער „פּאַן נאַוטשיטשעל" ליגט נאָך אין בעט, און דאָ הערט זי, ווי ער קרעכצט.

קראַנק געוואָרן. אין איינזאַמער מענטש.

איז זי אַריינגעלאָפן צו אַ שכן, האָט אויסדערציילט:

— דער לערער, דער לערער, וואָס לעבט אין אָפּגעזונ־

דערטן צימער איז קראַנק געוואָרן... אַ רחמנות, אַן עלנטער מענטש.

איז אַרייַנגעקומען אַ שכנטע.

זי האָט אַ קוק געגעבן אויף דעם מענטש: ער ברענט פון היץ, האָט זי גערופן אַ צווייטע שכנטע.

די צווייטע שכנה האָט גערופן אַ דריטע, די דריטע אַ פירטע...

אין אַן איינזאַמען צימער פון אַ שוויַיגנדיקן מענטשן האָבן געגומען פלאַפלען און טומלען ווייבער.

און די אַלע ווייבער האָבן געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר, דער דאָקטאָר איז געקומען און האָט אויפגעקלערט:

— אַ שווערע אַנגינע. דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן רפואות און פּראַשקעס...

אין אַ טאָג, אין צוויי טעג, איז אים לייכטער געוואָרן, אָבער דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט: פאַר קיין פאַל פריִער, ווי אַ וואָך, פריִער, ווי צען טעג, נישט אַרויסגיין, ווייל ס׳איז זייער אַ שווערע אַנגינע...

איז ער געלעגן אין בעט.

דערווייל האָט זיך דאָס גאַנצע הויז דערוווּסט, אַז אויפן פירטן שטאָק ליגט קראַנק דער לערער.

אַן איינזאַמער מענטש.

עלנט ווי אַ שטיין.

אַ וויסט לעבן...

און די טיר האָט זיך בײַ דעם „איינזאַמען מענטשן" נישט צוגעמאַכט. באַרמהערציקע ווייבער, די אַלע שכנות פון אַלע פיר שטאָקן, זענען געלאָפן פאַרדינען אַ מצווה.

איינע האָט געבראַכט אַ גלאָז טיי.

די צווייטע — אַ טעלער זופּ.

די דריטע — מאַלינעס צום שוויצן.

די פירטע איז גלאַט אַזוי אַרייַנגעקומען.

און בײַ דעם אָרימען לערער אין שטוב האָבן זיך כסדר געזאַמלט טעלערס, לעפל, גלעזער און... ווייבער.

ווייבער, שווערע ידענעס, אַזעלכע, וואָס האָבן ליב
אַ רעד צו טון, און דאָ איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט דער־
צו.

— אַנגינע איז נישט קיין שווערע קרענק, — זאָגט איי־
נע.

— אָבער אז מען איז נישט פּאָרזיכטיק, קען דאָס זיך ענ־
דיקן זייער טרויעריק.

— מיין קוזינקע, די פון סטריקאָוו, איז ביזן היינטיקן טאָג
טויב אויף איין אויער, ווייל זי איז צו פרי אַרויסגעגאַנגען נאָך
אַן אַנגינע.

— און מיין שוועסטער האָט צו טון מיט די נירן. דאָקטוירים
זאָגן, אַז דאָס איז איר געקומען פון אַנגינע...

דער קראַנקער ליגט זיך אין בעט און מוז אויסהערן די אַלע
מעשיות...

און אַז ווייבער נעמען רעדן פון קרענק — באַדאַרף מען
שוין קיין אוניווערזיטעט נישט באַזוכן. זיי צעגלידערן דעם מענטשנס
נעבעכדיקן גוף, אַלע ביינדעלעך, זיי דערמאָנען אַלע דאָקטוירים,
אַלע פּראָפעסאָרן, אַלע בעדער.

מען פאַרגאַלאָפּירט זיך מיטן גאַנצן אימפּעט, מען פאַרגעסט
אַפילו, אַז דאָ ליגט אַ מאַן אויפן קראַנקן בעט — מען נעמט רעדן
אויך פון ווייבערישע קרענק...

דער לערער נעמט זיך וואַרפן אויפן געלעגער, ער פאַרלירט
דאָס געדולד.

און די באַרמהאַרציקע ווייבער מיינען, אַז ער פילט זיך ווי־
דער שלעכט. לויפט איינע צו:

— וואָס איז? אפשר פאַריכטן די קישן?

די צווייטע פרעגט:

— אפשר מעסטן די טעמפּעראַטור?

די דריטע:

— אפשר עפּעס געבן אין מויל אַריין?

און די טיר מאַכט זיך נישט צו. די גיין אַוועק, קומען אַנ־
דערע, און אויף די טרעפּ פרעגט מען זיך איבער:

— איר גייט פון קראַנקן?

— וואָס מאַכט ער?

איינע פון זיי האָט געהאַט אַ קליין קינד אין שטוב, וויל זי דאָס קינד נישט לאָזן אַליין, ברענגט זי עס אויך אַרויף. דאָס קינד וויינט, אָדער עס נעמט זיך שפּילן און צעבּרעכט אַ טעלער, עס ווערט אַ געטומל, מען באַרויִקט זיך און מען רעדט ווי־דער.

דער בחור שווייגט. ער האָט נישט קיין ברירה. ער ווערט סענטימענטאַל און גוטהאַרציק: מענטשן האָבן פּאַר אים געזאָרגט. אָן זיי וואָלט ער דאָך אויסגעגאַנגען, און מיטאַמאָל געפעלט אים דאָס לעצטע:

— שוין בעסער אויסגיין, שוין בעסער שטאַרבן. ער פאַר־געסט זיך און רעדט עס אַרויס אויפן קול.

דערהערן דאָס די ווייבער, לויפן זיי צו.

— געוואָלט, אפשר רעדט ער פון היץ...

— ניין, איך בין געזונט, באַרויִקט זיך, איך האָב גאָרנישט געזאָגט.

— אַ מענטש וויל אונדז איינרעדן, אַז ער האָט גאָרנישט גערעדט.

— אפשר רופן אַ דאָקטאָר?

קוים זיי איינגערעדט, זיי זאָלן נישט רופן קיין דאָק־טאָר.

נעמען זיי איצט ווידער אַרבעטן מיט די צינגער.

איינע זאָגט:

— אַ מענטש באַדאַרף נישט זיין אַליין, זאָל גאָט אויסהיטן, אַז מען ווערט קראַנק...

די צווייטע:

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה? שוין אַ בחור אין יאָרן, דאַכט זיך, שוין צייט...

די דריטע:

— אַז איר וועט געזונט ווערן, האָב איך שוין איינע פאַר אייך... אַ טייערן שידוך.

אָט אַזוי פאַרגייט אַ טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, און ווי דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, מוז ער נאָך ליגן אַ פינף־זעקס טעג, אָבער ער וועט עס נישט אויסהאַלטן.

פריִער, צום אָנהייב, האָט ער די ווייבער־לאַסט אַזוי נישט געפילט... איצט...

עס הייבט זיך אָן אַ נייער טאָג. עס הייבן זיך שוין ווידער אָן די וויזיטן. די ערשטע קומט און זי ברענגט אַרויף אַ וואַרעמען לייב־יאַק:

— מיין מאַן האָט אַ וועש־געשעפט און איר מוזט זיך וואַרעם אָנטון...

די צווייטע קומט מיט וואָלענע שקאַרפּעטן:

— איצט נאָך אַ קרענק מוזט איר זיין פאָרזיכטיק.

די דריטע ברענגט אַ גלאָז טיי, און נאָך צוויי ווייבער ברענגען גלעזער טיי...

עס זאַמלען זיך גלעזער, טעלער, לעפל...

— צו מיטאָג קאָך איך פאַר אייך אַ פערטל הון...

— און איך פרעגל צו אַ עפל... דאָס מעגט איר עסן. געוואָלט!

דער לערער איז שוין באַלד משוגע פון די ווייבער.

דאָס גאַנצע רחמנות פון דער וועלט האָט זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אַרום אים, ער ווערט דערשטיקט פון רחמנות...

ער דאַנקט, ער בעט זיך באַ זיי, אַז ער באַדאַרף נישט די אַלע זאַכן, מענטשן טוען אָבער מעשים־טובים...

ווי אַזוי קען מען זיי באַליידיקן?

און ווי ווערט מען פטור פון זיי?

פאַר מיטאָג איז ער דורך אַ נס געבליבן אַליין אין זיין צימער און ער האָט גענומען באַטראַכטן. ווי ער האַלט דאָ אין דער וועלט, ער פילט זיך אַ סך בעסער, און וואָס האָט געוואָלט דער דאָקטאָר? פאַרוואָס האָט ער אים פאַרמשפט אויף אַזוי פיל טעג?

ער דערמאַנט זיך, אַז באַלד וועט זיך ווידער אָנהייבן די אינקוויזיציע פון די גוטהאַרציקע ווייבער?

ער דערמאַנט זיך די פּנימער: איינע איז אַ דיקע און בשעת זי רעדט שאָקלט זיך איר דער גראָבער האַלדז, די צווייטע איז שוין שטאַרק פאַרעלטערט און זי מאַכט חנדלעך צו אים.. רבונו של עולם! ווי ווערט מען פּטור פון זיי? אויב עס וועט נאָך אַ ביסל געדויערן, וועט ער דאָס ניט איבערלעבן.

און עס פאַלט אים איין אַ גאוינישער געדאַנק: אַנטלויפן! ניט געקלערט קיין סך.

ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. נאָר געטריבן דורך דעם אימפּעט, האָט ער אויף גיך אַרויסגעשלעפּט די קליידער אויף זיך.

אַרויס האַסטיק פון צימער, ווו עס זענען געבליבן די פרעמדע טעלער, לעפל און גלעזער, די אַלע רפואות ער איז מיט די שוואַכע פיס געלאָפן פון די טרעפּ און דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף איינע פון די ווייבער: זי איז געגאַנגען מיט אַ טעלער זופּ צו אים.

דער טעלער איז אַרויסגעפאַלן.

די ייִדענע האָט אַ געשריי געטון..

און ער איז פאַרשווונדן געוואָרן אין שטאָדט. אין די גאַסן... ער האָט זיך געפרייט מיט זיין פרייהייט און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק געווען.

מאַמעלע.

קיין קינדער זענען נישטאָ...

צו זייער פינפטן צענדליק האָבן זיי זיך ביידע שוין נישט קשהדיק פאַרוּנדלט. אַ געשמאַקע זאַטקייט ליגט אויף זיי, אין זיי... קיין גרויסע שווערע זאָרגן האָבן זיי ביידע אין לעבן נישט געהאַט. קיין שטורם נישט דורכגעמאַכט, די צימערן זענען פריי און ליידיק — פלאַץ איז פאַרהאַן גענוג...

עס לאָזט זיך וואַקסן.

וואַקסן זיי אין דער ברייט.

זי איז אַ ביסל מער פאַר אים פאַרפעצט געוואָרן, שוועדער פאַר אים, טעמפּער, גוטמוטיקער און ווייבעריש-נאַריש.

ער, דער בעל-דבר אַליין, הייסט איגנאַץ פיינזילבער. אויף דער שטילער טיר פון זייער פינף-חדרימדיקער וווינונג איז אָנגעקלאַפּט אַ מעשן ברעטעלע: „איגנאַץ פיינזילבער, פּראָפעסאָר פון געזאַנג".

זי רופט אים טאַקע אַזוי:

— מיין „פּראָפעסאָר".

דאָס איז בײַ איר זיין וואָכעדיקער נאָמען. אין געהויבענע

מאַמענטן, אין די גוטע בעסערע שעהן פון זייער שימל-לעבן, רופט זי אים:

— „מאַמעלע"

— וואָס ווילסטו, מאַמעלע? עסן? טרינקען? שלאָפן?

זי גייט אים נאָך מיט איר גוטסקייט, טרעט נישט אָפּ פון אים, ווי א הון א קוואָקע.

איר גוטסקייט, איר טרייהייט, איר ווייכהאַרציקייט. בײַ אַ פרוי ווערט עס שטענדיק אויסגענוצט פאַר אַ קינד, פאַר קינדער. די גוטסקייט פון אַ מוטער...

נאָר קיין קינדער זײַנען נישטאָ, איז איר ליבע אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דעם מאַן, און פון מאַן איז געוואָרן:

— „מײַן פּראָפעסאָר".

— „מאַמעלע".

— מאַמעלע, טו אָן די קאַלאָשן, ס'איז כמורנע, רעגן וועט פאַלן.

פון די טרעפּ לויפט זי אַראָפּ... דעם שאַל, ער האָט פאַרגעסן אַרומצוּוויקלען זײַן פּראָפעסאָרישן האַלדז מיטן שאַל. פּאַסירט אַמאָל אין שטאָט עפּעס: אַ שׂרפה, אַן אָנפאַל, אַן אויטאָמאָביל-קאַטאַסטראָפע, פאַרלאָזט זי דאַמאָלס קיך און טעלער, זי לאָזט זיך אַוועק זוכן איר „מאַמעלע", זי צעטומלט אַ פּאָר הונדערט באַקאַנטע, זי קלינגט אין אַלע טעלעפאָנען:

— האָט איר נישט באַגעגנט מײַן פּראָפעסאָר?

און ווען דער „פּראָפעסאָר" באַווײַזט זיך אַ גאַנצער מיט זײַן רונדן בײַכל, מיט דער זאַטער צורה, האַלט זי נישט אויס און לאָזט אַ פּאָר טרערן... טרערן פון פרייד

עס איז בײַ זיי אַ זיס-זויערע, אַ קאַלט-וואַרעמע ליבע, אַ געטריישאַפט פון אַ פּאָר זאַטע מענטשן, וועלכע ציטערן שטענדיק פאַר זייער אייגענע זאַטקייט און רויקייט. די וועלט עקזיסטירט פאַר זייער מאָגן, די נאַכט קומט צוליב זייער שלאָף און דער זומער קומט פאַר זיי, כדי אַ פרישע רעטעכל זאָל אויסוואַקסן אין דר'ערד, אַ רעטעכל, וועלכעס מען מאַכט דערנאָך צורעכט מיט ציבעלע און שמאַלץ...

זי אַליין האָט פריער געהאַט אַ נאָמען „בראָנקע". דאַמאָלס נאָך ווען זי איז געווען יונג, מיט אַ שמאָל פיגורל, מיט אַ ביסל חן אין די אויגן, וואָס די יוגנט קאַרגט קיינעם נישט.

בראָנקע, בראָניאַ...

יענע יאָרן זענען שוין לאַנג אַוועק. איצט האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן „באָנקע". די „ר" האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון איר נאָמען.

„באָנקע!"

אַ פּוסטער, ליידיקער קלאַנג. ער האָט די נשמה אַרויסגענומען פון איר נאָמען. איין אות, איין „ר", נישט מער...

און אַ מענטש איז אַזוי ווי אָפּגעשוואַרבן, אָפּגעשטאָרבן פאַר זיך, זי לעבט נאָר פאַר אים.

און דער זינגלאָזער קלאַנג „באָנקע" איז אַזוי, ווי דער סימבאָל פון איר לעבן.

„באָנקע".

עס דאַרף האָבן אַ צונעמעניש, אַ סימן, אַ צייכן, ווי אַ הונט להבדיל. און דער פּענסיאָנירטער פּראָפעסאָר האָט דערפילט לעבן זיך אַ קנעכט אָן פּראָטעסט און ווידערשפּעניקייט. ער האָט אים גענומען עקספּלואַטירן מיט דעם קאַלטסטן עגאָיזם.

אויסנוצן אָן שוועריקייט.

ווייל זי אַליין גיט זיך איבערגאַנצן אַוועק, ווי אַ נוצלאָזיקייט.

זיי האָבן אַ דינסט, אויך אַזאַ צוגעפּאַסטע, קינדערלאָזע קריסטין, רופט זי אויך דעם באַלעבאָס אירן:

— פּאַן פּראָפעסאָר!

און דיביידע פרויען אַרבעטן צוזאַמען, אַרבעטן פלייסיק פאַר „אים". זיי רייניקן און קאָכן.

די עלטע דינסט פרעגט:

— אפשר פרעגלען הייַנט פאַרן פּאַן פּראָפעסאָר אַ הון־קאָטלעט.

— יאָ, יאָ! — רופט זיך אָפּ די געטרייע „באָנקע" —

אוודאי א הון־קאַטלעט. ער באַלעקט זיך פון דעם, ער האָט ליב די צוגעברוינטע קאַרטאָפלעלעך...

און אין פינף חדרים ווערט געהיט די ריינקייט, מען שאַרט, מען פוצט, אין קיך קאָכט מען און מען פרעגלט. מען טומלט און מען שפּרייזט אויף די שפּיץ פינגער, נאָר דאָס אַלץ ווערט געמאכט פאַר איין מענטשן, פאַר אַ פּרינץ מיט אַ רוגדן בייכל, פאַר אַ „פּראָפעסאָר", וואָס האָט ליב אַ שלאָף צו טון און אַן עס צו טון.

מען קוקט אים אין מויל אַריין. די באַלעבאָסטע מיט דער דינסט, זיי האָבן אַן אויפגאַבע אין לעבן, אַ ציל, אַ באַרוף — דער פאָן פּראָפעסאָר זאָל נאָר זיין צופרידן, און דאַמאָלס איז די וועלט אַ וועלט, און לעבן איז לעבן... דאַמאָלס בענטשט מען גאָט.

צום פאָן פּראָפעסאָר קומען שילערינס אַהיים, ער לערנט זיי זינגען:

מען זאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער מבין אויף געזאַנג. ער מוז זיין אַ מבין, אַז מען האָט אַזאַ פּאַרונדלט בייכל מיט אַזאַ בלאַנציק צופרידן פּנים, מוז מען זיין אַ מבין אויף זינגען...

ערגעץ־ווו האָט מען וועגן אים געשריבן, אַז ער איז אַ קינסטלער אין פאַך, און קיין איין וואָרט האָט אַזוי שטאַרק נישט געווירקט אויף אים, ווי דערדאָזיקער קלאַנג:

„קינסטלער", דאָס איז אַזוי ברייט — און אַזוי טיף, מיט דעם וואָרט קענט איר שוין אַלץ פאַרענטפערן. „מאַמעלע", רופט זי אים זיין ווייב. זאָל זיין „מאַמעלע". נאָר אָרדנונג מוז זיין און צו דער צייט עסן מוז ער.

די קליינע זאָרגן פון קליידער, וווינונג און עסן מוז זי געמען אויף זיך...

ווייל ער איז אַ קינסטלער.
ווייל ער איז אַ פּראָפעסאָר.
ווייל ער קען ווערן אין כּעס.

אמת, די וועלט וועט פון דעם כּעס גאָרנישט וויסן, אָבער

אין זיין פירשטנטום נעמען ציטערן די ווענט, בשעת ער ווערט אין כעס. דאָ איז ער אַ בן-יחיד.

— מאַמעלע, איך וועל דיר אויסרייסן אַ גרויע האָר, און די „מאַמעלע" לאָזט זיך אַרויסרייסן אַ גרויע האָר. זי ציטערט, ער זאָל נישט באַקומען קיין קנייטשעלע אין זיין פנים. אַ הוסט, אַ קאַ־עך מאַכט זי ציטערן, און עס הייבט זיך אָן אַ סומאַטאָכע מיט פלעשעלעך, רעצעפטלעך.

די פענסטער ווערן פאַרהאָנגען, מען הערט נישט קיין הויך וואָרט אין זייער שטוב: באָנקע שטעלט דעם פּראָפעסאָר באַנקעס. און זי פאַלט פשוט אַוועק, ווען זי הערט אַ קרעכצעלע פון איר „מאַמעלע".

זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען.

ביז מיטאָג קומען זיינע שילערינס צו אים.

ער לערנט זיי זינגען.

ער, דער קינסטלער, רעדט נישט מיט זיי וועגן פרייז, וועגן צייט, דאָס דערליידיקט שוין אַלץ זיין „באָנקע".

און אַז עס קומט אַ נייער שילער, נעמט אים „באָנקע" נישט גערן אויף:

— מיין פּראָפעסאָר, — זאָגט זי, — האָט שוין אַלע שעהן אַוועקגעגעבן. ער האָט שוין קיין איין פרייע שעה נישט. דערפאַר טאַקע האָט ער בלויז שילערינס.

איצט די שילערינס. — זיי זענען אַלע שיינע. קיין איין מיאוסע נישט. וועגן דעם זאָרגט שוין דעם פּראָפעסאָרס ווייב.

אַז עס קומט אַ מיאוס מיידל, ענטפערט זי דאָס זעלבע:

— נישטאָ קיין פרייע צייט בײַ „מיינעם" — און צו דער דינסט רופט זי זיך שפּעטער אָן:

— געקומען אַ מיידל, געוואָלט נעמען אַ שעה, האָב איך איר געזאָגט, אַז ער האָט שוין קיין צייט נישט, ווייל זי איז געווען אַ מיאוסע, און מיין „מאַמעלע" קען מיט קיין מיאוס מיידל נישט לערנען... ער קען נישט, אַזאַ נאַטור בײַ אים.

און דאָרטן בײַ אים אין זיין צימער פאַלן הויכע און

גידעריקע טעגער. אַ מיידל נעמט אַ „פּאַ", דער קלאַוויר קלאַפּט צו.

די „באָנקע" גייט אַרום אין די איבעריקע חדרים. זי הערט זיך צו צו די קלאַנגען. איר נשמה צעזינגט זיך: איר „מאַמעלע" אַרבעט, איר פּראָפעסאָר פאַרדינט געלט. אין שטוב איז וואַרעם, ליכטיק, פאַרהאַן אַ ביסעלע רחבות, און זי ברעכט זיך דעם קאָפּ, מיט וואָס אים צופרידנצושטעלן. . .

יאָ, זי וועט אים היינט צו מיטאָג אָפּפּרעגלען לעבערלעך, ער האָט עס ליב, דער נאַשער, כאָטש דער דאָקטאָר האָט אָנגע-זאָגט, אַז ער זאָל דאָס נישט עסן, נאָר איינמאָל מעג מען, עס מאַכט נישט אויס. . .

בשעת זי פּרעגלט די לעבערלעך, דערמאָנט זי זיך, אַז ער האָט ליב דאָס זאָל זיין שטאַרק צוגעפּרעגלט.

געטרויט זי נישט דער דינסט, זי טרעט נישט אָפּ פון קיך. זי זעט, ווי די לעבערלעך ברוינען זיך, און די נשמה אירע קוועלט פון נחת: ער וועט עס עסן.

דערנאָך גנבעט זי זיך צו צו דער טיר, ווו „ער" לערנט זינגען, די טיר איז אַ ביסעלע אָפן, קוקט זי אַריין און באַ-מערקט אַזאַ סצענע: דאָס מיידל הערט אויף צו זינגען און דער פּראָפעסאָר גייט צו צו איר:

— גרויסאַרטיק! — אַזוי זאָגט ער צו זיין שילערין, — אַ וווּנדער-קול באַ איייך, אַזאַ מיילעכל מוז מען אויסקושן. און ער קלערט טאַקע נישט קיין סך, ער קושט דאָס מיידל אין די ליפּן, יענע קרימט זיך אַ ביסל, בייזערט זיך גוטמוטיק, נאָר זי טראַכט, אַז דאָס מוז אַזוי זיין, אַזוי לערנט מען אודאי זינגען. . .

און „באָנקע" קוקט עס אַלץ צו, עס דערלאַנגט איר אַ פּיק אין האַרצן, זי דערמאָנט זיך, אַז זי איז אַליין אַמאָל יונג געווען, נאָר באַלד פאַרגעסט זי דאָס, זי האָט דאָך מער קיינעם נישט, ער איז איר לעבן, איר קינד, איר טרייסט.

זאָל ער זיך האָבן אַ ביסעלע הנאה פון דעם עולם הזה.

און זי רופט אים מיט אַן אונטערגעגעבענעם קול.

— „מאַמעלע"! דאָס מיטאָג איז שוין פאַרטיק...

ער איז גוט געשטימט און ער ענטפערט.

— גוט, באַנקע, מיינע! שוין געענדיקט. איך גיי שוין עסן...

דאָס מיידל, די שילערין, גייט אַוועק, און דער פּראָ־פעסאָר פרעגט:

— וואָס האָסטו היינט צום מיטאָג?

— טרעף!

— לעבערלעך...

— פון וואַנען ווייסטו, „מאַמעלע"?

— עס שמעקט דאָך איבער דער שטוב.

טוט עס איר געוואַלדיק הנאה, וואָס אירע לעבערלעך, וואָס ער וועט עסן, שמעקן איבער דער גאַנצער שטוב...

ווען ער זיצט בײַם טיש, קוקט זי אים אַרײַן אין די אויגן און אין מויל. זײַן יעדער ביסן, וואָס ער שלינגט אַראָפּ, ווערט פון איר געבענטשט...

ער רופט זיך אָן:

— אַ שיין מיידל, די... ווי הייסט זי? איך האָב פאַרגעסן, די לעצטע, וואָס איז איצט אַוועקגעגאַנגען...

— אידאַ ליכטענשטיין הייסט זי...

— יאָ, ליכטענשטיין. זייער אַ שיין מיידל און אַ פע־יקע...

דאָס „מאַמעלע" שמייכלט דערבײַ...

— אוודאי אַ שיינע, — רופט זיך אָן דאָס ווײַב זײַנס. איך האָב געזען, ווי דו לערנסט...

נעמט דער פּראָפעסאָר לאַכן, און ביידע לאַכן זיי, ביידע אַזעלכע פולע, זאַטע.

זי באַרויקט זיך די ערשטע און זי רעדט אַרויס:

ביסט אַ גרויסער נאַשער בײַ מיר, ביסט אַ נאַשער, מאַ־מעלע!

און ער ווערט ערנסט און רעדט ארויס דאָס מאגיש וואָרט:

— איך בין גאָרנישט קיין נאשער, באַנקע מיינע, איך בין א קינסטלער, פאַרשטייסט...

זי מוז עס פאַרשטיין.

עס רעגנט.

עס רעגנט און עס רעגנט, מיט אַ נודנער עקשנות פּאַלן די קלעפּיקע טראָפּנס.

אַ טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, שוין אַ וואָך צייט, ווי מען זעט נישט קיין פּיצל הימל... און עס איז דאָך זומער.

אין פּענסיאָנאַט „אַניאָל", וואָס שטייט אויפן באַרג, זיצן איינגעשפּאַרט ביז זעקס מנינים געסט. מען קען פון די צימערן נישט אַרויסגיין.

די ערד אַרום איז ליימיק און דאָס ליים איז צעווייקט ביז גאָר.

די מענטשן אין די אַלע צימערן ווילן זיך באַ אַלע מעגלעכקייטן ראַטעווען פון דער גרויסער לאַנגווייליקייט.

דער קלאַוויר איז שוין הייזעריק. וועלכע מעלאָדיעס האָט מען שוין אויף אים נישט אויסגעשפּילט?

פאַר די זיבן נודנע, נאַסע טעג.

וואָס פאַר אַ לידל איינער האָט געהאַט... אַלץ שוין אויסגעזונגען, איבערגעזונגען, אויסדערציילט שוין אַלע אַנעקדאָטן.

ווידער געשפּילט אין פאַנטן און ווידער געשפּילט אין „מיינונגען"...

פרעמדע, צונויפגעפּאָרענע פון פאַרשידענע שטעט, זענען די מענטשן נאָענט געוואָרן...

נאָענט געוואָרן מיט יענער וואָכעדיקער פריינטשאַפט, וועלכע הרגעט אַוועק יעדן אינטערעס פון איינעם צום צווייטן.

אָנשטאָט צו קוקן אויף דעם צווייטן מיט אַ געוויסער נייגעריקייט, אָנשטאָט צו שפּילן אין קאָקעטירן מיט ווערטער, מיט האַלבע נישט דערזאָגטע פראַזן, האָט מען זיך גענומען דערציילן פון פאַמיליע־ענינים, פון פאַרשידענע קרענק, פון געשטאָרבענע קרובים...

ווי די קלאָג־מוטערס אויפן בית־עולם זעען זיי אַלע איצט אויס, די מענטשן אין פּענסיאָנאַט „אַניאָל".

און אין אַלץ איז שולדיק דער רעגן, ווייל מיט אַ וואָך צוריק, ווען די זון האָט געשײַנט און מענטשן האָבן שפּאַצירט אין לײַכטע קליידער, ווען די מענער זענען אַלע יינגער געווען אונטער דער זון.

מיט אַ וואָך צוריק זענען די אַלע מענטשן גאָרנישט אַזוי נאָענט געווען, און די נאָענטקייט איז נישט נייטיק געווען.

יעדער איינער האָט אויסגעזען, ווי אַ פּריץ פאַר זיך, מען פלעגט זיך טאַקע זעצן צום טיש אַלע אינאיינעם, אָבער נאָר אויף דער קורצער צייט פון עסן.

איינער צום צווייטן פלעגט זיך איידל פאַרנייגן, העפלעך אָפּטרעטן דעם פּלאַץ...

איצט איז דאָס געוואָרן איין גרויסע משפּחה... די לופט איז דאָ קאַליע געוואָרן.

די שיינע, אויסגעהאַלטענע אויסערלעכקייט איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן... זאָל דאָס דויערן נאָך אַ ביסל צייט, און איינער בײַם צווייטן וועט נעמען כאַפּן אַ שטיק פלייש פון טעלער.

ווייל דער רעגן האָט געברענגט די שווערע לאַנגווייליקייט...

און פון לאַנגווייליקייט ווערן מענטשן... אויס מענטשן.

עס זענען שוין אַוועק אַ ביסל רכילות, פון צימער צו צימער שלענגלט זיך עס, דאָס מיאוסע באַרעדעניש, קריכט און קלעפּט זיך...

עטלעכע מאָל האָבן זיי זיך שוין צעווערטלט, ברוגז געווארן מיט זיך, און עס נעמען זיך דאָ אויסבילדן צדדים א דערע פאַרקליבן זיך ערגעץ אין א צימער און דאָרט שוש עט מען זיך, ווי פאַרעטער... און דער גאַנצער ענין באַשטייט אין דעם, וואָס מען גריבלט זיך אין וועמענס אומריינע וועש.

איין פּאָרל איז דאָ פאַרהאַן, וואָס אויף זיי האָט דער הימל זיך געמעגט דערבאַרמען און אויפהערן צו וויקן די ערד.

פאַרליבט, צי נישט פאַרליבט. נאָר עטלעכע זון-וואָכן האָבן זיי זיך געהאַלטן צוזאַמען אָפּגעטיילט זיך פון אַלעמען און פאַרשוונדן געוואָרן אין דער טיפעניש פון וואַלד, אָדער אַריבערגעשיפט אויף יענער זייט ווייסל.

זיי פלעגן זיך אַוועקגנבענען פון אַלעמען, אַ וועלטל פאַר זיך געווען.

וועגן זיי האָט מען זיך צווייידייטיק איבערגעוואונקען, נאָר זיי האָבן דאָס נישט באַמערקט, נישט געאַרפט באַמערקן, ווייל זיי האָבן נאָר זיך אַליין געזען און זיך אַליין געפילט.

פאַרהאַן פאַלן: מענטשן לעבן אָפּ אַ גאַנץ לעבן, פרעמד איינער צום צווייטן, אין באַזונדערע שטעט. ער האָט נישט געוווסט איר נאָמען, זי האָט פון אים נישט געהערט, און אָט: דער צופאַל האָט זיי באַגעגנט, זיי זענען די נאָענסטע, און מאָרגן, ווער ווייסט, אויב עס וועט נישט בלייבן בלויז די דערינערונג.

זיי האָבן זיך דאָ אַ פּאָר וואָכן געפלאָנטערט אין די גרינע שטעגן, אויסגעדאַכט האָט זיך זיי, אַז דאָס לאַנדשאַפט מיט די געלע בלומען, מיט דעם זאַמדיקן באַרג האָבן זיי שטענדיק געזען פאַר די אויגן, אייביק...

אויסגעדאַכט, אַז זייער באַקאַנטשאַפט ציט זיך שוין לאַנג.

און געוואָלט האָבן זיי אומבאַוווסטזיניק איין זאַך: אַזוי ווי זייער באַגעגעניש האָט זיך אָנגעהויבן מיט זון, אַזוי זאָל זיך דאָס ענדיק מיט ליכטיקן הימל...

נאָר דער הימל האָט זיך פלוצלינג פאַרצויגן מיט וואָלקנס און עס האָט גענומען גיסן.

טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג.

זיי זענען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין דער ענגער געבײַדע, גלײַך מיט אַלעמען, מיט זייער גאַנצן יום־טוב, וואָס זיי האָבן געטראָגן אין האַרצן.

דאָ אַרום די מענטשן, מיט די פרעמדע מענטשן מוזן זיי זיך האַלטן, ווי עס פּאַסט אין געזעלשאַפט.

ער זאָגט איר „פּאַני".

זי זאָגט אים „פּאַן".

אים... ווען זי האָט מיט די צערטלעכסטע ווערטער אָנגערופן.

זי איז ערנסט געוואָרן, רעדט אָפיציעל מיט אים, און טאָמער איז דאָס געווען אינגאַנצן אַ חלום... ווי איבערצייגט מען זיך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין חלום?

זאָל כאָטש אויף איין טאָג, אויף צוויי טעג אויפהערן צו רעגענען. זיי וועלן זיך אָפּטיילן פון אַלעמען. זיי וועלן אַוועקגיין אין די טיפע וואַנוואַזן...

ער וועט הערן איר שטימע, אירע ווערטער, וואָס וועלן באַשטעטיקן, אַז זיי זענען די נאָנטסטע אין דער וועלט.

באַטאָג איז האַלב־פינסטער אין די צימערן און דער וואָכעדיקער עולם ליאַרמט.

אין אַ ווינקל האָט ער זי געכאַפּט, געוואָלט עפּעס רעדן צו איר, געוואָלט... אַ קוש טון, האָט זי זיך אָפּגעטרייסלט:

— הער־אויף, מען וועט באַמערקן!

זי איז אַוועק צו די טומלדיקע ווייבער און מענער.

און ער איז געשטאַנען באַם פענסטער און געטראַכט, אַז די וואָלקנדיקע טעג האָבן אויף אים אַן אַנדערן שאָטן געוואָרפן, און עס קען זיין, אַז ער איז איר שוין מער נישט געפעלן...

שולדיק איז דער רעגן, שולדיק זענען די וואָלקנס.

ווי די נאַסע טעג האָבן זיך אים אײַנגעגעסן אין האַרצן...

בלײַ, בלײַ — ווי ווערט מען פּטור פון דעם?

און פון די ביימער פאַלן די טראָפּנס, פון יעדער צווייג, פון יעדן בלאַט. אַלץ, וואָס איז אינדרויסן, האָט זיך שוין טויזנט מאָל

אויסגעבאָדן. די קוילן מיט די הילצערנע האמערס פון קראָסטעס ליגן אין בלאָטע, א צעבראָכן בענקל ליגט אונטערן רעגן, עטלעכע צעווייקטע עופות טוליען זיך אונטער אַ בוים...

און די גרויע וואָלקנס פאַרציִען זיך מיט נייע בלייענע פלאַסטן...

עס טראָפּנט לאַנגזאַם, שווינדזיכטיק, מיט אַ גרויסן גרויען „אויף צו-להכעיס" דער גאַנצער וועלט.

וואָס-זשע איז דאָס פאַר אַ זומער? אַ צעווייקעניש, נישט מער...

אַ פישער האָט געבראַכט פיש צום פאַרקויפן, מיט אַ נאַסן זאַק אויפן קאָפּ איז ער געקומען...

האָט די דינסט אים געפרעגט, און עטלעכע געסט האָבן אים געפרעגט:

— אַנטאָני, עס וועט לאַנג אַזוי רעגענען?

האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בלעכן שאַכטל מיט טיטון און גענומען זיך מאַכן אַ פּאַפּיראָס, מיט די נאַסע פינגער, דערביי האָט ער גערעדט:

— מיטן רעגן איז אַזוי... עס טרעפן קורצע רעגנס, אַ האַלבע שעה געדויערט עס, נישט מער, עס טרעפן דרייטאָגיקע רעגנס און עס טרעפן דרייוואָכיקע רעגנס...

און ער האָט זיך צערעגנט, דער אַנטאָני...

— שלעכט! מיט דעם רעגן איז שלעכט, עס וועט זיכער זיין אַ דריי-וואָכעדיקער רעגן, ווייל די וואָלקנס קומען פון יאַבאָווצע — דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

דערנאָך איז מען אַוועק פרעגלען די פיש.

דערנאָך איז מען אַוועק עסן. גאָפּל-מעסער האָבן געקלאַפּט אין די טעלער, און מענטשן האָבן גערעדט, געלאַכט. געוואָלט האָבן זיי מיטן טומל אַוועקיאָגן די גרויקייט, וואָס איז געקראָכן פון די פענסטער...

דערנאָך איז מען געגאַנגען צום קלאַוויר און פּאַנאַ אַדעלאַ האָט צום נײַין און נײַנציקסטן מאָל געזונגען „סאָרענטאָ".

אָבער „סאָרענטאָ" מיטן בלענקעט הימל איז געווען אַזוי

ווייט, ס׳איז אַ ליגגט, אַ גזלנישער שקר: ס׳איז נישטאָ אויף דער
וועלט קיין „סאָרעבנאָ״, ס׳איז נישטאָ קיין האָנאָלולו, ס׳איז נישטאָ
קיין קרים.

נאָר וואָלקנס, כסדר וואָלקנס, וואָס ליגן זיך איינער אויפן
צווייטן, ווי צעריסענע שמאַטעס.

נאַסע ביימער זענען דאָ און אַ צעווייקטער ליכטיקער באַרג,
וואָס מען קען אַ פוס אויף אים נישט שטעלן.

ס׳איז נישטאָ און עס איז נישט געווען קיין ליבע אויף
דער וועלט, נאָר וויצן נאַרישע און נאַרישע לצים, וואָס „באַקן״
רכילות איינער אויפן צווייטן.

אין דער הויך דרייט עמעצער אויס די נאַסע קויטיקע
שמאַטעס...

די וואָלקנס ריפן און טראָפן כסדר אָן אָן אויפהער...
און די ערד נעמט, דאַכט זיך, פוילן...

אינקאַ די טענצערין.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט איר אין „סקלאַד אַפּטעטשני״, וווּ די אַלע פאַנעס פון די זומער-געסט לויפן עטלעכע מאָל אין טאָג אַריין...

גלאַט אַזוי זיך קומען זיי דאָ אַריין, מען באַגעגנט זיך מיט אַ בחור, מען קויפט פּודער, מען קויפט ליפּן-פּאָמאַדע.

און דער עיקר: אין „סקלאַד אַפּטעטשני״ איז פאַרהאַן אַ גרויסער שפּיגל, אפשר דער איינציקער גרויסער שפּיגל אין גאַנץ קאַזימערזש, אין וועלכן מען קען זיך איינשפּיגלען וויפיל דאָס האַרץ גלוסט...

מען האָט אונדז פאָרגעשטעלט איינעם פאַר דעם צווייטן:

זי איז בלאָנד, קורץ געשוירן, מיט בלוילעכע אויגן און מיט רויטע ליפּן, אויף אַזוי פיל רויט... אויף וויפיל פּאָמאַדע קען זיין רויט...

באַמערקט האָב איך בא איר אַ קליינע אייגנשאַפט: זי לעקט שטענדיק די ליפּן מיטן צונג, און צוליב דעם מוז זי עטלעכע מאָל אין טאָג די ליפּן פאַרבן...

די ערשטע פראַגע, מיט וועלכער זי האָט זיך צו מיר גע־וועגדט, איז געווען:

— איר טאַנצט?

— צום באַדויערן, ניין...

מיט דעם האָט זיך מיין קאַריערע און מיין קאָנטשאַפט מיט איר געענדיקט.

זי האָט זיך גלייך אָפגערוקט פון מיר, איז צוגעגאַנגען צום שפיגל, געמאַכט אַן אַקסל-באַוועגונג, פאַרשאַרט די קורצע האָר און גענומען רעדן מיט אַ צווייטן.

אַזעלכע באַגעגענישן האָב איך די לעצטע צייט געהאַט עט־לעכע, נאָר אַזוי ווי די אינקאַ איז נישט קיין מיאוס מיידל און אַזוי ווי זי האָט מיך אַזוי האַסטיק אָפגעשטויסן, האָט עס מיך אַ ביסל פאַראינטערעסירט.

איך האָב נאָכגעפרעגט וועגן איר.

— זי טאַנצט גוויסאַרטיק... אָט דאָס איז געווען דער ענטפער אויף אַלע מיינע פראַגן.

איך האָב איר נאָכגעקוקט.

שטענדיק אין באַגלייטונג פון אַ מחנה יונגע לייט, קאַלירטע יונגע לייט וואָלט איך זאָגן, ווייל דאָ אויף זומער־וווינונג שלעפט יעדער איינער ארויף אויף זיך, וואָס מען קען נאָר: ווייסע הויזן און אַ גרינעם „זשאַמפער", אַ רויטן מיץ... די היינטיקע יונגעלייט קאָקעטירן...

און אינקאַ איז אינמיטן.

דער קאָפּ אירער מיט די בלאָנדע האָר לייכט אויף דער זון.

זי גייט און שווייגט און שמייכלט נישט אַזוי אָפט, ווי אַנ־דערע מיידלעך אין אירע יאָרן.

זי האָט אַן ענין אין לעבן, אַן ענין, וועלכן זי איז איבער־געגעבן מיט לייב און לעבן.

זי טאַנצט...

זי איז אַ כהנטע פון די טענץ.

באַטאָג פרעגט זי אויס, דערוויסט זיך: ווו? באַ וועמען מען וועט היינט טאַנצן?

אַמאָל פּאַסירט עס אין דעם אָדער אין יענעם פּענסיאָנאַט, אַמאָל אין אַלטן זאַל פון דער גמינע, אָבער דער הויפּט-פּלאַץ, דער אמתער טעמפּל איז דער זאַל פון דעם רעסטאָראַן „גאַסט-ראָנאָמיע".

דאָרטן קומען זיך צונויף יונגעלייט און מיידלעך פון קאַזי-מערזש.

מען קריכט אַראָפּ פון די בערג, מען קומט פון די טאָלן, פון דער ווייטער „טשערניאַווע" קומט מען...

דאָ אין „גאַסטראָנאָמיע" ברענען העל עטלעכע לאָמפּן, אַ שטיק שאָסיי איז באַלויכטן...

און די קאַזמערזשער, די קליינשטעטלשע יונגע מיידלעך, קומען דאָ צוגיין און ציִען אויס די יונגע העלדזלעך, זיי באַוווּנ-דערן די „שטאָטישע", וועלכע האָבן אַזעלכע שיינע טענץ אַראָפּ-געבראַכט אַהער...

איך קום אויך אויפן שאָסיי. מיך אינטערעסירט אינקאַ.

זי אינטערעסירט מיך מער פאַר אַלע איבעריקע מייד-לעך...

ווייל באַ איר איז דאָס נישט קיין שפּאַס, נישט קיין צייט-פאַרטרייב.

די טענץ...

זי שווימט דאָ, ווי אַ פיש אין וואַסער, ווי אַ פויגל איבער די וואָלקנס.

זי שטייט נישט אַ רגע ליידיק, איין בחור ווערט מיד, קומט באַלד אַ צווייטער...

און זי טאַנצט, זי טאַנצט פּסדר.

די אונטערגעשוירענע האָר שפּרינגען אויפן קאָפּ, נאָר זי אַליין איז איינגאַנצן רויִק אין טאַנצן, די אויגן זענען ערנסט...

אַ חסידישע טאָכטער.

אינקאַ איז אַ ייִדיש מיידל...

פון וועמען־זשע האָט זי דאָס געירשנט די ליידנשאַפט צו טאַנצן?

פון דעם זיידנס חסידישע טענץ?

פון דער באָבעס מצווה־טענצלעך?

פון אוראַלטן מזרח?...

זי איז דאָך נישט קיין מיאוס מיידל, עס אינטערעסירט מיך, צי זי האָט שוין אַ חתן, צי זי איז פאַרליבט אין וועמען? צי עמעצער ליבט זיך אין איר? שטענדיק רינגלען זי אַרום גאַנצע מחנות טאַנץ־ריטערס... נאָר צי זי האָט שוין דעם איינעם, דעם טייערן איינעם, נאָך וועלכן יעדעס מיידל בענקט אַזוי?

איך האָב אָבער נישט באַמערקט, זי זאָל מיט איינעם פון די יונגעלייט פאַרברענגען אַזוי, ווי פאַרליבטע פאַרברענגען...

זי קוקט נישט אויף די בחורים מיט די אויגן פון אַ פאַרליבטע, זי וואַרט נישט אויף קיין נאַרישע קאָמפּלימענטן. פאַר איר איז געווּג, ווען איינער זאָגט צו איר:

— היינט, פאַנאַ אינקאַ, האָט איר דורכגעפירט דעם „יאַוואַ" גרויסאַרטיק, ווי אַן עכטע קינסטלערין...

און אַזוי, ווי אַלע עכטע קינסטלער, אַזוי ווי יעדער גרויסער פידלער, מוז יעדן טאָג עפּעס שפּילן, מאַכן איבונגען מיט די פינגער, כּדי ער זאָל זיין קונסט נישט פאַרגעסן... אַזוי הערט זי נישט אויף צו טאַנצן, צו מאַכן פּראָבע, ווו זי קומט און ווו זי שטייט...

אין „סקלאַד אַפּטעטשני" וויזט זי עטלעכע פיגורן.

אין פּענסיאָנאַט, פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג, דורכגעטאַנצט מיט וועמען עס איז.

און אויף דער פּלאַזשע, באַם באָדן זיך, ווידער אַ ביסל געטאַנצט...

די איבעריקע מיידלעך גלאָצן מיט די אויגן, זיי זענען מקנא...

וויייל אַזוי ריטמיש, ווי זי באַוועגט מיט איר פיגורל, מיט אירע שלאַנקע פיסלעך... עס איז פאַרהאַן, וואָס מקנא צו זיין...

זי איז דאָך נישט אַזוי, ווי יענע געגנדן, וועלכע קומען אַראָפּ אין די פענסיאָנאַטן און פרעסן און ווילן אַלץ צונעמען פונען.

זי עסט נישט קיין סך. זי טאַנצט אַ סך, און איר פיגורל בלייבט שטענדיק אויסגעטאָקט.

נאָר...

מיך אינטערעסירט אָבער אַלץ יענע פראַגע: צי אַזאַ שיין מיידל ליבט זיך אין וועמען, צי אַזאַ שלאַנקע טענצערין בענקט נאָך ליבע.

אַט זענען געקומען די לבנה־נעכט. איך האָב מיך אַרויפגע־כאַפּט אויפן באַרג. געוואָלט בלייבן מיט זיך אַליין אַ ביסל, גע־וואָלט און געמוזט בלייבן אַליין, ווייל איך טאַנץ נישט.

אויפן באַרג אונטער דעם אַלטן טורם, וואָס די לבנה באַ־לייכט אַזוי שווייגנדיק, איך האָב געטראַכט, נאָר וועמען גייט עס אָן, וואָס איך האָב געטראַכט...

איך האָב דערזען פונווייטן צוויי סילועטן. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָב איך דערקענט אין איינער פון די צוויי געשטאַלטן אינקען, אַ בחור האָט זי באַגלייט אַהיים, אינקס וווינט אויפן באַרג, בײַ פּיסגל... איך ווייס אַלץ...

זי גייט מיט אַ בחור, און איך האָב זיך דערפרייט פאַר איר. אָפּגעריסן זיך סוף כל־סוף פון די טענץ און איצטער אונטער דער שיין פון די לבנה...

אפשר איז דער בחור איר געליבטער, אפשר קלאַפּט איר האַרץ פאַר אים און זיין האַרץ — פאַר איר?

זיי האָבן זיך דערנענטערט, און איך האָב זיך אַביסל אָפּגע־רוקט — נישט געוואָלט זיי שטערן...

און דאָך האָב איך באַמערקט, ווי ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר אַקסל, אַט באַלד וועט ער זי אַרומנעמען, און די שטילע נאַכט וועט אויפכאַפּן נאָך אַ קוש...

אָבער ניין, זיי האָבן זיך נישט געקושט, ער האָט אַרויפ־געלייגט די האַנט אויף איר אַקסל און זי איר האַנט אויף זיין אַקסל, און זיי האָבן גענומען שוועבן אויפן באַרג...

טאַנצן האָבן זיי גענומען.

זיי האָבן אויסגעזען, ווי שאָטנס, ווי לונאַטיקער, געצן־די־נער...

זיי האָבן לייכט־עלאַסטיש ביידע געטאַנצט.

אין דער שטומער ווייסער נאַכט האָבן זיך געטראָגן ריחות פון ליפּאָווע־בלעטער, פון פריש־אָפּגעשניטענעם גראָז...

און די אַרומיקע דערפער האָבן די העגער געקרייט און די יונגע אַנטקעס האָבן זיך געגנבעט צו די יונגע אַניעלעס...

אָבער דאָס פּאָרל האָט געטאַנצט, נישט מער ווי געטאַנצט...

אַ סצענע אין קאַפע „לאַ ראָטאָנד".

אַ גרופּע קינסטלער זענען געזעסן בײַ איין טישל, געררוי־כערט, געפּלאַפּלט און הויך־קינסטלעריש געגענעצט.

די מענטשן, וועלכע קליידן זיך אַ ביסל אַנדערש, ווי אַלע איבעריקע, די מענטשן, וועלכע רעדן קורץ, לאַקאָניש און מיט אַן אייגנאַרטיקער זיכערקייט, וואָס דערגייט ביז עקשנות...

ווײַל אויב ער קען נישט זײַן אָריגינעל, איבעראַשנד אין זײַן אַרבעט, זאָל ער זיך זײַן אָריגינעל אין זײַן אַרט רעדן, אין זײַן אויסערלעכקייט...

די פילפאַרביקייט פון די שלייפן, די ברייטע האַלדז־טיכער, וואָס דערמאַנען דעם אַפּאַש, דער גאַנצער פאַרנעם, די באַוועגונ־גען, דאָס באַגריסן זיך מיט אַ צווייטן — אַלץ איז אויסגערעכנט, פּאָזע, בײַ פיל אָבער איז דאָס שוין געוואָרן נאַטור, כאַראַקטער און אמת. עס שאָקירט שוין נישט.

איבערהויפּט דאָ אין דער באַרימטער „לאַ ראָטאָנד", אין דער נעסט פון די קינסטלער.

קיינער, דאַכט זיך, ווייסט נישט, ווען דאָס קאַפע עפנט זיך און ווען עס פאַרמאַכט זיך. אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצע נאַכט, אַרײַן און אַרויס, צוריס און אַרײַן.

פּאַריז איז גרויס און די וועלט איז נאָך גרעסער, דאָ קומען קינסטלער פון דער גאַנצער וועלט.

דער הישפּאַניער מיט די באַקן־בערד און אַ כינעזער מיט אַ צאָפּ — קינסטלער.

דאָ ווערט פאַרשווונדן דער אַנגענומענער באַנטאָן, מען שטופּט זיך און מען אַנטשולדיקט זיך נישט, דאָ איז יעדער אַ וועלט פאַר זיך, און איין געזעץ איז דאָ יאָ פאַרהאַן: נישט קריכן צו דעם צווייטן אין דער וועלט אַריין.

איינע האָט אָפּגעדעקט אַ ווייס־ליכטיקן אַקסל און אַ מאָלער צייכנט אויף איר ווייס לייב, די איבעריקע קוקן זיך ערנסט צו — כהנים. און דו ווייסט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר: גאָט־דינערײ, צי געצנדינערײ?

פלוצלינג הערסטו אַזאַ אָרעמע פראַזע:

— איך וויל טרינקען קאַווע און איך האָב נישט מער, ווי דרייסיק סאַנטים.

אַנדערע דעמאָנסטרירן דאָ פאַר אייך אַלמענטשלעכקייט און אַנדערע שטרייכן אונטער זייער ראַסע, זייער שטאַם.

צוויי, אַ מאַן מיט אַ פרוי, האָבן זיך אַרומגענומען, עס גע־דויערט לאַנג, צו לאַנג, און דו קענסט נישט וויסן, צי זיי שוש־קען זיך, צי זיי קושן זיך? נאָר דער עיקר: ס'איז נישט דיין זאַך, נישט דיין און נישט דעם צווייטנס, קיינעמס נישט.

יעדער פאַר זיך.

טעג און וואָכן גייען אַוועק. די פּילפאַרביקייט פון „לאַ ראָטאָנד" האָט אויך איר מאַנאָטאָן — די וועלט, די פּאָליטיק אינ־טערעסירט זיי נישט, דערפאַר זשומעט און קאָכט אין קאַפע דאַ־מאָלס, ווען עס פּאַסירט עפּעס מיט זייערן אָן אייגעם.

באַ איין טישל איז אין יענעם אָוונט געזעסן אַ גרופּע — אַ קינסטלער־גרופּע. צו וועלכער ראַסע זיי געהערן האָט קיינעם נישט אינטערעסירט און קיינער וואָלט עס נישט געקענט דער־גיין...

מידע און דאָך אויסרופנדיקע בליקן, באַ איינעם, צי באַ צוויי, לאַנגע האָר, צעקנייטשטע בגדים... אַזעלכע, וואָס לעבן

שוין אין פּאַריז לאַנג, אַזעלכע, וואָס הונגערן דאָ שטענדיק, און אין דערזעלבער צייט אַ עלכע, וואָס גיבן זיך נישט אונטער, וואָס שטעלן העכער פאַר אַלץ די קונסט. די אמתע און ריינע קונסט.

יעדערער פון זיי האָט איין גרויסע האָפענונג: מען זאָל אים אַמאָל אָנערקענען. ער וואַרט אויף דעם טאָג, און נישט איינער פון זיי וואַרט אָפּ אַ גאַנץ לעבן און שטאַרבט נישט אָנערקענטער-הייט.

אַרום, בײַ די איבעריקע טישלעך, אויך אַזעלכע טיפּן, אי-בערגעוואַקסענע און נישט דערוואַקסענע קינסטלער, אָנערקענטע און נישט אָנערקענטע.

בײַ אַ גלעזל „קאַפע נואַר" און בײַ אַ גלעזל „קיראַסאָ" ווערן וועלטן באַשאַפן און וועלטן ווערן צעשטערט...

דאָ קומען אויך אַריין זייטיקע מענטשן, וועלכע האָבן מיט קונסט גאָרנישט צו טון, אַזעלכע, וואָס גייען אומעטום, רייכע ליי-דיקגייערס...

זיי קומען קוקן אויף די קינסטלער. זיי קומען דאָ מיט דערזעלבער נייגיריקייט, וואָס מען קומט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

די טיר עפנט זיך כסדר, אין קאַפע שווימען אַריין אַלץ נייע טיפּן, פּאָרלעך, פּאָרלעך...

וויפיל פון זיי מאַכן אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגע-געגאַנגען פון די פוטוריסטישע בילדער, אויף די לייוונטן פון די מאָדערנע אויסשטעלונגען זעט מען זיך אָן גענוג מיט אַזעלכע פּנימער...

אַ סך פון זיי ווילן איבערמאַכן די וועלט: נישט אַזוי די וועלט, ווי די פאַרבן פון דער וועלט, נאָר די וועלט איז דיזעלבע, די גרויסע וועלט האָט זיך איינגעליבט אין איין קאָליר, אין גרוי-קייט, און זי קען שוין אַנדערש נישט ווערן. דערפאַר מוזן די אומרויקע נשמות זוכן און שאַפן זיך אַזעלכע ווינקעלעך פאַר זיך, ווי די קאַפע „לאַ ראָטאָנד". דאָ איז נישט גרוי, דאָ איז מען, ווי מען איז: שרייַיק, בונטלעך, אויסטערליש, דאָ קען מען זיך יעדן טאָג טוישן — בײַ וועמען פרעגט מען דאָ אַ דעה? אפשר דעם גאַרסאָן? ער דאַנקט גאָט, אַז ער באַקומט זיין „סו".

בא דעם דערמאָנטן טישל איז מען געוואָרן אַ ביסל אויפגע-רודערט, אַנטקעגן איז צוגעקומען אַ ניי פּאָרל. אויף אים האָט זיך געלאָזט טראַכטן, אַז ער איז אַ „יענקי", אַן אַמעריקאַנער. זי — פיל עלעגאַנטער פאַר אים, און דער עיקר — אַ שיי-נע...

איבערהויפּט האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אירע ברע-מען, לאַנג-לאַנגע טונקעלע ברעמען...

האָט זי באַוועגט מיט אירע אָריגינעלע ברעמען, האָט עס אויסגעדאַכט, ווי צוויי שוואַרצע שמעטערלינגען פלאַטערן לאַנג-זאַם...

און באַם טישל האָט מען גאָר אויפגעלעבט.

— קאָלעגאַ, ווי געפעלט דיר?

— איך האָב נאָך אַזעלכע ברעמען נישט געזען.

דער גאַנצער עולם פון קינסטלער-טישל האָט זיך גענומען באַטראַכטן די יונגע דאַמע...

און זי איז פון דעם צופרידן געווען, זי האָט אפילו מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט...

איינער פון די מאָלערס האָט אויפגעעפנט זיין צייכן-בלאָק און גענומען צייכענען אין פּראָפיל די דאַמע מיט די טונקעלע ברעמען. דאָ איז דאָס אַזאַ געוויינטלעכע זאַך. צייכענען הייסט קוקן, זען און פילן, צייכענען הייסט, רעדן, דורכרעדן זיך מיט אַ שיין פּנים, מיט אַן אָריגינעלן שטריך פון אַ בשר-ודם. ווער קען האָבן קעגן דעם? בלינדע קענען זיך נישט אָפּרופן אויף אַ ליניע, וואָס איבעראַשט, אָבער זעענדיקע מענטשן און איבערהויפּט אַ קינסטלער! וואָס נאָך בלייבט אים, אויב נישט די ליניע, די אייגנאַרטיקייט, דאָס, וואָס ברענגט אים באַגייסטערונג, ער, דער קינסטלער שפּאַצירט אין לעבן, ווי אַ יעגער אין וואַלד, זיין אויג איז שטענדיק אָנגעשטרענגט, זיין אויג — זיין נשמה.

און אָט באַמערקט ער אַ פרעמדע דאַמע מיט ברעמען, וואָס זעען אויס, ווי שוואַרצע שמעטערלינגען, מען מוז זיי כאַפּן, די שמעטערלינגען... אַראָפּכאַפּן.

די איבעריקע האָבן זיך צוגעקוקט. אַרום טישל איז געוואָרן

רויק, קדושה, באַגײַסטערונג און. . . אַ לײַכטער צווײדײַטיקער וויץ...
די דאַמע האָט געדולדיק פּאָזירט, איר האָט עס אימפּאָנירט.
אָבער איר באַגלײטער, ער האָט זיך כּסדר געבײזערט און כּסדר געוואָרפֿן פֿאַרניכטנדע בליקן צום טישל, וווּ די באָהעמע איז געזעסן.
ווי דער ייִנגער מאָלער מיט אַסקעטישע בלײכע באַקן האָט לאַנגזאַם געצײכנט, שטריך נאָך שטריך...
ער איז שוין אַרײַן אין טראַנס, פֿאַרגעסן אַבסאָלוט ווו ער איז דאָ אין דער וועלט...
קאַפֿע „לאַ ראָטאָנד“, ווו דער רויך פֿון טאַבאַק מישט זיך צונויף מיט דער פּאַרע פֿון די שוואַרצע קאַוועס, ווו אײן שטימע פֿאַרהילכט די צווייטע אין דעם הו-האַ פֿון באַגעגענישן, וויצן, שפּאַסן און געלעכטער. דאָסדאָזיקע קאַפֿע איז אין דער רגע געוועזן זײַן אַטעליע, די פֿרעמדע דאַמע — זײַן מאָדעל...
יאָ, אַזעלכע ברעמען מוז מען פֿאַרצײכענען, אַזאַ פּראָפֿיל באַגעגנט מען נישט יעדן טאָג.
און אין גאַנג פֿון דער אַרבעט האָט זיך בײַ דעמדאָזיקן טישל די גאַנצע שטימונג געביטן, דאָס האַלב-פֿרעכע געלעכטער פֿון די פֿרויען האָט אויפֿגעהערט. אײנער האָט געזופּט זײַן קאַווע און געשוויגן, דער צווייטער האָט געריכערט און געשוויגן.
דער אַמעריקאַנער, דער באַגלייטער פֿון דער דאַמע איז אויסער זיך געוועזן.
די דאַמע האָט אים כּסדר באַרויקט מיט איר שמײכל, פּונקט ווי זי וואָלט רעדן:
— וואָס גייט עס דיך אָן, זאָלן זיי זיך שפּילן...
דער מאָלער האָט געענדיקט צייכענען, זײַנע חברים האָבן באַוווּנדערט זײַן עקספּראָמט-סקיץ...
דאָס פּאָרל האָט געענדיקט זייערע גלעזער, זיי האָבן באַצאָלט, זיך אויפֿגעהויבן און גענומען אַרויסגיין.
אויסגעקומען איז זיי צו פֿאַרבײַגיין דאָס טישל, ווו די קינסטלער זענען געזעסן. אויפֿן טישל איז געלעגן דער אָפֿענער צייכן-בלאָק און דער דאַמעס פּנים האָט געשמייכלט פֿון פּאַפּיר צו אַלעמען...

דער באַגלייטער פון דער דאַמע האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן צייכן-בלאָק, און פלוצלינג קערט ער זיך אום מיטן פנים צום מאָלער און רעדט אַרויס אויף אַ שלעכטן פראַנצויזיש:

— מוסיע! פאַרקויפט עס מיר, וויפל ווילט איר פאַר דער צייכנונג?

דער מאָלער האָט געוואָלט אַ ביסל שפּאַסן פון דעם יענקי, און ער האָט אָנגערופן דעם פאַנטאַסטישן ציפער:

— הונדערט דאָלאַר, מוסיע!

הונדערט דאָלאַר, הונדערט... פאַר הונדערט דאָלאַר וואָלטן זיי היינט גאַנץ מאָנמאַרט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר דער מאָלער האָט עס נישט געמיינט ערנסט, ס'איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן...

דער אַמעריקאַנער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, האָט אַרויסגענומען פון אַ דינעם פאָרטפעל אַ גרינע אַסיגנאַציע און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש...

הונדערט דאָלאַר...

אַלע האָבן אויסגעגלאָצט מיט די אויגן, און דער צערודערטער קינסטלער האָט מיט דער זעלבער שווייגעניש אַרויסגעריסן פון צייכן-בלאָק דאָס פאַרמאָלטע בלעטל און עס דערלאַנגט דעם פרעמדן...

יענער האָט עס שווייגנדיק גענומען אין האַנט, נאָכאַמאָל באַטראַכט, אַ בייזן שמייכל געגעבן און...

ער האָט די צייכנונג צעריסן אויף פּיצלעך, און די ברעקלעך פּאַפּיר אויף דער ערד אַוועקגעוואָרפן...

לאַנגזאַם, רויק האָט ער דאָס געמאַכט.

דאָס האָט געזאָלט זיין די נקמה זיינע, פאַרוואָס די קינסטלער האָבן זיין דאַמע צורו נישט געלאָזט...

נאָר אין דער רגע איז געשען אַ זאַך, פון וועלכער „לאַ ראָטאָנד" און גאַנץ מאָנמאַרט האָבן געהאַט לאַנג צו רעדן...

אַן אומגעריכטע געשעעניש, וועלכע איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן פון טיש צו טיש.

דער מאָלער האָט אויפגעהויבן פון טישל די הונדערט דאָלאַר און מיט דער זעלבער רויִקייט, מיט דער זעלבער עלעגאַנטער לאַנגזאַמקייט האָט ער צעריסן די אַסיגנאַציע אויף קליינע פּיצלעך...

און עס אויף דער ערד אַוועקגעוואָרפן. די גרינע דאָלאַר־פּיצלעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ווייסע פּאַפּיר־ברעקלעך...

אַלע זענען געבליבן פאַרגאַפט... אַ רגע... דער אַמעריקאַנער האָט זיך מיט ווירדע פאַרנייגט, דער מאָלער האָט אים מיט דער זעלבער ווירדע אָפּגעענטפערט.

דאָס פּאָרל האָט פאַרלאָזן די קאַפע, און ערשט איצט האָט „לאַ ראָטאָנד" געגומען זשוזשען, ווי אַ בינען־שטאָק:

— אַ געשעעניש...

— אַ סענסאַציע...

— וואָס אַ בורושוי קען...

— וואָס אַ קינסטלער קען...

אַ פרייליכע שטימונג, ווי נאָך אַ גרויסן זיג, האָט איצט געהערשט אין „לאַ ראָטאָנד".

— גאַרסאָן! פאַר אַלעמען „קיראַסאָ!" פאַר די לעצטע גראָשנס האָט מען באַשטעלט עפּעס צו טרינקען...

— גאַרסאָן, ווייַן!

נאָר דער גאַרסאָן אין אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן און געזוכט האָט ער די פּיצעלעך פון הונדערט־דאָלאַר־שטיק, געקליבן די גרינע פּיצעלעך...

פטור געוואָרן.

הינטער בערלין, אין רויקן בירקענוועדער, האָבן זיי אַן אייגענע ווילע, געקויפט האָבן זיי עס מיט עטלעכע יאָר צוריק, בשעת זיי זענען אַנטלאָפן געוואָרן פון מאָסקווע. פון רוסלאַנד האָבן זיי געברענגט געלט און געלעבט גאָרנישט שלעכט.

זיי האָבן ליב געהאַט איינצולאַדן געסט און באַקאַנטע פון די אַמאָליקע צייטן, געוואָלט פאַר יעדן באַווייזן, מיט וואָס פאַר אַ געשמאַק זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. אַ קלוג אויג האָט אין זייער באַרימען זיך אַליין געזען די גרעסטע געשמאַקלאָזיקייט, נאָר דאָך זענען מענטשן צו זיי געקומען גאַנץ אָפט פון בערלין, פאַרברענגט, גוט אָפּגעגעסן און איבערגענעכטיקט, העפלעך באַדאַנקט און שפּעטער געפונען מיט וואָס צו באַרעדן.

אַן אונטערשיד זיי, אַבי מענטשן האָבן הנאה, איינער גיט פרעסן און פרייט זיך מיט דעם, שטאָלצירט מיט דעם, און דער צווייטער פרעסט און טרייבט רכילות.

קיין געסט האָט בײַ זיי קיינמאָל נישט געפעלט. געהאַט האָבן זיי אָבער אַ שוואַכקייט צו יחסנים, צו אַקטיאָרן, פּראָפעסאָרן. עס איז שפּעטער געווען מיט וואָס זיך צו באַרימען פאַר לייטן:

— באַ אונדז איז געווען דער אַקטיאָר איקס, שטעלט זיך פאָר, ער איז אַנטציקט פון אונדזער ווילי״ע. און אין בערלין האָבן אַלע עמיגראַנטן, אַלע אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד געוויוסט, אַז דאָרט קען מען זיך אויסרוען, אָפּעסן און אפילו באָרגן אַ פּאָר מאַרק...

גוטמוטיקע אויפגעקומענע מענטשן.

איינמאָל זענען זיי אריינגעפאַלן מיט אַ גאַסט.

ער אַליין, דער באַלעבאַס בראָדסקי, אַ מיטלי־יקער מענטש, מיט אַ פיין צוגעשוירן בערדל, ער אַליין איז געווען אין בערלין. אויף דער גאַס האָט ער געטראָפן אַן אַלטן חבר פון אוניווערזי־טעט, זיי האָבן צוזאַמען געלערנט אין דער שווייץ.

יענער איז געווען אַן אַגראָנאָם, האָט שוין אָנגעשריבן עט־לעכע ביכער וועגן פאַרשידענע גראָזן און בלומען. באַ די גע־לערנטע איז ער געווען זייער אָנגעזען און באַ מענטשן בכלל — אַ שלימזל...

צעקנייטשטע בגדים, אַן אַלטער בחור, וואָס האָט שטענדיק געזוכט אַ צימער נישט קיין טייערן, מיט צו לאַנגע הענט און מיט צו לאַנגע פיס, אומגעלומפּערט און נישט פּראַקטיש: בשעת מען פלעגט צו אים רעדן, פלעגט ער אָנשטעלן אַ פּאָר גרויסע אויערן און לאַנג אַריינקוקן יענעם אין די אויגן... קיין מויבער איז ער נישט געווען, נאָר פון צופיל לערנען אַ ביסל תמעוואַטע.

אָט דעמדאָזיקן פאַרשוין האָט דער הער בראָדסקי איינגע־לאַדן צו זיך קיין בערקענוועררער, אויף אַ טאָג, אויף צוויי טעג.

דעם ווייב זיינעם האָט ער געזאָגט:

— איך האָב באַגעגנט אַן אַלטן חבר, אַ גרויסן געלערנטן, אַ פּראָפעסאָר פון באָטאַניק, מאָרגן קומט ער צו אונדז, ער וועט דאָ פאַרברענגען אַ טאָג.

און מאָרגן איז דער אורח טאַקע געקומען מיט אַ פּיר־פינף דיקע ביכער, אויסער דעם האָט ער געבראַכט אַ טאָרבע מיט ציבעלעס, וועלכע ער האָט באַדאַרפט אויסצופאָרשן, די ציבעלעס זענען געווען פון פאַרשידענע לענדער און אפילו פון פאַרשידע־

נע ערד-טיילן, פון אַפריקע און אַמעריקע — זיין וויסנשאַפטלעכע נשמה ווייסט אים דאָרט.

שוין באַלד באַ זיין אַנקומען איז געשען אַ קליינער צופאַל, פון וועלכן די באַלעבאַטים האָבן זיך געפילט אַ ביסל געקרענקט... באַליידיקט.

די דינסטן, ווי זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי גענומען לאַכן און מיט אַ געלעכטער אַרויסגעלאָפן פון צימער. עס האָט די באַלעבאַטים פאַרדראָסן, פון ווייערס אַ גאַסט טאָר מען נישט לאַכן — אַ גאַסט איז זייער שטאָלץ, זייער פּריד. מען איז געווען אין כעס אויף די דינסטן, נאָר נישט ווילנדיק איז שוין געפאַלן אויף דעם פּראָפעסאָר אויך אַביסעלע אַ מחן.

מען האָט אים געגעבן אַ צימער, און דער אורח האָט זיך צעלייגט מיט זיינע ביכער און מיט זיינע ציבעלעס. שוין פון דער ערשטער רגע האָבן די באַלעבאַטים באַמערקט, אַז מיט דעם גאַסט האָבן זיי נישט געטראָפן: מיט זייער ווירטשאַפט, מיט די בילדער און מעבל, אינטערעסירט ער זיך נישט, ער האָט אפילו נישט געפרעגט, וויפיל דאָס האָט אַלץ אָפּגעקאָסט... גאָרנישט — לייענט זיינע ביכער און שניידט די ציבעלעס.

עס איז אַוועק אַ טאָג, צוויי טעג, עס איז אַוועק אַ וואָך, דער אורח קלערט נישט פון אַוועקפאָרן.

מען רופט אים צום טיש עסן, מאַכט ער שטענדיק אַן איינדרוק, אַז ער שעמט זיך, עפּעס אַ פאַרלוירענע מינע באַקומט ער. נאָר ווען ער זעצט זיך שוין אַוועק און נעמט עסן, דאַמאָלס עסט ער פאַר דריי, און רעדן רעדט ער שטענדיק אַזעלכע זאַכן, וואָס פאַר די באַלעבאַטים איז דאָס גאָרנישט אינטערעסאַנט:

— אין טויזנט אַכטהונדערט ניינצען האָט פּראָפעסאָר גלאָק אַנטדעקט אין דרום-אויסטראַליען אַ וואַלד-היאַצינדט פון גאָר אַ באַזונדערער קאַרליק-משפּחה.

— אויף טאַהיטי האָט מען געפונען אַ וואַסער-ליליע, וועלכע האָט אַן אייגנשאַפט זיך צו עפענען נאָר באַנאַכט, אין דער צייט, ווען אין אַלע אַנדערע ערטער פאַרשליסן זיך די וואַסער-ליליען גלייך נאָכן זונען-פאַרגאַנג.

— די טאבאקס־בלומען האָבן אָן אייגנשאפט...

ניין, מיט אזא גאסט האָבן די בראָדסקיס גאָרנישט וואָס צו מאַכן. נישט ער דערציילט עפּעס אינטערעסאַנטע זאַכן, ווי אַזוי מענטשן זענען רייך געוואָרן, נישט מען קען עס פאר אים דערציילן, נישט מען קען מיט אים שפּילן אַ פּרעפערענסל.

יענער שלעפּט זיך אַרום אין דער אומגעגנט, און שטענדיק קומט ער מיט גראָז, מיט בלעטער, מיט הושענות.

דער געבעטענער גאַסט איז געוואָרן אַ נישט־געבעטענער. עס איז אַוועק אַ גאַנצער חודש. און די דינסט האָט אַרבעט: פּסדר אויפצורוימען זיין גראָז, מיט וועלכן ער פאַרברודיקט זיין חדר.

די בלאָטבאַטים האָט ער שטאַרק אָנגעהויבן צו דענערווירן. אַ ביסל באַלעבאַטישן טאַקט האָבן זיי געהאַט, אַנדערש וואָלטן זיי אים שוין לאַנג פון די טרעפּ אַראָפּגעלאָזט.

הערסט!

צוליב דעם האָבן זיי געדאַרפט פון רוסלאַנד אַנטלויפן, אויסבויען אַזא שיין הויז, אויספּוצן חדרים פאַר דעם גראָז־פּראָפעסאָר.

ער האָט פאַרנומען אַ ליידיק צימער, און אים קען מען אַ צווייטן נישט איינלאַדן און ער עסט אַזויפיל און רעדט אַזעלכע ווילדע־שאַפטלעכע נאַרישקייטן, און קלערט גאָרנישט וועגן אַוועקגיין.

זייער אייגענע שטוב איז זיי ענג געוואָרן, און איין געדאַנק האָט זיי פאַרנומען:

— ווי ווערט מען פון אים פּטור.

אפשר אויסקלערן, אַז ער האָט זיי באַגנבעט?

ניין! ווער וועט עס גלייבן, אַזא שלימזל קען גנבענען?

מען האָט געפּרוווט אים געבן אָנצוהערן, נאָר יענער ווערט אין אַזא מאָמענט נאָך מער תם, ווי ער איז. און ער ציט ווייטער זיינע פּלאַפּלערייען.

— איר ווייסט פאַרוואָס אין די קאַלטע לענדער וואַקסט נישט קיין קאַרטאָפל?

— זאָל דיר אַרויסוואַקסן אַ קאַרטאָפל אויף דער נאָז — רופט זיך אָפּ דער הער בראָדסקי אין דער שטיל, און ער וואַרט ווייטער...

נאָר פרוי בראָדסקי איז געווען אומגעדולדיק, איר קאָפּ האָט געאַרבעט, און זי האָט זיך דערטראַכט:

פרוי בראָדסקי האָט זיך איינמאָל אויפגעכאַפּט מיט אַ גליקלעכער אידעע:

— באָריס! מיר וועלן פון אים פטור ווערן, וועסט זען!

— ווי אַזוי?

— פרעג נישט קיין סך, פינף מינוט נאָך צוועלף זאָלסטו זיין אונטער דער טיר פון זיין צימער...

— און..

— און זאָלסט פּלוצלינג אויפעפענען די טיר, זאָלסט ווערן אין כּעס און אַנטלויפן מיט כּעס.

דער טאָג איז געווען אַ רעגנדיקער, און דער פּראָפעסאָר האָט זיך היינט געגריבלט אין זיינע ביכער, עס איז שוין געווען נאָך פרישטיק. פרוי בראָדסקי איז אַריינגעקומען אין צימער פון גאַסט. ער איז געווען פאַרנומען, געהאַלטן אַ דיקן בוך און עפּעס פאַרצייכנט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר.

זי האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט:

— ווי פילט איר זיך בײַ אונדז?

— נישט שלעכט, איך אַרבעט, איך האָב נאָך אין ערגעץ נישט אַזוי פיל געאַרבעט, ווי בײַ אייך.

זי איז געווען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אָבער נאָך מיט פיל באַוועגונג, מיט אַ ביסל רייץ.

— אַרבעטן, אַרבעטן... שטענדיק אַרבעטן און קיין אַנדערע זאַכן ליגן אייך נישט אין זינען?

— וואָס מיינט איר, מאַדאַם!

— פאַרליבט האָט איר זיך שוין אַ מאָל?

ער האָט אָנגעשטעלט די גרויסע אויערן, אויפגעעפנט ברייט די אויגן און אַן אידיאָטישן שמייכל געגעבן.

זי האָט אַ קוק געטון אויף איר האַנט-זייגערל, שוין אַ מינוט נאָך צוועלף, מען באַדאַרף אַרבעטן.

זי האָט אַ קוק געגעבן צו דער טיר, פונקט ווי זי וואָלט מורא האָבן עמעץ זאָל נישט אַריינקומען.

— יאָ, פאַרליבן זיך, איר זענט דאָך יונג, מען באַדאַרף עפּעס נעמען פון לעבן, און איידער וואָס־ווען איז זי שוין בײַ אים אויף די קני בײַזעסן, געהנדלט זיך צו אים, די האַנט אויף זיין האַלדז פאַרוואָרפן. ער איז געוואָרן צעטומלט, אין זיין גראַנשמה האָט זיך גענומען עפּעס וועקן...

אין דער רגע האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און דער הער בראָדסקי האָט זיך באַוויזן, ער האָט אַ געשריי געטון:

— ראַ אַ! — און באַלד אַרויסגעלאָפן אַן אויפגערעגטער, דערבײַ האָט ער אַ ווילדן זעץ געגעבן מיט דער טיר.

זי איז גיך אַראָפּגעשפּרונגען פון די פּראָפעסאָרישע קני, האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ:

גאָט מײַנער! וואָס וועט דאָ זיין? — ביידע זענען זיי צעטומלט געוואָרן, ער האָט זי גענומען טרייסטן.

— אפשר זאָל איך גיין צו אײַער מאַן און אים דערקלערן.

— ניין, ניין... איר קענט אים נישט, אין אַזאַ רגע איז ער גרייט אַ מענטש צו דערהרגענען.., די בעסטע זאַך וואָלט געווען איר זאָלט שוין אַוועקפאָרן... שוין, שוין! זי האָט געהאַט אַזאַ פאַרלוירן פּנים, און אויף אים איז פּשוט געווען אַ רחמנות אַ קוק צו געבן:

— איר זאָגט, אַז עס וועט זיין בעסער, דאָס איך זאָל באַלד אַוועקפאָרן?

— יאָ, יאָ, — האָט זי זיך בײַ אים געבעטן מיט אַ פאַרצווייפלט קול.

ער האָט אויסגעזען איצט ווי אַ פאַרשווערער, ווי אַ גנב. אויף גיך האָט ער געכאַפּט זיינע ביכער, זיין הוט און נישט פאַרגעסן צו נעמען די עטלעכע צעשניטענע און נישט צעשניטענע ציבעלעס.

ער איז אַנטלאָפן.

ער איז געפלויגן. האַסטיק געשפּרייזט. פונוואַנען האָט זיך צום פּראָפעסאָר גענומען אַזאַ אימפּעט? זיין סילועט האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון דער ווילע — צום וואָקזאַל איז ער געלאָפן.

און באַלד האָט זיך דאָס פּאָרפּאָלק בראָדסקי באַגעגנט, און זיי האָבן זיך געלאָזט גוטמוטיק לאַכן.

— אַ גענילער אײנפאַל! דער באַלעבאָס האָט געלאַכט און זײַן זאַט בײַכל האָט מיטגעטאַנצט.

— האָסט באַדאַרפט זען, וואָס פאַר אַן אידיאָטישע אויגן ער האָט געמאַכט, ווען איך בין אים אויף זײַנע קני אַרויפגעשפּרונגען. ער האָט עס אָנגענומען פאַר ערנסט .. כאַ, כאַ..

די דינסט האָט באַקומען אַ באַפעל אויפצורוימען און אויסצולופטערן דאָס „באָטאַנישע“ צימער, און די שטוב האָט אינגאַנצן אויפגעלעבט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען פון פּראָפעסאָר אַ בריוו צום באַלעבאָס בראָדסקי.

מיט ציטערדיקע ווערטער האָט ער זיך פאַרענטפערט: „אין מענטשנס לעבן קען אַלץ פאַסירן, איך פיל מײַן שולד און איך בין אײַך גרייט צו געבן יעדע סאַטיס־פאַקציע“.

— ראָזעטשקע? אפשר אים אַרויסרופן אויף אַ דועל?

ראָזעטשקע האָט געשמייכלט, ווי אַ זיגערין:

— ניין, באָריס! אין נאָמען פון זײַנע גראָזן און ציבעלעס, זײַ אים מוחל!...

אין וואַלד.

פון פראָסט זעען די ביימער אויס שלאַנקער און שטייפער, די קעלט האָט זיי אָפּגעזונדערט איינעם פון צווייטן. די גאַנצע לויפט אַרום איז אָפּגעשטאָרבן. דער וואַלד זעט אויס, ווי אַ ים, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן. גרין-ווייסע פאַליעס, צווייגן-פאַליעס האָבן זיך צונויפגעפרעסט אין פראָסט און שאַ..

לעבן האָט אויפגעהערט צו אָטעמען, אָט אַזוי וועט אויסזען די וועלט, ווען לעבן וועט אינגאַנצן אָפּשטאַרבן. די הויך-הויכע סאָסנעס און דאָס יונגע סכך-ביימל, דער שפּיצידיקער טענענבוים און דער באַקעטער דעמב, די גאַנצע וואַלד-משפּחה האָט איינגענומען אַ ווייסע שווייגעניש. דער שניי ליגט, ווי אַ ווייסער שלאָס אויף די גרינע מיילער פון די צווייגן...

דער שניי, דער ווייסער נדר פון שווייגן.

אפשר רעדט פאַר ווערעמען די ווייסקייט? אפשר רעדט ווער פון פראָסט צו דער ווייסקייט? עס קען דאָך נישט זיין, אַז דאָס איז אַלץ פאַר קיינעם נישט, דער גאַנצער יום-טוב פון שווייגן, די פיליגראַן-געשטריקטע קרויזן פון וואַלד, די בליץ-שאַרפע גרינע נאָדלען פון די ביימער, וועלכע קוקן אַרויס פון אונטער דעם שניי, ווייס און גרין, גרין און ווייס.

שאַ! אַ פויגל פאָכעט מיט די פליגל, קוים־קוים, נאָר אַזאַ שוואַכער זינגענדיקער פליגל־ציטער איז פאַר דעם וואַלד, פאַר דעם שווייגנדיקן, אַ געשעעניש. די פאַרגליווערטקייט האָט זיך אַ ריר געטון, אַ קראָ איז געקומען. האָט זיך אויסגעשטעלט אויף אַ בוים און אַראָפּגעשאַרט מיט די לאַפּקעס אַ ביסעלע שניי פון אַ צווייג.

אַ ביסעלע שניי, וואָס פליט אַראָפּ, ווי דראָבנע קליינע פעדערלעך, ווייסינקע פליטערלעך... נאָר די קראָ איז שוואַרץ. אַ צו להכעיס שוואַרצקייט אין ווייסן וואַלד אַריין...

קראָ!

אויף יענער זייט וואַלד ענטפערט דער עכאָ: „ראָ"! און די קראָ פליט אַוועק. עפּעס איז דאָך איבערגעבליבן צווישן בוים און בוים, צווישן צווייג און צווייג. דער בייזער אויסגעשריי פון שוואַרצן פויגל איז געפאַלן, ווי אַ שוואַרצער טרויער־קרעפּ איבערן ווייסן וואַלד.

און ווידער שטייט דאָס ווייסע לעבן, פון בוים צו בוים שטרעקט אויס די צווייגן־הענט.

ווייט־ווייט גייט אַוועק אַזאַ פלאָנטער פון ביימער, עס ענדיקט זיך נישט דער וואַלד, די גאַנצע וועלט איז וואַלד.

אַ פלאָנטער פון גאָלדענע סאָסנע־זיילן ציט זיך און דרייט זיך אין אַ צויבער־קאַראַהאָד.

קעניגרייך פון שווייגעניש, ווו ענדיקסטו זיך? אַ פּיצל לעבן, אַ וויעוויאָרקע אין איר ברוין־געלן פעלצעלע ווײדלט זיך אויף דעם פלאַך אונטער די ביימער און פינקלט מיט צוויי שטומע קוקערס, זעצט זיך פלוצלינג אַוועק אויף די צוויי הינטערשטע פּיסלעך... אָט אַזוי זיך: מעשה קינד, מעשה שטיפער, טרייבט לצנות, כישופט באַבע־יאַגיש, און פלוצלינג אַנטלויפט עס, ווי אַ קויל...

וואָס וויל וואַלד און וואָס וויל די ווייסע שטילקייט?

שטיין און שווייגן, אָפּשווייגן יאָרן, הונדערט יאָר, טויזנט יאָר, ציען יניקה פון כאָאָס, אויסשטרעקן די צווייגן פאַר פּיצעלעך לעבן, פאַר די פויגל אין קורצן זומער... נישט מער. פון אַ

גרויסע בוים אויף אַ קליינעם קאַרליקל פֿאַלט אַראָפּ אַ ביסל שניי... אַ ווייסער שמעק טאַבאַק... נישט מער.

אַט רייסן זיך די ביימער אָפּ אויף איין אָרט. אַ שטיקל פֿרייער שטח.

אַ הויז פֿון קלעצער געבויט, איין איינציק הויז אין וואַלד. פֿיר פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטער, אַ שמאָלער קוימען ציט זיך צו דער הויכקייט פֿון וואַלד מיט אַ סימעטריש גלייכן רויך. אין איין אָרט פֿאַרהאַלט אים אַ ברייטער וועהער־צווייג, קווילט ער זיך אַזוי דער רויך־פּאַס, וויקלט זיך אַרום צווייג, ביז ער גייט אויס...

אינעווייניק, אין וואַלד־שטוב, איז איצט פֿאַרהאַן איין לע־בעדיקער מענטש, אַ יונג מיידל, זי רוימט אויף די צוויי חדרים. דאָס פֿייער אין אויוון פֿלאַקערט און שמייסט אַרויס יעדע רגע שטיקער אָפּגעשרפּעט האָלץ. דאָס מיידל וואַרפֿט אַוועק איר אַר־בעט און לויפֿט צו צום אויוון, זי פֿאַרכט דאָס פֿייער, און דער אָפּגלאַנץ פֿון די דורכגעברענטע קוילן פֿאַרציט איר פּנים מיט אַ ראָזאָווען וואַל.

דערנאָך, ווען זי גייט אַוועק פֿון פֿייער, גייט זי צו צום שפּיגל, קוקט אויף זיך און לאַנגווייליקט זיך.

זי ציט אויס אירע הענט, גלייכט זיך אויס און קוקט אויף די בלינדע פֿענצטער, אַ טעמפּקייט נאָגט אין איר.

ווינטער און פֿראָסט. אין וואַלד איז קאַלט. די טיר מוז זיין פֿאַרמאַכט.

פֿלוצלינג ווערט זי פֿריילעכער, זי דערמאָנט זיך, אַז לאַנג וועט זי דאָ שוין נישט פֿאַרבלייבן, אינגיכן האָט זי חתונה און טאַקע צוליב דער חתונה איז דער טאַטע אירער געפֿאָרן איצט קיין וואָלקאָוויסק און די מאַמע איז אַוועק צופֿוס קיין וויסאָקע. אין וויסאָקע לעבט איר חתן, און די מאַמע אירע גייט פֿאַר איר וועש און קליידער. די מאַמע אירע איז אַזוי פֿאַרנומען מיט דעם אַלעם, אַזוי צעטומלט, פּונקט ווי זי וואָלט אַליין גיין חתונה האָבן, יעדן טאָג לויפֿט זי הין און צוריק די זעקס וויאָרסט קיין וויסאָ־קע און טומלט דאָרט בײַ די שניידערקעס.

— מיין טאָכטער גייט חתונה האָבן. פֿאַר איר, פֿאַר דער

אַלטער מאַמעץ איז איצט די גאַנצע וועלט פול מיט איר טאָכטערס חתונה... נישטאָ קיין וועלט, ס'איז פאַרהאַן איין גרויסער יום־טוב, עס גרייט זיך אַ חתונה.

— זי זיצט דאָרט מיין טאָכטער אַליין אין וואַלד, ווי אַ בת מלכה, וואַרט זי אויף איר באַשערטן.

דאָס מיידל איז אַליין געבליבן אין שטוב. דאָס מיידל איז דאָ אויסגעהאָדעוועט געוואָרן, זי איז הויך געוואַקסן, מיט טונקע־לע אויגן, מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר. איצט איז זי האַלב אָנגע־טון מיט אַ קורץ אונטער־קליידל, מיט אַ טיכל איבערגעבונדן די האָר, וועלכע פאַלן אין בערגעלעך אַרויס..

דער טאַטע אירער איז אַ משרת באַ אַ רייכן וואַלד־הענדלער, דער טאַטע זאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט חתונה מאַכן די טאָכטער זיינע, וועט ער דאָ שוין מער אין איינזאַמקייט נישט לעבן.

די חתונה וועט גאָר אין גיכן פאָרקומען, און דאָס מיידל טראַכט איצט פון דער חתונה, פון חתן און פון עטלעכע קליידלעך, וואָס זי באַקומט צו דער חתונה.

שפּעטער אַ ביסל איז זי שוין אין צווייטן חדר, באַם אַלטן־קאָמאָד, זי עפנט די שופלאָדן און נעמט אַרויס פון דאָרטן פּע־קעלעך מיט וועש, העמדער מיט קרויזן און העמדער אָן קרויזן, זי קוקט אויף דעם ביסל ווייסקייט און טראַכט ווידער פון איר חתונה, זי שפּילט זיך מיט דעם, זי נעמט אַ העמד און מעסט אָן אויף זיך, טוט זיך צוליב דעם אויס און בלייבט נאַקעט אין וואַ־רעמען צימער...

זי טוט אָן אַ לאַנג העמד, ביז צו דער ערד ציט זיך דער ווייסער לייוונט, אין בוזעם איז עס אַ ביסל ענגלעך, געשמאַק און אָנגענעם צו פילן, ווי דאָס לייוונט רירט אָן די רונדע בריסט, צום שפּיגל גייט זי צו און טוט זיך אויס, זי האַלט דאָס העמד אויף דער האַנט און קוקט אויף איר נאַקעטן קערפּער, דערמאַנט זיך אָן דער חתונה און נעמט שמייכלען מיט אַ זינדיקן שמייכל. זי רירט אָן מיט אירע פינגער איר אייגן לייב און טראַכט דערביי, וואָס זי וועט פילן, בשעת „ער" וועט זיך צו איר אַזוי צורירן?

ווען די מאַמע וואָלט עס זען, וואָלט זי געשריגן: „משוגענע".

דערנאָך נעמט זי אַרויס פון שופלאָד אַ פּאָר שיכלעך מיט גלאַנצנדיקע שפּיצן, זי שטעלט אַוועק די שיכלעך אויף דער ערד און גייט אָפּ אַ ביסעלע ווייטער.

ווי זעט עס אויס? ווי וועט עס אויסזען אויף איר? זי טראַכט פון יעדער קלייניקייט, און אין אויוון קנאַקט די טרוקענע סאָסנע און דער וואַלד אַרום שווייגט, דער פאַרכישופטער ווינטער-וואַלד.

די יונגע כּלה שפּילט זיך מיט זיך אַליין, און זי באַמערקט נישט, זי הערט נישט, ווי די טיר האָט זיך געעפנט, עמעצער איז אַריינגעקומען.

אַ הוסט, אַ באַוועגונג, און דאָס מיידל פון צווייטן חדר לויפט אַריין.

— ווער איז דאָ?

— איך...

אין צימער שטייט אַ יונגער קריסט אין אַ „קאָזשוך", אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס, באַשטויבט מיט שניי די שטיוול און די אַקסלען, ער זעט אויס ווי אַ בוים, ווי אַ בוים וואָלט פון וואַלד אַריינגעקומען.

— דו? וואַסיל, דו ביסט דאָך אַוועק פאַר אַ סאָלדאַט.

— ניין, איך בין אַנטלאָפן...

ער רעדט קורץ און בייז:

— דו גייסט חתונה האָבן מיט דעם „וויסאָקער", איך ווייס...

— די מאַמע זאָגט אַזוי, איך וויל נישט.

— אַ ליגנט...

— אמת, וואַסיל...

עפּעס אַ שרעק, אַ שוידער איז מיטגעקומען מיט דעם מענטש, ער האָט אַזוי לאַנגזאַם די טיר געעפנט, ווי אַ נישט-גוטער איז ער אַריין.

איין אייגל האָט ער האַלב צוגעמאַכט, קוקט אויף איר שעלמיש-מערדעריש, עפּעס פילט ער זיך נישט זיכער.

— ווו זענען דיינע? טאַטע-מאַמע ווו איז? אַוועקגעגאַנגען? ביסט דאָ אַליין. ווי אַ טייבעלע... וואָס שווייגסטו? רעד!

דאָס מיידל האָט דערפילט די שרעק, איר קול ציטערט אַ ביסל, זי שטאַרקט זיך, זי שמייכלט און פרעגט:

— ביסט שוין לאַנג געקומען? גיי און זעץ דיך. רו זיך אָפּ.

— כ'וועל נישט זיצן, כ'בין אַנטלאָפן פון זיי, קיין סמאָלענסק האָבן זיי מיך אַוועקגעפירט, און איך האָב געבענקט נאָך דיר, די סאָלדאַטן האָבן זיך געריצט מיט מיר: — דיין זשידאָווקע וועט חתונה האָבן מיט אַ צווייטן. זאָג, דו גייסט טאַקע חתונה האָבן מיט דעם „ווּ סאָק ר" האַ?

— די מאַמע זאָגט אַזוי...

— שווייג, כ'וועל דיך דערשטיקן, רעד מיר נישט וועגן דיין מאַמען, זי האָט מיך שטענדיק פיינט געהאַט.

— שריי נישט אַזוי, וואַסיל, איך האָב דיר קיין שלעכטס נישט געטון...

איר קול איז געווען אַ ווייכס, זי האָט זיך געוואָלט אונטערגנבענען צו אים, זי האָט געזען, אַז ער איז ווילד.

און דאָ אַרום איז ליידיק און טויט. די ווייסע ביימער ווייסן נישט, ווי זי האָט זיך דערשראָקן.

און ער רעדט ווייטער:

— צוליב דיר בין איך אַנטלאָפן. צוריק קען איך שוין נישט גיין, ווייל איך וועל האָבן אַ שווערן משפּט, דו מוזט אַוועקגיין מיט מיר, אָן דיר וועל איך נישט לעבן.

— וווהין גיין? וווהין, וואַסיל?

— קיין אַמעריקע, צו מיין ברודער, מיר וועלן גנבענען די גרענעץ, כ'האָב אַ ביסל געלט...

— גוט! אָבער דערווייל זיי רויק, מיר וועלן אַלץ באַטראַכטן.

— גאָרנישט באַטראַכטן, גאָרנישט, וועסט מיך מער נישט זען...

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נענטער, און זי האָט דערפילט אַ שטאַרקן שנאַפּס-ריח, דאָס האָט זי אַ ביסל דערפרייט, זי האָט זיך גלייך אָריענטירט און געשאַפן אַ פּלאַן.

זי האָט זיך דערמאַנט אַ ר׳ טאַטנס אַ ווערטל: אַ שיכּורער איז ווי אַ קינד, און מיט אַ קינד קען מען אַלץ מאַכן.

אָט דער וואסיל, דעם שאָס׳י-וועכטערס זון, מיט אים צוזאַמען האָט זי זיך דאָ אויפגעהאָדעוועט, אַ ביסל ווייטער אין וואַלד שטייט אַ צווייטע שטוב — אָנגעצייכנט מיט אַ גרויסן קאַלך-צלם.

פון קינדווייז אָן זענען זיי געווען אינאיינעם. געשפּילט זיך אין וואַלד, באַכגעשרינגן דעם קוקוק, געקראָכן אין די גריבער, וווּ מען האָט פאַרבערענט די ביימער-וואָרצלען אויף טערפּנטין. אויפן שאָסיי פלעגן זיי אַרויסגיין, צו אַ טעלעגראַף-סלופּ צולייגן דאָס אויער און האָרכן...

— דו הערסט, וואַסיק, ווי עס רוישט...

— איך הער, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— כ׳ווייס נישט...

אַ סך זאַכן האָבן זיי נישט געוווּסט, זיי זענען געווען קליינע און געלעבט אין וואַלד, נאָר דערנאָך, ווען וואַסיק איז גרויס געוואָרן און מען האָט אים גענומען רופן וואַסיל, דאַמאָלס איז ער גאָר אַן אַנדערער געוואָרן, אויף די קני פלעגט ער זי אַוועקזעצן און קושן און פרעגן:

— וועסט מיט מיר חתונה האָבן...

זי האָט אים אויך געקושט און אַלץ צוגעזאָגט. ליב געהאַט? ביין, זי איז געווען צו אים צוגעוווינט, פון די קינדעריאָרן.

שפּעטער האָט ער גענומען טרינקען, ווייל זיין טאַטע האָט אויך געטרונקען און זיין זיידע האָט אויך געטרונקען...

ביז מען האָט אים פאַר אַ זעלנער צוגענומען. איצט איז ער אַנטלאָפן און געקומען אָן אָנגעטרונקענער צו דעם ייִדישן מיידל.

זי שטראָפט אים:

— דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט נישט טרינ־קען?

— און דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיט מיר אַנטלויפן...

זי האָט אים געגלעט:

— פון וואַנעו ווייסטו, אַז נישט, כ'וועל טאַקע אַנטלויפן מיט דיר.

— באַלד?

— אַפילו באַלד...

— ביסטו אַ גוטע, חנה, ניין, נישט חנה, מיין פעטער האָט געזאָגט, אַז ווען דו וועסט זיך שמדן, וועט מען דיר אַ נאָמען געבן אַנגאַ... אמת?

— אמת!...

— און וועסט ליב האָבן?

— אוודאי ליב האָבן, וואַסיק...

— דו טייערע, דו דערמאַנסט מיין ייִנגלערישן נאָמען.

— שטענדיק ביסטו פאַר מיר וואַסיק.

— און אַז דו וועסט געבוירן פון מיר אַ קליין נפשל, ווי וועלן מיר אים רופן?

— ווי דו וועסט וועלן...

— גיב מיר אַ קוש!

זי האָט אים אַ קוש געגעבן. ער איז צוגעפאַלן צו אירע ליפּן און גענומען ווילד בייסן, זי האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אים, דער שנאַפּס האָט איצט ערשט גענומען ווירקן אויף אים...

— איצט גלייב איך דיר... דו ביסט אַ גוטע, וועסט נישט נאַרן, אַנדערש... דו זעסט?

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פויעריש טיכל, און וועלכן עס איז געווען איינגעוויקלט אַ לאַנג חפץ. די הענט האָבן זיך באַ אים געשאָקלט, בשעת ער האָט אויפגעוויקלט דאָס טיכל...

א מעסער, אַ גלאַנצנדיק ברייט מעסער...

ער האָט זיך געשפּילט מיטן מעסער און כּסדר גע־רעדט:

— הייַנט נאָך וועל איך מיט דיר אַנטלויפן, און אַז דו וועסט נישט וועלן, דאַמאָלס...

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט אין געדראָט.

די פענסטער זענען פאַרפרוירן געווען, דער וואַלד אַרום האָט געשוויגן, ווי אַ בית־עולם...

דאָס מיידל האָט מיט די לעצטע כּוחות אַ שמייכל גע־געבן.

— לייג אַוועק דאָס מעסער, מיר וועלן זיך נעמען גרייטן אין וועג אַרייַן.

— גוט, לאָמיר אַנטלויפן, — האָט ער אַרויסגערעדט און זיך דערבייַ אַ שטאַרקן שאָקל געטון...

— מיר דאַרפן זיך אייַלן, די מאַמע קען אָנקומען.

— אַז די מאַמע וועט אָנקומען, וועל איך איר...

און דאָס גלאַנציקע מעסער האָט ווידער געבליצט אין זייַן האַנט.

יענער וואַסיל, דער קלייַנער וואַסעק, מיט וועלכן זי איז אַמאָל אַרומגעלאָפן אין וואַלד קלו בן יאַגדעס, דער קלייַנער שטי־פער, צו וועלכן זי האָט געהאַט אַזוי פיל צוטרוי, איז איצט אינ־גאַנצן פאַרשוווּנדן.

אַ שיכּורער גזלן איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַ מעסער אין דער האַנט.

עטלעכע מאָל האָט זי שיִער זיך נישט פונאַנדערגעשריגן, נאָר די אויגן אירע פאַלן אַראָפּ אויף די פאַרפרוירענע שויבן, הינטער די שויבן שטייט אַ פאַרפרוירענער וואַלד.

קיינער וועט נישט הערן, קיינער וועט נישט העלפן.

זי האָט געהאַט אַ פּלאַן: אין שטוב איז געווען אַ פלאַש שנאַפּס, בייַנאַנד קער, די רעטונג קען קומען דאַמאָלס, ווען וואַסיל וועט זיך נאָך מער אָנטרינקען.

און ער קריכט יעדע רגע צו איר, מיט זיין צעפלאמט פנים:

— גיב א קוש!

זי קושט אים און ער קושט זי, ציט זיך צו איר מיט די אומגעלומפערטע הענט, וועלכע זענען איינגעצוימט א ביסל אין דעם הארטן „קאזשוך".

מיטאמאל פאלט זיין בליק אויף דער אלטער קאנאפע, וואס שטייט פארוקט אין א ווינקל, קיינער האט עס נישט באנוצט צוליב אלטקייט.

— קום... קים... אט דארט.

— וואס־יל, אז מען זעצט זיך אויף דעם, פאלט עס איין.

— טא קום דארטן...

און ער ווייזט איר אן אויף איר ווייס בעט, וואס איז געשטאנען מיט א סך ווייסע קישנס אין ערשטן צימער.

— וואסיק, מיר באדארפן דאך אנטלויפן.

— קום אויף א רגעלע, — בעט ער זיך מיט אויטגעקרימטע ליפן.

— וואסיק, דער טאטע דארף באלד קומען מיט פרעמדע מענטשן, זיי קומען קויפן וואלד.

שטייט ער צו צו איר און קושט זי ווידער, ווילד, ווילדער, און דערביי רעדט ער:

— ביסט א קלוגע, חנה! ביסט טאקע א קלוגע, מיר וועלן אנטלויפן, באלד אנטלויפן... — ער נעמט טראכטן פון אנטלויפן און פארגעסט אויף א רגע אן אנדערע זאך. זי קוקט אים אין די אויגן אריין, זי מעסט און וועגט זיין יעדעס ווארט און טריט.

דערביי פירט זי אים אריין אין צווייטן חדר, זי עפנט אלע שופלאדן פון דעם קאמאד.

— מיר וועלן מיטנעמען, זאגט זי, א ביסל וועש.

— אוודאי מיטנעמען...

— דו וועסט טראגן א פעקל און איך א פעקל...

ער קוקט מיט דורשטיקע אויגן אויף אַלע חפצים, וואָס ער זעט, בלאָנדזשעט מיט די בליקן, קוקט זיך אַרום און פרעגט:

— און געלט? געלט מוז אויך אוודאי זיין בײַ דיין מאַמען.. הא, הא... געלט...

— איך ווייס נישט, לאָמיר זוכן.

זיי זוכן.

זי עפנט דעם שווערן קופערט, וואַרפט אַרויס פון דאָרט אַלערליי זאַכן, וועש, קליידער, שטיקלעך לייוונט, זי עפנט פאַר אים די שאַנק, נאָר קיין געלד געפינען זיי נישט... און פּלוצלינג אַ פלאַש בראָנפן...

— בראָנפן?

— יאָ!

— אמתער בראָנפן? — די אויגן זיינע קריכן אַריין אין דער פלאַש, ער פאַרגעסט, צוליב וואָס ער איז דאָ געקומען, ער פאַרגעסט, וווהין ער גייט פונדאַנען.

ער זיצט שוין בײַם טיש און גיסט אין גלאָז אַריין און פון גלאָז אין האַלדז.

— איך האָב פיינט געהאַט די קאַזאַ־מאַ, חנה, נאָר די לידער האָב איך ליב געהאַט, בײַ אונדז האָט מען יעדן טאָג געזונגען, און ער האָט זיך אַליין צעזונגען:

„סאָלאָוויי, סאָלאָוויי, פּטאַשעטשקאַ,
קאַנאַרעטשקאַ זשאַלאָבנאָ פּאָיאָט."

דער שנאַפּס נעמט אים דורך אינגאַנצן, דער גרויסער שווערער קערפּער ציט זיך אַמאָל אויף איין זייט צופיל אַראָפּ, אַמאָל אויף דער צווייטער זייט, און מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך עפּעס:

— איך בין געקומען צוליב דיר, איך וועל אַלע קוילען, — און ער פאָכעט מיטן מעסער, זינגט, שרייט און שרינקט...

זי פאַרשט אים, זי רעכנט, וויפיל ער באַדאַרף נאָך שנאַפּס,

כדי ער זאָל ווערן אײַנגאַנצן מאַכט לאָז, נאָר דער יונג איז שטאַרק און צו בראָנפּן איז ער שוין צוגעווינט פון קינדווייז אָן. דאָך פרייט זי זיך, וואָס די צייט פאַרגייט, דערבײַ וואַרפט זי בליקן צו דער טיר, צי די טאַטע-מאַמע קומען נישט אָן, זי באַדאַרף נאָך איין מענטש, נאָך איין מענטש, און זי איז געראַטעוועט.

דאָס פײַער אין אויוון ווערט שוואַכער, די אָנגעגליטע קוילן פאַרציִען זיך מיט אַש און טליִען, פאַרטונקלען זיך און בעמען ווי- דער לײַכטן אין צימער. וואַרעם אַרום, חלומדיק, און דאָ שטייט אַ שיכורער יונג און שרײַט:

— קיינעם וועל איך נישט צולאָזן צו דיר, דעם טאַטן נישט, דײַן מאַמען נישט, אויסשחטן וועל איך אַלעמען.

— פון די סאָלדאַטן בין איך צוליב דיר אַנטלאָפן.

— סמירנאָ! איך וואַסיל בין דער קאָמאַנדיר פון פאָלק...

נאָר איצט איז ער שוין פאַרטיק, דאָס מעסער האָט ער אַיועקגעלייגט אויפן טיש און די פלאַש גענומען אין די הענט. ער האָט געזופט מיט אַ משוגענער דורשטיקייט, און פּלוצלינג גע- נומען זיך וויגן אַהין און אַהער, געוואָלט צוטראָגן צום מויל דאָס פלעשל און אומגעפאַלן, אויסגעצויגן זיך אויף דער ערד.

געבליבן ליגן.

דאָס מיידל האָט געזען, ווי צוגעשמידט ער ליגט, זי האָט זיך דערפרייט, נאָר צוזאַמען מיט איר פרייד האָט איצט אויפגע- שייגט די גאַנצע שרעק.

די שרעק, וועלכע זי האָט פריִער נישט געטאָרט אַרויס- ווײַזן, האָט איצט אײַנגאַנצן אויפגעוואַכט, אומבאַוווסטערהייט איז זי אַריבערגעשפּרונגען איבער דעם שיכורן וואַסיל, צוגעלאָפן צום טיש און געכאַפּט דאָס מעסער...

פּלוצלינג האָט זי באַמערקט, ווי דער שיכורער נעמט זיך באַוועגן... מיט איין שפּרונג איז זי געווען לעבן דער טיר, האָט זי ברייט אויפגעעפנט און אַרויסגעלאָפן אין וואַלד...

דער ווייסער פראָסט האָט אַלץ פאַרגליווערט, באַוועגונג איז געשטאָרבן...

שטיל...

ווייס...

און דאָ איז אַרויסגעלאָפן אַ צעטומלט מיידל, לייכט אָנגעטון, די האָר צעוואָרפן, מיט אַ מעסער אין האַנט...

זי האָט גענומען לויפן. איינמאָל האָט זי אויסגעשריגן פון שרעק: „געוואַלט", און ערגעץ ווייט איבער דיביימער האָט זיך אָפּגערופן דער עכאָ: „וואַלד". זי איז געלאָפן אויפן וועג, וואָס פירט קיין וויסאָקע, אַזוי אָפּגעלאָפן עטלעכע ווערסט, און דערזען האָט זי פונווייטן אַ סילועט, וואָס איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. דאָס איז געווען איר מאַמע. פּעקלעך האָט זי געטראָגן. איינגעפּעלצט איז זי געווען, אין אַ פּאָר גרויסע שטיוול אָנגעטון.

די צוויי פרויען האָבן זיך באַגעגנט, און די טאָכטער האָט די ערשטע גענומען שרייען, אין דער צייט, ווען די מאַמע האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, ווי אַ משוגענע:

— מאַמע, וואָסיל איז אַנטלאָפן פון די סאָלדאַטן, ער איז צו מיר געקומען מיט אַ מעסער. מאַמע, ער ליגט דאָרט שיכּור אין שטוב, ביין, ער מוז מיך נאָכיאָגן...

די ייִדענע האָט גענומען שרייען אינמיטן וואַלד:

— שמע ישראל!

איינע האָט געפרעגט, די צווייטע האָט געענטפערט, נאָר ביידע האָבן זיי אויסגעזען, ווי משוגענע...

דער פראָסט האָט געברענט, עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג, זיי זענען אַריינגעלאָפן קיין וויסאָקע, און אין צוואַנציק מינוט אַרום האָבן ייִדן, קריסטן, מיט צוויי אוריאַדניקעס זיך אַוועקגעלאָזט אין וואַלד אַריין, צום וואַלד-משרת אין שטוב אַריין.

מענטשן האָבן געשריגן, געטומלט, און דער וואַלד האָט זיך נישט אָפּגערופן מיט קיין איין קלאַנג, די זון איז שוין געווען ני-

דעריק, ווייל די לעצטע פלאַמען אירע האָבן געקושט עטלעכע ביי־מער בא די קני.

די אַלע מענטשן זענען אַריינגעלאָפן אין שטוב פון וואַלד־משרת.

אין אויוון האָבן נאָך געגליט עטלעכע קוילן, טונקל איז געווען און וואַרעם. אַ גריל האָט געגרילט, נאָר וואַסיל איז נישט געווען, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און שיכורערהייט זיך גע־לאָזט זוכן דאָס מיידל, צוליב וועלכער ער איז פון די סאָלדאַטן אַנטלאָפן.

מען איז אַוועק זוכן אים צו זיין טאַטן, דעם שאָסיי־וועכ־טער. נישט געפונען. מען איז אַרומגעגאַנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען האָט געשריגן:

— וואַסיל, וואַסיל!...

אומזיסט.

ערשט אין אַ צוויי טעג שפּעטער האָט מען אים געפונען אַ טויטן, פאַרפרוירן, ווי אַ שטיק אייז אין דער טיפעניש פון וואַלד...

אָנגעשפּאַרט איז ער געלעגן לעבן אַ בוים און געגלאָצט מיט די ווייסלען פון די אויגן אויף דער אַרומיקער ווייס־קייט...

דערנאָך זענען ווידער אַוועק טעג פון וואַלדס שווייגן. ווען די גאַנצע וועלט מענטשן וואָלט דאָ אַראָפּגעקומען, אין דער גע־דיכטעניש פון די ביימער מיט זייערע ליידנשאַפטן, ווען אַלע וועלן דאָ פאַרפרוירן אין וואַלד — קיין איין בוים וואָלט זיך נישט אָפּגערופן, ווייל דער וואַלד לעבט נאָר מיט זיין שווייגן.

זאָל בליצן אַ מאָל דער גלאַנץ פון אַ מעסער.

זאָל אָפּהילכן אַ פולווער־שאָס...

די שווייגעניש איז אַ ים, און אַ טראָפּן אין ים שפּילט נישט קיין ראָלע, אַ שישקע איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים, אַ מענטש איז אונטערן זעלבן בוים פאַרפרוירן געוואָרן.

אַלץ איינס פאַר דער שווייגעניש.

די ביימער פאַלגן איינעם, אָן אומבאַגרענעצטן הערשער, ביז הוֹרכזאַם זענען זיי... שטום.

עס פאַלט אַ טויטער שניי, און ווו אים ווילט זיך, דאָרט לייגט ער זיך...

שאול דער שוואַרצער.

אויב איר וועט אַמאָל צופעליק אַריינפאַלן אין דעם קליי-נעם שטעטעלע יאַבאָווצע, וואָס ליגט באַם סאַמע ברעג פון דער ווייסל, וועט איר אַליין אויסהערן די מעשה פון „שוואַרצן שאול", דאָרטן אַרום די גרינע פעלדער, אונטערן הויכן באַרג מיטן שלאָס, צווישן די שיטערע הייזלעך, וואָס וואַלגערן זיך ווי פאַרגעסענע אונטערן הימל.

דאָרטן וועט אייך די דערציילונג קלינגען שענער, מילדער, און לעגענדאַרישער.

בשעת איר וועט אויסהערן די געשיכטע, וועט אייער בליק פאַלן אויף די ווייסע זאַמדן פון דער ווייסל, אייער אויג וועט אַריבערפליען אויף דעם צווייטן ברעג, וווּ עס ציען זיך די גע-דיכטע פלוימען-סעדער פון קאַזשמערזש. איר וועט זען אַ שפּיץ פון אַ הונדערטיעריקן טורעם, קלויסטערס, וועלכע שטייען שוין דאָ באַ די ברעגן לאַנגע דורות.. איר וועט זען ווייטער צעאַקערטע פעלדער, אַ ן קליינע שאַכמאַט-קוואַדראַטן, און דאַמאָלס וועט איר שטאַרקער פילן די טיפע בליקן פון אַ שווייגנדיקן ייד, וועלכער שטייט דאָ מיט זיין גאַנצער יום-טובדיקער נשמה אין אַ וואָכעדיק-ג וועלבל.

איך האָב דעם שוואַרצן שאול געטראָפֿן אין שטעטל, בשעת ער איז טאַקע געשטאַנען בײַ זײַן געוועלבל.

געווען איז דאָס אַ הייסער זומער־טאָג. די עטלעכע געסלעך פֿון יאַנאָווצע האָבן זיך געבאָדן אין זון, ווי די קליינע פֿישעלעך אין אַ גרויסן טײַך אָדער סאַר.

מענטשן זענען ווייניק דאַמאָלס געווען אויף די געסלעך, געציילטע...

און בײַ איין טיר פֿון אַ געוועלבל איז געשטאַנען אַ שלאַנקער ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד און מיט שוואַרצע אויגן... אַזעלכע אויגן, וואָס מען פֿאַרגעסט שוין נישט.

אַ רויִקער טרויער, אַן איבערלעכער נשמה־שטאָלץ פֿון טיפֿער מענטשלעכקייט האָט אַרויסגעקוקט פֿון שאולס אויגן.

עס האָט צו אים זיך נישט געקלײדט, נישט די בגדים די אָרימע זײַנע און נישט דאָס געוועלבל מיט די עטלעכע זעקלעך וויַיץ און מעל.

אפֿשר דער ברייטער הימל האָט געפּאַסט צו אים, דער גרינער שטח פֿון די יום־טובֿדיקע פֿעלדער.

אָבער ווי קומט אַזאַ ייִד צו אַזאַ אָ־ים געוועלבל?

ער האָט געקוקט מיט זײַנע שוואַרצע ליכטיקע אויגן צום אײַנגעפֿאַלענעם שלאָס אויפֿן באַרג.

נאָר דער שלאָס האָט געשוויגן, און אַלץ אַרום האָט זיך אָפּגעריסן פֿון לעבן, פֿון רויש, פֿון קלאַנג. דער ייִד האָט געשוויגן און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַזאַ שווייגן שוועבט ערגעץ אַוועק, ווי אַ תּפֿילה.

מיך האָט זײַן בליק געמאַכט גײַגעריק. איך האָב אַ ציטער געטון, פּונקט ווי איך וואָלט דערזען דורך די קראַטעס פֿון אַ תּפֿיסה אַ גרויסן העלד, אַ גרויסן מענטש...

איך האָב נאָכגעפֿרעגט.

און מענטשן האָבן מיר דערציילט:

— הײַנט איז ער נישט אַזוי ש־ין. מיט אַ יאָר פֿופֿצן צוריק, בשעת ער איז געזעסן אין בית־המדרש און האָט געלערנט, דאַמאָלס האָט טאַקע די אמתע שכינה אויף אים גערוט.

שיין איז ער געווען, אַז די גאַס האָט געלויכטן, בשעת ער פלעגט פאַרבייגיין.

דערנאָך, ווען די שיקסע האָט זיך צוליב אים דער־טרונקען.

איך האָב אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— וועלכע שיקסע?

— איר זענט אַ פרעמדער, איר ווייסט נישט. געווען דאָ אין שטעטל אַ שיקסע, אַניעלאַ האָט זי געהייסן.

— נו?

— און דידאָזיקע שיקסע האָט זיך אין אים פאַרליבט, אַ שגעון געווען, נישט אַנדערש.

אַ שיין מיידל, אַ בלאָנדע. אַ צאַרטע, גאַרנישט קיין פויעריש־מיידל.

דערציילט האָט מען, אַז דער כראַביע, דער גראַף פון אָפּאָליע, האָט זיך געקענט מיט איר מאַמען. מען האָט עס גע־קענט גלייבן, ווייל פאַר אַ פויעריש מיידל איז זי צו־שיין גע־ווען, ווי געזאָגט...

איז זי אויסגעוואַקסן שלאַנק, אַרומגעלאָפן באָרוועס און געשפּילט זיך מיט ייִדישע קינדער... מיט שאולקען אויך, ביז פון שאולקען איז געוואָרן אַ גרויסער שאול. ער איז געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. שפּעטער האָבן מענטשן דערזען, אַז די שיקסע שטייט באַם פענסטער פון בית־המדרש און האָרכט זיך איין, ווי דער „זשיד מאָדליעט זיך".

איינמאָל, צוויי מאָל און שטענדיק.

מען האָט געלאַכט.

מען האָט זיך גענומען בייזערן —

זי האָט אָבער אָפּגעוואָרפן אַלע שקצים און אַלע שטי־פּערייען.

פרומע פלעגן זי ווי אַ קאַץ אָפּטרייבן פון הינטערן פענסטער.

— אַזוי ווי דער שטן קריכט זי.

— אַן אָנשיקעניש.

זי פלעגט שווייגנדיק אוועקגיין און... קומען ווידער.

און פון בית-המדרש האָט אַלץ העכער און פלייסיקער געקלונגען שאולס קול.

צו די הימלען, צו גאָט, צו אַלע גוטע און פרומע יידן.

אָבער נישט צו אַניעלען, ער האָט זי נישט געזען, אָ ער זיך געמאכט, אַז ער זעט זי נישט.

איינמאָל, בשעת ער איז שפּעט באַנאַכט אַרויס פון בית-המדרש מיט נאָך אַ פּאָר לערנערס, איז זי, די שיקסע, צוגעלאָפן צו שאולן און, אָנגעהויבן וויינען, בעטן:

— מאָי שאול, מאָי דראָגי, יאַ ציען קאָכאַם, איך האָב דיך ליב, איך וועל אָן דיר נישט לעבן.

שאול האָט דערזען פאַר זיך דעם אמתן שטן, ער האָט זיך דערשראָקן און גענומען לויפן אָן אויגן.

אין יענער נאַכט האָט ער אין דערהיים נישט גענעכטיקט, האָט זיך ערגעץ געוואַלגערט אויפן באַרג אונטער די רויבנען פון אַלטן באַרג.

די שיקסע איז אויך נישט געשלאָפן. זי האָט אַרומגעזוכט שאולן, און ווען זי האָט אים נישט געפונען, איז זי אוועק אין אַלטן קאָשטשיאָל, צוגעפאַלן צו דער שטיינערנער פאָדלאָגע און „געמאָדליעט" זיך ביז דער טאָג איז געקומען, און אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל: די יידן זענען אין כעס געווען, וואָס אַ שיקסע קריכט צו אַ פרומען יידישן בחור, און די קריסטן האָבן זיך געבייזערט אויף דעם, וואָס אַ ייד האָט „פאַרכישופט" אַ קריסטלעך מיידל. אין אַ צייט אַרום איז שאול געקומען צו טאַטע-מאַמע און געבעטן זיך באַ זיי, אָנגעשראָקן איז ער געווען און איינגעעקשנט:

— דאָ וויל איך מער נישט לערנען, שיקט מיך אַוועק קיין זאַוויכאָסט.

האָט מען אים אַוועגעשיקט קיין זאַוויכאָסט, זאָל ער דאָרט לערנען.

און די שיקסע איז ווידער געקומען צום פענסטער פון בית-

המדרש — שאול איז נישטאָ... מאָרגן און איבערמאָרגן — שאול איז נישטאָ...

האָט זי גענומען דאָרן.

האָט אויפגעהערט צו עסן, און איז אַוועק צום טייך.

אַ שיקסע האָט זיך דערטרונקען צוליב אַ ייִד אַ בית־המדרש־ניק.

אָט דאָס איז די געשיכטע. אין יאָרן אַרום איז שאול דער שוואַרצער צוריק געקומען פון זאַוויכאָסט. אַ שווייגנדיקער יונגער־מאַן, מיט אַ שוואַרצע באָרד, אין וועלכער עס האָבן זיך באַהאַלטן זיינע טיפע אויגן און זיינע שווייגנדיקע ליפּן. האָט חתונה געהאַט, געגעסן קעסט, געבוירן קינדער און געבליבן אַ שווייגנדיקער.

ער שווייגט אַפילו אין שמחת־תורה, בשעת אַלע פרייען זיך. אַ מאָדנער מענטש, אין געוועלבל רעדט ער געציילטע ווערטער, דינגט זיך נישט און טומלט נישט. ווער עס וויל, דער קויפט בא אים, ער אַליין רופט קיינעם נישט, יאָגט זיך נישט נאָך קיינעם. שטענדיק דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס אַנדערע ענינים, ווייטערע, טיפערע — נישט נאָר אַזעלכע גראָשענע געשעפטלעך, וואָס ער מאַכט אין זיין געוועלבל.

איך האָב אויסגעהערט אַלע געשיכטעס וועגן אים.

דער שוואַרצער ייִד אין געוועלבל איז אַלץ מער געוואַקסן אין מיינע אויגן. איך האָב ליב געהאַט צו קוקן אויף אים. זיין אויסזען פלעגט מיך פשוט באַגייסטערן.

פלעגט ער אָבער באַמערקן, אַז איך קוק אויף אים צו לאַנג, דרייט ער באַלד אויס די קאַפּאָטע און אין געוועלבל אַריין.

און וואָס מער ער פלעגט מיך אויסמיידן, אַלץ מער האָט ער מיך גענייגערט. אַ צייט איז פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. איך האָב געלעבט דערווייל מיטן זומער, און דער זומער האָט געלעבט מיט אונדז אַלעמען.

איך האָב געבלאָנדזשעט אַרום יאַנאָוועצע אין די פעלדער־וועלדער, איך האָב געטראַכט מיינע טראַכטענישן, נאָר דער שוואַרצער שאול, דער שיינער ייִד, איז מיר פון די געדאַנקען נישט אַרויס.

און די אַניעלע, וועלכע האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידישן לערנער!

סודות, רעטענישן פון לעבן, שיינע טרויעריקע חלומ׳ת.

מיך האָט אינטערעסירט דער שאול, דער אָרעמער קרעמער פון יאַנאָווצע.

וואָס איז פאַר אים געווען אַניעלע, וועלכע איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקע הינטער זיינע פענסטער, בשעת ער האָט געלערנט?

וואָס איז זי פאַר אים געווען? וואָס האָט ער פון איר געטראַכט דאַמאָלס, און וואָס טראַכט ער היינט פון איר?

זי איז דאָך צוליב אים געשטאָרבן יונגערהייט.

זי איז דאָך געווען אַ שיינע, פול מיט לעבן.

צי דען איז זי פאַר אים פאַרבליבן נאָר אַ בייזער שטן פון שלעכטס?

דאָרט אין יאַנאָווצע איז כמעט שטענדיק שטיל און שטום געווען, און אין דער שטילקייט האָבן זיך געפּאַרבעט די געדאַנקען אין די שענסטע בלומען־קאָלירן. עס האָט געצויגן צום פעלד, ווו ווייט־ווייט אויף אַ בערגל איז געשטאַנען אַ ווינט־מיל, און די פליגלען האָבן זיך געהויבן אַראָפּ און אַרויף, האַלב פאַרשלעפערט, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק. איינמאָל, געדענק איך, איז אַ יונגע סאַרנע אַרויס מיר אַנטקעגן מיט גרויסע אומשולדיקע אויגן, אַ געקוקט אויף מיך און באַלד דערקענט אַ מענטשן, האָט זי געמאַכט פלינקע פיס, נאָר אויף דעם גאַנצן פעלד איז געבליבן איר בליק — די אומשולדיקייט פון דער נאַטור.

און עס האָט מיך ביז אומעט געפרייט דער געדאַנק, אַז עס זענען נאָך פאַרבליבן מענטשן, וועלכע טראָגן אויך אין זיך אומשולד און טיפע ערלעכקייט.

שאול דער שוואַרצער...

איך האָב געזוכט די געלעגנהייט, און איך האָב זיך מיט דעם ייִד באַקאַנט, גערעדט מיט אים עטלעכע מאָל, נאָר ער איז געווען קאַרג אויף ווערטער.

איינמאָל, אויסגעדאַכט האָט מיר, אַז ער איז אויפגעלייגט, האָב איך אים אַ פרעג געטון וועגן יענע יאָרן, וועגן אַניעלען.

— מיט אייך האָט עס פּאַסירט?

— פּאַסירט, נישט פּאַסירט, — האָט ער אומגעדולדיק אַרויס-גערעדט — די ווייסל שטייט נישט אויף איין אָרט, די וואַסערן גייען, די וואַסערן גייען, אייביק אַזוי...

כּעס און מלאַנכאָליע איז געווען אין זיין קול.

איך האָב פּאָרזיכטיק גענומען ווייטער פאָרשן, געוואָלט אַריינקוקן אין אַ מענטשנס נשמה, איך האָב אים ווידער געפרעגט וועגן דעם זעלבן ענין...

האָט ער אַ קוק געטון אויף מיר מיט זיינע שוואַרצע אויגן.

בקשה און אויפרעגונג האָבן געקוקט אויף מיר.

— יונגערמאַן, לאָזט מיך צורו... פרעגט באַ דער ווייסל! וואָס פרעגט איר באַ מיר.

איך האָב אים געפאָלגט.

איך ביז אַוועק צו דער ווייסל, די וואַסערן האָבן זיך געטראָגן און אַוועקגעט אָגן מיינע נייגעריקע געדאַנקען...

איין זאַך האָט מיך געפרייט, — וואָס אַ מענטש קען אויך אַזוי שוויגן —

ווי די טייכן, ווי די שטיינער, ווי די בערג...

דעם גנבס ליבע.

דאָס איז פאָרגעקומען אין „אַרעסט“, אויפן הויף פון דער רוסישער הויפט-פּאָליציי. אַ גרופּע אַרעסטאַנטן, אַ צוואַנציק מאַן, האָבן געלעכצט נאָך אַ טראָפּן לופט. עס איז געווען ענג, הייס און שמוציק, די פּנימער האָבן זיך געבאָדן אין אייגענעם שווייס, די אויגן קרענקלעך רויט.

נאָר דאָ האָט דער מענטש געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרשטיין אַ ביסל, וואָס עס פילט און לעבט דורך אַ חיה אין שטייג. מיר גייען דאָך אָפט אין די זאָאָלאָגישע גערטנער, מיר קוקן אויפן שטאָלצן לייב, ווי ער דרייט זיך אַרום אין זיין שטייג, ווי ער עפנט זיין מויל און ווייזט די גרויסע ציין, די ווילדע ציין, וועלכע קענען נישט צעבייסן די אייזערנע שטאַנגען פון זיין ביטערן גורל...

מיר בלייבן גלייכגילטיק צו זיין ווייטאָן, דערפאַר באַוואונדערן מיר זיין שיינע פעל, זיין מאַיעסטעטיש אויסזען, זיינע לייכטע קעניגלעכע טריט...

אין יענעם טאָג, איינם טאָג פון דערדאָזיקער פאַסירונג, זענען מיר אַלע נאָנט געווען צו משוגעת, צו דער גרעסטער הפקרות,

מיר האָבן דאַמאָלס פאַרמאָגט אין זיך דעם גרעסטן צאָרן און די גרעסטע... מאַכטלאָזיקייט.

דאַכט זיך, אַז אויסער אַלע יסורים, אויס ער אַלע פיזישע ווייען, האָט דער מענטש אויך געליטן צוליב דעם, וואָס ער אַלס מענטש ווערט אַזוי ביטער באַליידיקט פון די איבעריקע מענטשן.

מען קריצט מיט די ציין, און מען קוקט טעמפ איינער אויפן צווייטן.

צוואַנציק מענטשן אין אַן ענגער קאַמער — אפילו פריי שפּרייזן האָט מען נישט געקענט, איינער דעם צווייטן האָט געשטערט, און ווען איינער פלעגט זיך אָנקלאַפּן אין צווייטן, פלעגן דאַמאָלס צווי פּאָר אויגן בייז ווערן, ווי בא די חיות, און אַ ביטערע קללה, אַ גראָבע באַליידיקונג פאַלט אַראָפּ... און מען שפּרייזט ווייטער. מען שעלט, מען שעלט די גאַנצע וועלט, און די קללה קומט צוריק און פייניקט דעם שעלטער.

פּאָליטישע און קרימינעלע...

אַלציינס. איינער איז דאָרט געווען פאַרשפּאַרט פאַר הרגענען אַ מענטש, דער צווייטער — פאַר וועלן ראַטעווען די מענטשהייט... די הערצער האָבן בא אַלעמען געקלאַפּט. פון צייט צו צייט פלעגט אַן אַנדערער צוגיין צו דער קראַטע און אַרויסקוקן אויפן גרויסן הויף: טויבן לאָזן זיך אַראָפּ פון דאַך און זוכן ברעקלעך, געלע, ווייסע, שוואַרצע טויבן... גליקלעכע, פרייע פייגל, אָט עסן זיי, אָט ליבן זיי זיך — פאַר אונדז אין די אויגן.

און נישט איינער פון אונדז האָט געטראַכט און געהאַט פּרעטענזיעס, וואָס ער איז נישט באַשאַפן אַ טויב, אַ פויגל, אָדער גאָר ווי דער גרויסער כּלב, מיט וועלכן די „פּאָליציי־סקע" שפּילן זיך אויפן הויף...

עס איז אפילו איינגעפאַלן אַזאַ מין משוגענער געדאַנק: זאָל זיך דער קערפּער בלייבן דאָ הינטער די קראַטעס, אַבי די נשמה זאָל זיך אַרויסגנבענען און אַוועקלויפן ווייט, ווייט — אַפּרוען זיך, פריי אָפּעטעמען, ווייל דאָ וועט זי שוין מער נישט

אויסהאַלטן. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שעה, זי וועט דאָ דערשטיקט ווערן.

די נשמה... זי האָט דאָך אויסגעהאַלטן.

די געוווינהייט — דאָס איז בליי, וואָס פאַלט אויף דעם לעבעדיקן געדאַנק, אויף דעם האַרץ. די געוווינהייט, דאָס איז טויט, וואָס דרינגט אַריין אין לעבן. אָט אַזוי האָבן מיר געלעבט מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך לעבן. אַלע זענען בייז געווען און אַלע האָבן זיך אונטערגעגעבן.

די צייט האָט אונדז געטעמפּט.

איינער פון די גרעסטע יחסנים אין אונדזער שטייג איז געווען אַבקע דער קעשענע-גנב. אַ קינד פון די ביאַליסטאָקער „פּיאַסקעס", פון יענעם קוואַרטאַל, ווו אַלע קאַטערינעשטשיקעס און גנבים האָבן געלעבט, איז אָבער אַבקע שוין ווייט אַוועק פון די „פּיאַסקעס" און פון ביאַליסטאָק, ער איז געווען פּאָפּולער אין אַלע גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד, וועגן אים האָט מען גערעדט, אַז ער האָט מאַגנעט אין די פינגער. ער איז פאַררעכנט געווען בא די גנבים פאַר אַן אַריסטאָקראַט; ער פלעגט זיך אָנטון גאַנץ אַנשטענדיק, און אין תפיסה האָט ער געהאַט אַן אייגן האַנטוך מיט אַ ציין-בערשטל. מיט זיין האַנטוך האָט זיך אַ צווייטער נישט געטאָרט אַרומווישן, אפילו דער בעסטער פריינט זיינער. זיין פנים האָט אויסגעזען מאַט-ווייס, ווי בא אַן אויסגעקעכלטן באַלעבאַטישן זונדל, נאָר אין די באַוועגונגען פון זיין קערפּער האָט זיך געפילט גראָבייִנגישקייט, ווילדקייט פון אַ ייִנגן אָקסל — צערייץ אים נישט, עס וועט זיין שלעכט.

ער איז געווען אין תפיסה, און אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז מ'איז ער אויף יענער זייט פון די קראַטעס. שטענדיק האָט ער געשיקט צעטעלעך און באַקומען צעטעלעך פון דרויסן. מיט די גנבים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן נאָך אים, פלעגט ער זיך בסדר שושקען. געמיינט האָבן אַלע, אַז דאָס שושקעט מען זיך צוליב גנבישע ענינים. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז נאָר צוליב אַ מיידל. אַבקע האָט געהאַט אַ כלה, דעם נאָמען פון איר האָבן די נישט-פּאַרטייִטע נישט געוווּסט, נאָר באַקאַנט איז גע-

ווען, אַז זי איז אַ געלע, ווייל אַבקע האָט כּסדר געשאָלטן און געברומט:

— די געלע צויג, איך וועל זי דערשטיקן.

— צוליב דער „געלער" בין איך דאָ פאַרשפּאַרט, געקומען זיך זען מיט איר אַזש פון קיִעוו, און דאָ האָבן מיך די „מענטעס" געכאַפּט.

— מיך וועט זי נישט נאַרן. איך וועל איר נאָר איינמאָל אַ קוק געבן אין די אויגן, וועל איך באַלד פאַרשטיין, צי זי מאַכט מיך פאַר אַ יאָלד.

און דערביי זענען געפלויגן שמוציק-נאַקעטע ווערטער... נישטאָ אַזאַ שמוץ, וואָס דער מענטש קען נישט באַשאַפן מיט זיין צונג.

מיר האָבן זיך נישט געמישט אין די אַלע ענינים פון אַב-קען און זיינע חברים. איינע האָבן פאַר אים מורא געהאַט, די אַנדערע צוליב עטישע מאָטיוון. שעלטן, זידלען און רעדן די גרעבסטע רייד איז געווען בא זיי אַ נאַטירלעכע זאַך, בענוג איז געווען פאַר די מער איידעלע אויערן, אַז זיי האָבן דאָס אַלץ גע-דאַרפט צוהערן.

חברן זיך איז שווער געווען.

די זעלבע קראַטעס האָבן אונדז צוגענומען די זעלבע פריי-הייט, און קיינער האָט נישט געקענט זאָגן, אַז זיינע צרות זענען גרעסער, ווי דעם צווייטנס. פאַרהאַן אַ קללה: „זאָלסט פאַרפוילט ווערן אין תפיסה". די, וואָס זענען ווען געזעסן, שעלטן זיך נישט מיט דערדאָזיקער קללה...

און אין תפיסה גופא, ווען איינער שעלט דעם צווייטן מיט אַזאַ מין קללה, באַקומט ער געשלאָגן פון אַלעמען. נישטאָ אויף אַזעלכן קיין רחמנות.

אין דעם טאָג פון דער געשעעניש, ווען מיר אַלע האָבן זיך הילפלאָז געפיינטקט פון היץ און ענגשאַפט, איז מער פאַר אַלע-מען אויפגערעגט געווען אַבקע דער קעשענע-גנב. ער האָט געשפּרייזט, אָדער געזוכט פּלאַץ פאַר זיינע האַסטיקע האַלב-ווילדע טריט, אים איז מען אָפּגעטרעטן דעם וועג, און דאָך האָט ער זיך עט-

לעכע מאָל אָנגעשטויסן אָן אַ צווייטן, דערביי פלעגט ער ביין אַ געשריי טון און איבערשרעקן אַלעמען.

— וואָס קריכסטו אין די אויגן? די איבעריקע שפּרייזערס טרעטן אָפּ, מען ציט זיך נאָך מער אין זיך אַריין. מען וואַרפט בליקן צו אַבקען, עס דאַכט זיך, אַז דער ייִנג וועט זיך באַלד צעבריקעווען און די וואַנד אַרויסזעצן, די קראַט עס צעברעכן... אַ געכטיקער טאָג! אייזן בלייבט אייזן.

און עס איז אַזוי שרעקלעך. אָט זעט זיך נאָנט דאָס לעבן, קוק אַרויס פון פענסטער! אונדזער תּפיסה איז אין פּאַרטער... אָט זענען די טויבן. אַ ביסל פאַרזייעכץ אויפן הויף-גערטנדל, קינדער שפּילן זיך, און אַ גרויסער רויטער אינדיק בלאָזט זיך אָן... ווען עס פּאַסירט אַזאַ נס: די וואַנט זאָל זיך אָפּרוקן, מיר זאָלן פריי אַרויסגיין. איז דען פאַראַן אַ גרעסער גליק, ווי די געווינטלעכע פרייהייט?

האַלבער טאָג, נאָך האַלבן טאָג. אײן גאָט ווייסט, ווי די בלייערנע צייט איז אַוועקגעקראָכן, ווי אַזוי האָבן מיר דאָס איבערגעטראָגן די שווערע שעה? אפשר האָבן מיר שוין אויפגעהערט צו פילן?

פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ רוף:

— אַבקע!

אַ פרויען-קול, אַזוי אומגעריכט, פון וואַנען?

מיר האָבן זיך גוט אָריענטירט: פאַר עטלעכע גילדן פלעגט דער שומר אַריינלאָזן אויפן תּפיסה-הויף.

צו אַבקען איז געקומען אַ פרוי. די „געלע" איז געקומען. באַלד נאָכן רוף האָט ער אַ ציטער געגעבן, און איז האַסטיק צוגעלאָפן צום פענסטער.

קיין שמייכל נישט, קיין גוט וואָרט נאָר אַ פּאָר שטאָלענע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט צום מיידלשן פּנים, וועלכע איז צוגעפאַלן צו די אייזערנע שטאַנגען:

— אַבקע! וואָס מאַכסטו, וואָס ביסטו אין כּעס?

אין דער ענגער קאַמער האָבן אירע ווערטער אָפּגעקלונגען, ווי אַ פריילעך גלעקל, נאָרבאַלד איז אַלץ צעשטערט געוואָרן, ווייל

אבקע האָט גענומען שעלטן זיין כלה, אָנגערופן זי מיט די ערגס־טע ווערטער.

— מיט דעם טויבן-גנב שלעפּסטו זיך אַרום.

— אָבער, אבקע, ס'איז דאָך אַ ליגנט...

זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענטפערן, נאָך נישט אויסגע־רעדט די גאַנצע פראַזע, און עס איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע ווילדקייט:

אבקע האָט האַסטיק ארויסגעריסן אַ האַנט דורך דער קראַטע און אָנגעכאַפּט דער „געלערס" קאָפּ האָר...

זי האָט אַ געשריי געטון פון ווייטיק, די לאַנגע האָר איי־רע האָבן זיך צעשאָטן, און אבקע האָט עס פלינק איינגעוויקלט אין זיין האַנט, גענומען ציִען צו זיך, זי שרייט און ציט די האָר. זי שרייט... ניין, זי שרייט שוין נישט, זי קרעכצט האַלב פאַר־חלשט... און ער רייסט מיט דער גרעסטער אכזריות.

— לאָז אָפּ, אבקע!

איינער פון אונדז איז צוגעלאָפן, דער צווייטער, נאָר אָפּ־קען איז נישט געווען צו דערקענע, די אויגן זיינע האָבן זיך פאַרגאָסן מיט בלוט, מיט זיינע ציין האָט ער זיך געביסן די ליפּן און יעדער רגע געצופּט, געצופּט...

פון יענער זייט האָט געשריגן דער רוסישער גאַראָדאָוואָי, אבקע זאָל אָפּלאָזן. עס האָט נישט געהאָלפן. פּלוצלינג האָט דער גאָראָדאָוואָי אַרויסגעכאַפּט די שווערד פון זיין שייד און איבער־געשניטן מיט דער שאַרף דער „געלערס" האָר — בײַ אבקען אין דער האַנט איז געבליבן די גרעסטע העלפט.

אַ צייט האָט נאָך דאָס מיידל געקרעכצט. שפּעטער האָט מען זי פון הויף אַראָפּגעפירט און אבקע איז געשטאַנען אינמיטן צי־מער, ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס בינטל בלאָנדע האָר און געקוקט אויף דעם מיט אויגן פון אַ ווילדן טאָטער, וועלכער האַלט דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון שונא...

קיינער איז צו אים נישט צוגעגאַנגען, מען האָט געוואַרט, אַז זיין כעס זאָל אַריבער, נאָר ער אַליין האָט זיך אָנגערופן:

— אָנגעלערנט די צויג.

— אפשר איז זי נישט שולדיק? — האָט איינער געפרעגט מיט אַ האַלב קול, און די אַלע איבעריקע האָבן זיך אָפּגערוקט.

— נישט שולדיק? זי איז שוין יאָ שולדיק, איך האָב אַליין געזען אין אירע אויגן.

וואָס ער האָט דאָרט געזען אין אירע אויגן, האָט קיינער נישט געוווסט, נאָר איר פאַרצווייפלט געשריי האָט נאָך איצט אָפּגעקלונגען אין די אויערן.

עס זענען אַוועק שעהען, ער האָט זיך באַרויקט...

מיר האָב ווידער געשפּייזט איבערן צימער, הין און צוריק, הין און צוריק. אונטער אונדזערע פיס האָבן זיך געשאַרט דער „געלערס" דינע, דין-גאָלדענע האָר-פעדעם, וועלכע אַבקע האָט אַוועקגעוואָרפן...

ענג איז געווען, שווער און הייס איז געווען, נאָר די גהינום-גרויקייט פון ת יסה-לעבן איז אויף אַ צייט פאַרשוואונדן געוואָרן פו אינדזער געמיינזאַמער שטייג.

עס האָט זיך דערמאַנט אַן ל ב ג, אַן לעבן, עס האָט זיך גיכער געוואָלט זיין אויף דער פריי. יעדערער האָט גענומען ציילן די טעג און אויסרעכענען די מעגלעכקייטן פריי צו ווערן.

דער גאָלדשמיד

איינמאָל בין איך באַ אים פאַרבליבן אַ ביסל לענגער.

עס איז שוין אַריין שפּעט אין דער נאַכט, ער האָט מיר דערציילט פון דער וועלט־שטאָט, אין וועלכער ער לעבט שוין אַ סך יאָרן. ער קען דאָ אַלע ווינקעלעך, אַלע נאַכט־הייזער, ער ווייסט געווי, ווי דאָ ווערן פאַרברענט לעבנס פון וויין און זנות... און זיין וויסן האַלט אים נישט אָפּ: זיין אייגן לעבן האָט ער דאָ אויך אַריינגעוואָרפן אין גיהנום־קעסל — זאָל עס ברענען.

בשעת ער רעדט פון פאַריז, ווייס איך, אַז איך קען אים גלייבן אויף זיכער, קיין טעות האָט ער נישט. דידאָזיקע בוכ־האַלטעריע קאָסט אים אַ סך יאָרן דערפאַרונג, אַ סך געלט און געזונט.

אין יענעם אָוונט האָט ער דערמאַנט צום ערשטן מאָל זיין קינדהייט. ער שטאַמט פון פוילן, פון אַ שטעטל באַ דער ווייסל, פון יענע שטעטלעך, וואָס גיבן אַזוי פיל באַגייסטערונג דעם יידישן קינסטלער.

ער האָט זיך פלוצלינג אָנגעצונדן און אויסגערופן:

— איך וועל אייך באַלד געפינען אַ פאָטאָגראַפיע, איר וועט

זען, ווי איך האָב אויסגעזען מיט דרייסיק יאָר צוריק, פופצן יאָר בין איך דעמאָלס אַלט געווען.

און ער האָט זיך געלאָזט זוכן זיין פאָטאָגראַפיע. עס האָט זייער לאַנג געדויערט, ווייל בא אים אין האָטעל-צימער איז געווען אַ פאַרפּלאָנטערטער אָרדנונג, אַ פאַרצווייפלטער קנויל פון וועש, ביכער און יוּווילער-מכשירים.

ער איז אַ גאָלדשמיד.

ער האָט געזוכט זיין פאָטאָגראַפיע, עס איז אים געגאַנגען אין לעבן...

אויפן טיש, אין שופלאָד, אין אַ שאַנק, אין אַ טשעמאָדאַן, אונטערן בעט, אויפן אויוון. ער האָט געזוכט און לאַנג נישט געפונען דאָס געזוכטע.

צווישן פעק בריוו, בריוו געשריבן אויף פראַנצויזיש, אויף ענגליש, יידיש, רוסיש, דייטש... בריוו פון פרויען.

אין זוכן פלעגט ער זיך אָפּרייסן אויף אַ רגע און דורכלייענען עטלעכע שורות, עפּעס זיך דערמאָנען, באַלד פאַרגעסן און ווידער געזוכט.

ברודנע קראַגנס, האָטעל-חשבונות, אַ צייטונג, אַ ביכל, פייל-עכצלעך, אינסטרומענטן, וואָס מען באַנוצט צו גאָלד-שמידעריי, אַלץ איז דאָס צוזאַמענגעמישט אין איין קאַשע.

וועלכער מויק וועט זיך דאָ פינאַנדערקלייבן?

פלוצלינג ווערט ער אויפגעלייגט: געפונען די פאָטאָגראַפיע און מיר דערלאַנגט.

אויף מיר האָט געקוקט אַ קליינשטעטלדיק פּויליש ייִנגל אין אַ לאַנגער קאַפּאָטקע מיט פּאהלעך, אַן ערב-שבתדיק אויסגעצוואָגן בחורל מיט גוטמוטיקע קינדערישע אויגן... אַ ווייטע אידיליע האָט אויפגעלעבט אין מיין זכרון.

— דאָס זענט איר? — פרעג איך.

— דאָס בין איך געווען — ענטפערט ער.

— און וואָס זענט איר איצט? — פרעג איך נאָכאַמאָל מיט אַ שמייכל.

לאַכט ער זיך אַביסל אויס, און רעדט כסדר וועגן זיין

לעבן. היינט איז ער אין שטימונג, און טאַקע אין דאָזיקן אָוונט האָב איך דעם מענטש אַביסל דערקענט.

ער האָט דורכגעוואַנדערט גאַנץ אייראָפּע, אין אַלע הויפּטשטעט געלעבט, געאַרבעט און פֿאַרדינט.

ער האָט אַ פֿאַך, אַ גאָלדשמיד. אָבער נישט קיין טרוקענער בעל־מלאכה, וואָס אַרבעט לויט יענעמס צייכנונג, ער האָט געשאַפֿן קאָמפּאָזיציעס אין זיין אַרבעט.

— איר האָט געזען די קליינע דאַמען־זייגערלעך פֿון פּלאַטין מיט בריליאַנטן? גאַנץ אייראָפּע טראָגט אַזעלכע זייגערלעך, דאָס איז מיין אידעע, מיינע ליניעס.

ער האָט נישט געדאַרפֿט זיך פֿאַר מיר באַרימען, ווייל וועגן אים האָב איך שוין אַ סך געהערט פֿון אַנדערע. מען האָט מיר דערציילט, אַז ער איז דער איינציקער, דער בעסטער קינסטלער אין פֿיליגראַן־אַרבעט, און דערצו אַ זעלטענער מבין אויף בריליאַנטן.

נאָר אַ מענטש האָט איצט געמאַכט חשבון־הנפש, אַ מענטש האָט זיך מתודה געווען פֿאַר מיר און פֿאַר זיך אַליין. איך האָב אים געדולדיק אויסגעהערט:

— מיינע רינגען, מיינע פֿיליגראַן־בראָנזלעטן און פֿיליגראַן־בראָשן... פּלאַטין און בריליאַנטן זענען איידעלע זאַכן, און נאָך איידעלער דאַרף זיין די נשמה פֿון מייסטער, וועלכער קאָמבינירט אין דער אַרבעט, פּאַסט אַריין דעם שטיין אין מעטאַל. דאָ שפּילט אַ גרויסע ראָל דער גלאַנץ פֿון שטיין, זיין געשליפֿנקייט, זיין קאָליר. איך האָב אַן אויג צו די זאַכן.

צו מיר האָבן זיך געצויגן צאַרטע פֿרויען־פֿינגער, איך האָב געדאַרפֿט פֿון די פֿינגער אָראָפּנעמען אַ מאָס און אויסאַרבעטן אַ רינג. זיי פֿלעגן קומען אין מיין אַטעליע, איך פֿלעג גיין צו זיי, און אין אַ טעות זענען געווען די, וועלכע האָבן געטראַכט, אַז איך האָב ליב געהאַט נאָר מיין אַרבעט... איך בין דאָך עפּעס אַ מבין אויף „בריליאַנטן". און נישט נאָר אויף בריליאַנטן, מיין פֿריינט! אין פֿיל פֿון די פֿרויען האָב איך מיך פֿאַרליבט, צו אַני־

דערע פון זיי געשטרעבט, געבענקט נאך זיי, נאר זעלטן ווען עס האט זיך עפעס איינגעגעבן, זיי פלעגן צונעמען מיין ארבעט, מיין נשמה, באצאלן, באדאנקען און צוועקגיין צו אנדערע, צו די, וועלכע האבן געצאלט פאר דעם צירונג. איך פלעג, לויט זייערע פינגער, די נשמה זייערע דערקענען, זייער געשמאק, איך פלעג עס פאראייביקן אין גאלד, אין פלאטין און אין די איידעלע שטיינער. נאך א סך יארן ארבעט בין איך געבליבן מיט א פוסטער נשמה און מיט אלץ ווייניקער חשק צו ארבעטן. איך בין געווען א קינסטלער, וואס איז אנערקענט געווארן אין זייער אן ענגן קרייז פון פאך־קענער, און דאס האט מיך נישט באפרידיקט. פון איין שטאט אין דער צווייטער בין איך געלאפן, ביז איך בין פארבליבן אין פאריז, און פונדאנען וועל איך שוין נישט אוועק...

איך האב שטארק געגלייבט, בשעת ער האט גערעדט, אז פאריז וועט ער שוין נישט פארלאזן, פארלאזן זיך אליין איז א ביסל צו שווער...

אין פאריז האט ער זיך פארלוירן... אין פאריז האט ער זיך געפונען.

ער האט פריער געלעבט אין בערלין, ווין, אנטווערפן. אומעטום בארימט געווען אלס גאלדשמיד. אין לאנדאן האט ער חתונה געהאט, געקויפט א הויז. אין לאנדאן האט מען אים נישט איינמאל איינגעלאדן אין קייזערלעכן הויף און ארבעט געגעבן. אין א שיינעם פרימארגן האט ער אבער פארלאזן ווייב, קינד און הויז. ער איז אוועק קיין פאריז, און דא גענומען לעבן מיט א לעבן פון א באהעמע.

דאס גאנצע פארמעגן זיינס האט ער אפגעשריבן אויף דעם ווייבס נאמען, און איצט שיקט ער געלט, בשעת ער פארדינט א גרעסערע סומע, נאר נישט מער ווי געלט שיקט ער איר — אלע אנדערע פעדעם איבערגעריסן. די שטאט פון די שטעט האט אים איינגעשלונגען.

ער האט דא חברים, יונגע און אלטע, נאר דער עיקר זענען די חברטעס זיינע: די פאריזער העטערעס.

דאָס פּאַריזער מיידל מיט איר שמאָלער פיגור — זי איז געוואָרן זיין פריינדין, און ער — איר חבר.

אין וואַריעטע „מולען רוזש", אין די לוסטיקע וויין־קעלערס און וויין־הייזער פון מאָנמאַרט, ער קומט דאָרט אַריין, ווי אַן איי־גענער מענטש, מען באַגריסט זיך צו אים פון אַלע זייטן. ער רופט אַן מיטן נאָמען, מען רופט אים אַן מיט זיין נאָמען. דאָ ציִען זיך צווישן „זיי" און אים הונדערטער פעדעם — גע־שיכטעס, רכילות, אַנעקדאָטן, און אָפּטמאָל לויפט־צו צו אים אַ פריילעך מיידל און שרייט אויס:

— האָסט שוין פאַריכט מיין בראָש?

און אַ צווייטע פרעגט:

— וואָס איז מיט מיין בראַנזליעט?

אַ דריטע האָט באַקומען פון אַן אויסלענדער אַ מתנה, אַ ברילאַנטן־רינגעלע, און ער, מאָסיע ברוין, מיין העלד, דאַרף עס שאַצן.

ער איז געוואָרן „זייער" יוועליר. אויב ער נעמט זיך אַמאָל צו זיין אַרבעטס געצייג, איז דאָס נאָר פאַר דעם פּאַריזער מיידל. זי זוכט שטענדיק אַ פריינט, אַ חבר, און זי שעצט אַזעלכן, וועל־כער ווערט מיט איר „פּאַן־בראַט", גלייך אויף גלייך.

פאַר זיין אַרבעט, פאַר די רינגעלעך און בראָשן, וואָס ער פאַריכט, גיסט איבער און באַפּוצט, נעמט ער בא די מיידלעך קיין געלט נישט, און זיי פאַר זייערע קושן נעמען זיי אויך קיין געלט נישט בא אים.

גלייך אויף גלייך.

— וואָס ווייסט איר? וואָס פאַרשטייט איר? אויב ס'איז פאַראַן אַ גן־עדן, איז דאָס פּאַריז, און אויב ס'איז פאַראַן אַ גיהנום, באַדאַרף מען דאָך אוודאי פריִער זיין אַ ביסל אין פּאַ־ריז.

שמייכל איך, און ער רופט זיך אָפּ אויף מיין שמייכל:

— לאַכט נישט, איך בין נישט קיין יונגעלע, הערט זיך איין! בלויע, ברוינע, גרינע, שוואַרצע אויגן, פון אַלע מינים,

שמאַלע פּיסלעך, קינדערישע בריסטלעך... נאָר אַ טויטער קען זאָגן ווערן.

איך האָב מיט אים איינגעשטימט, אַז נאָר טויטע קענען זאָגן ווערן.

און מיר האָבן ווייטער געפּלוידערט וועגן בריוו. דעמזעלבן אָוונט און אין אַ סך אַנדערע אָוונטן. ער האָט געפירט, געוויזן, וואָס דאָס איז אַזוינס פּאַריז — איך האָב זיך געלאָזט פירן, ווייל איך געהער נאָך צו די לעבעדיקע.

איך האָב ליב געהאַט מיט אים אַרומצוגיין איבער פּאַריזער גאַסן, ווייל קיין בעסערן באַגלייטער קען מען זיך נישט פאַר-שטעלן. ער קען דערציילן וועגן יעדן קוואַרטאַל, וועגן יעדער גאַס און יעדער קאַפע. נאָר זיין חסרון, שט נדיק שטעלט ער זיך אָפּ, ווייל יעדע רגע באַגעגנט ער באַקאַנטע און איבערהויפּט פרויען. אַ שמייכל, אַ וואָרט, אַ באַגריסונג, אַ קאָלאַמבור, און דאָס קען צונע-מען אַ סך שעהן.

מיט אים לעבן אַלע גוט. די באַלעבאָסטע פון זיין האָטעל, אַ יונגע שלאַנקע ברונעטין, דידאַזיקע שמייכלט צו קיינעם נישט, נאָר מיט דעם מוסיע ברוין קען זי אַפּוויצן שעהן און פּלוי-דערן.

אויסער זיין יוועליר-אַרבעט האָט ער נאָך אַ פּרנסה.

ער לעבט פון בריליאַנטן. קיין אייגענע בריליאַנטן האָט ער נישט, ער קויפט-אויף די טייערע שטיינדלעך פאַר אַנדערע, קויפט און פאַרקויפט.

מען געטרויט אים „סחורה" אויף די גרעסטע סומען, און אויף זיין מבינות פאַרלאָזט מען זיך איינגאַנצן.

ער וויל אָבער קיין סך נישט אַרבעטן, ער האָט ליב די עלעגאַנטע פוסטקייט און גאַרנישט... טוט זיך אָן מיט געשמאַק, שפּרייזט לאַנגזאַם און וואַרפט די אויגן אויף רעכטס און לינקס — קיין באַגעגענישן פעלן נישט.

יעדע באַוועגונג זיינע דערציילט, אַז ער איז היינט אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ; אויסער פּאַריז, אין אַ צווייט אָרט, איז ער אויס מענטש...

וואָס פעלט אים? וואָס דאַרף ער? ער שמייכלט צו אַנדערע און די אַנדערע שמייכלען צו אים.

אָט איז ער קראַנק געוואָרן, שוין עטלעכע טעג, ווי ער ליגט. אַ ביסל זיך צוגעקילט, היץ און קאָפּ-ווייטיק.

און זיין צימער איז טאַקע לעבעדיקער. די טיר עפנט זיך כסדר.

די „פריינט" זיינע קומען אים באַזוכן, די פּאַריזער לוסטיקע מיידלעך. אויסגעפּוצטע, שמעקנדיקע.

זיי האָבן אויסגערוימט, געמאַכט אָרדענונג אין זיין חדר. יעדע זאַך ליגט אויפן אָרט, אין צימער איז פאַראַן בלומען און פרויען. איינע צו דער צווייטער איפערט נישט. זיי דערציילן פון זייערע באַגעגענישן און איבערלעבונגען. מוסיע ברוין באַדאַרף אַלץ וויסן, מוסיע ברוין וויל אַלץ וויסן, און זיי דערציילן אַלץ, זיי פּלאַפּלען, די פּאַריזער שמעטערלינגען.

איינע פון זיי גלעט אים, ער נעמט איר האַנט און קוקט אויף אירע פינגער.

— לוסי, ווען איך וועל געזונט ווערן, וועל איך דיר שענקען אַ רינגעלע אָט אויף דעם פינגער. איך האָב אַ פּלאַן: מאַטאָווע גאָלד מיט אַ מאַטאָווע פּערעלע, אָט אַזוי, ווי די בעקלעך דיינע — און ער וויצט זיך:

— ווען יעדע פרוי זאָל מיר געבן נאָר איין פינגער, מער באַדאַרף איך נישט.

— לוסי ענטפערט:

— אַז מען גיט אַ פינגער, וויל מען די גאַנצע האַנט.

— דאָס מיין איך טאַקע...

לוסי גייט אַוועק, קומט אַ צווייטע, אַ דריטע, און אַזוי די גאַנצע צייט פון זיין קראַנק זיין, און אַז ער וועט געזונט ווערן...

דאַמאָלס וועלן זיי ווידער קומען צו זייער „פריינט".

זיי האָבן אים אָנערקענט.

דערמאַן איך זיך אָן אים, דערמאַנט זיך מיר באַלד זיין
יינגלשע פאָטאָגראַפיע אין דעם קאַפּאָטקעלע...
ווי ווייט ער איז פון יענעם פרומען שטעטל...

לאָלי.

איר פאָטער האָט עמיגרירט פון רוסישן קאַזאַ', בשעת זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין גאַנצע דריי יאָר, דאָרט איז ער געווען אַ שניידער און אין פאַריז געוואָרן אַ היטל-מאַכער.

אין שטוב האָט מען גערעדט רוסיש און געלעבט מיט די דערינערונגען פון רוסלאַנד.

לאָלי ווייסט צו דערציילן אַ סך פון דאָרטן, פונקט ווי זי וואָלט אליין אלץ איבערגעלעבט.

אויף אַ שלעכטן רוסיש דערציילט זי און באַרימט זיך, אַז איר עלטער-זיידע איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. זי רעדט פון דער וואָלגע, פונקט ווי זי וואָלט דאָרטן געכטן זיך געשפילט.

לאָלי.

אירע שוואַרצע האָר האָט זי אינגאַנצן אָפּגעשוירן, עס איז בלויז געבליבן אַ פלאַך צודעקל אויף איר קאָפּ, אַ מין צוגעוואַקסענע גלאַנציקע יאַרמלקע. די אויגן ברענען און שמייכלען. זי האָט שוואַרצע אויגן פאַר די פראַנצויזן, זי לאַכט, זי רעדט, זי רוט נישט.

זי איז אין פאַריז נישט פרעמד, פאַריז איז איר אויך נישט

פרעמד, זי ווייסט אַלע ווינקעלעך. זאָל פּאַריז זיין צען מאָל גרע־סער, וועט זי אויך וויסן אַלע ווינקעלעך, ווו מען טאַנצט, ווייל דאָס איז איר לעבן. נישט אָפּשטיין, טאַנצן, איבערשטייגן אַלע מיידלעך, טאַנצן, טאַנצן, ביז דאָס ביסל לעבן וועט זיך אויס־טאַנצן.

לאָלי האָט רויטע אָפּגעפאַרבטע ליפּן, שוין צופיל רויט, און טאַקע צוליב די צו רויטע ליפּן האָב איך זיך אַ סך מאָל פון איר אָפּגעקערט, נישט אָנגענעם געווען צו קוקן אויף איר.

זי האָט עס באַמערקט, און מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— מיט וואָס האָב איך געזינדיקט?

די פראַגע אַליין האָט מיך שוין אונטערגעקויפט. איך האָב ליב אַזאַ אָפנהאַרציקייט, און דערצו איז לאָלי נישט קיין מיאוס מיידל, ווען נישט די צו רויטע ליפּן, וואָלט איך זי שטאַרק גע־שעצט. איצט האָב איך אויסגעזאָגט דעם אמת:

— אויף מיר ווירקט שלעכט די שרייַיקייט פון אייערע רויט־געפאַרבטע ליפּן.

— אַזוי גאָר...

און זי האָט מיט דער צונג גענומען אָפּלעקן די פאַרב.

אויף מאָרגן איז זי געקומען צו איר חברטע, ווו מיר פלעגן, זיך באַגעגענען מיט בלייכערע ליפּן. מיר האָט עס אימפּאָנירט, אַזאַ צעלאָזענע און קאַפּריזנע האָט נאָכגעגעבן אַן אומבאַקאַנטן האָט נאָכגעגעבן מיין ווונטש. זי איז פאַר דעם אַליין מיר נאָענט געוואָרן... איך האָב פון איצט אָן זיך בעסער צוגעהערט, וואָס זי רעדט. אַ סך מאָל באַגלייט זי אַ היים.

געשפּרייזט מיט איר איבער גאַסן, אויף וועלכע הונדערטער פרויען שטייען און וואַרטן אויף אַ „פּאַרדינסטל".

געוויינטלעכע אייביקע בילדער פון די גרויסע שטעט. מיר קוקן זיך צו, מיר פאַרשטייען זיך שווייגנדיק, און לאָלי וואַרפט אַריין אַ פראַזע:

— אמת, דאָס געוויינטלעכסטע איז דאָס שרעקלעכ־סטע?

— דאָס שרעקלעכע איז דאָס, וואָס יעדע פרוי האָט די מעג־לעכקייט צו הערן אוי געלאַסן.

זי דערלאַנגט אַ ציטער אונטער מיין אָרעם, און וויפיל איך בעט נישט, זי וויל נישט דערציילן, פאַרוואָס זי האָט באַ מיין פראַזע אַזאַ ציטער געגעבן.

אין טעג אַרום דערמאַן איך עס און פרעג און פאָרש, זי שאָקלט זיך אָפּ: „גאָרנישט".

אַזוי זעט עס אויס, אַ פלאַך מיידל, אַ שיין מיידל מיט אַלע מאַניערן פון די טאַנצנדיקע מיידלעך, זי איז מער פאַריזערין, ווי די געבוירענע אין פאַריז. איר פאָטער איז היינט רייך געוואָרן, און ער גיט גענוג געלד אויף קליידער... קליידער גייט זי אַ סך.

און דאָך איז זי אַ ביסל אַנדערש, ווי די היגע מיידלעך, זי האָט ליב צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס גייען ווייטער פון מאָדע-סאַ־לאָן.

זי רעדט וועגן באָדלערן:

— אויב שוין ליב האָבן פּאָעזיע, מוז דאָס זיין אַזעלכעס, וואָס זאָל אַ נעם טאָן. באָדלער מיט זיינע לידער פון פאַריז איז נישט דער פּאָעט פון נעכטן. לייענט איבער זיינע „בלומען פון שלעכטס" און גייט גרויס באַנאַכט איבער פאַריז, דאַמאָלס זעט איר באָדלערס געשטאַלטן. וועגן יעדע קלייניקייט האָט זי ליב צו רעדן:

— איר מיינט, אַז די היינטיקע פרוי וועט זיך אומקערן צו־ריק צו די לאַנגע האָר, איר האָט אַ טעות, די קורצע האָר דאָס איז נישט קיין מאָדע, דאָס איז אַ נויטווענדיקייט פון דער צייט. אמת, איך אַרבעט נישט, אָבער מיינע חברטעס, וועלכע זענען באַ־שעפטיקט אין פאַרשידענע פאַריזער ביוראָס, זיי זאָגן, אַז מיט די לאַנגע האָר וואָלטן זיי קיינמאָל נישט געקומען צו דער אַרבעט אין דער צייט. טויזנטער פרויען האָבן פשוט קיין צייט נישט זיך צו פאַרנעמען מיט זייערע האָר, דעריבער חלומט שוין נישט מער פון קיין „גאָלדענע לאָקן" — אויס.

אָדער זי רעדט וועגן פרוי און מאַן:

— אונדזער לאגע, די לאגע פון דער פרוי, זעט מיר איצט אויס אינטערעסאנטער, נייגיריקער, ווי די לאגע פון די מענער. איר האט שוין א געשטאלט — מיר פארמירן זיך. איר האט א געווער אין קאמף פארן טאג, מיר זוכן איצט אזא געווער, איר שטייט פעסט אויף דער ערד מיט אנגעצייכנטע צילן, מיר בלאנדזשען נאך, עס איז אינטערעסאנט צו בלאנדזשען.

— אבער פארוואס האט איר דאמאלס א ציטער געטון? איר ווייסט שוין וועגן וואס איך רעד.

— איר ווילט עס שטארק וויסן...

— יא, קלייניקייטן נייגערן.

— ס'איז גארנישט קיין קלייניקייט...

דעם שאפער האבן מיר געבעטן ער זאל פארן לאנגזאם, און אין אויטאמאביל האט זי לאנגזאם גערעדט, דערציילט א לאנגע געשיכטע. זי האט ליב געהאט א פראנצויז, א מענטש מיט בילדונג און וויסן, נאר אן אינטעליגענטער אפאש. א טיפ פון גע-מיש. זיין מוטער איז געווען א הישפאנערין.

ער איז געווען קלוג און דרייסט, האט זיך אבער שטענדיק גענויטיקט אין געלט. ער האט איר איינגערעדט, אז זי פלעגט גנבענען באם טאטן, גנבענען און אים אוועקגעבן. צום ערשט האט זי פון דעם געליטן און דערנאך זיך צוגעוווינט: פאר איר אנרי וועט זי אלץ טון...

„אלץ".

זי האט אויפגעהערט צו רעדן און ארויסגעקוקט פון דער טעקסי. ארום האב זיך געגליטשט הונדערטער אזעלכע פירקאנטי-קע שראנקען, וועלכע האבן באהאלטן הונדערטער פנימער פון פרויען, וואס נארן, מענער, וואס נארן.

אינטריגעס, פאלש און באטרוג קייטלט דאס פילפארביקע לעבן. דער שקר טריאומפירט און וועט אייביק טריאומפירן...

לאַלי מיט די רויטע ליפּן. לאַלי, וואָס גייט באַנאַכט אַרום טאַנצן פון איין לאָקאַל אין דעם צווייטן, זי האָט איצט גערעדט מיט אַ ביטערן טרויער וועגן דעם גרויסן גנעץ, וואָס הייסט פּאַריז. אַ געמיש פון יידישער ערנסטקייט און רוסישן פּראַקטעסט האָט אָפּגעקלונגען אין איר יעדן וואָרט. זינט איך בין נישט געווען אימשטאַנד אויפצונעמען אַלע אירע ווערטער, זי האָט גענומען רעדן פון זייטיקע זאַכן, און מיך האָט אינטערעסירט איר אַנרי, איר געליבטער.

— וואָס איז געוואָרן מיט „אים"?

— ניין, לאָזט אָפּ אַ רגע! גיט בעסער אַ קוק דורכן פענסטערל, פאַרן אויג איז דאָס זייער שיין, דאָס בילד פון בולאָנער וואַלד באַנאַכט.

איך האָב געקוקט און דורכגעלעבט אַ געהיימען ציטער פון דער גרויסער שטומער באַוועגונג. הונדערטער אויטאָמאָבילן, עלעגאַנטע שוואַרצע קאַסטנס, שטום-שווייגנדיקע שאָפערס. אַלץ אַרום איז שטיל, צווישן די ביימער לייכטן שווייגנדיקע לאָמפּן... און אין די קליינע קאַיוטעלעך דערנענטערן זיך צופעליק באַקאַנטגעוואָרענע מאַן און פרוי, באַוועגלעכע האָטעלן, שלאָפצימערס.

אין איינע לאַנגזאַמען אויטאָמאָביל האָבן מיר ביידע באַמערקט אַ פּאַוזע... אַזוי, אַז איך האָב באַלד געמוזט איבעררייסן מיין שווייגן און געפרעגט האָב איך צום צווייטן מאָל די זעלבע פראַגע:

— און וואָס איז געוואָרן מיט אים?

זי האָט שמייכלענדיק געענטפערט, אין רעדן געוואָרן אַלץ ערנסטער.

איינמאָל האָט ער מיך באַקאַנט מיט זיינעם אַ חבר, אַ רייכן אינזשעניער, מיט אַ בלאָנד בערדל, מיט גרויע אויגן. אַ קלוג פּנים פון אַ סאַטיר.

אַנרי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער מוז אַוועקגיין. ער האָט אונדז געלאָזט אַליין, איינמאָל אַזוי, צוויי מאָל, דריי מאָל. וואָס קומט דאָ פאַר?

דער אינזשעניער לאַדט מיך איין אין די רייכסטע רעסטאָ-

ער האָט זיך אַ קלאַפּ געגעבן אין האַרץ אַריין.

— יאָ, באַשטימט...

מיר זענען געפאָרן אויף אַ בריק איבער דעם סיין, איך האָב אַרויסגעקוקט: איינגעצוילמט אין בעטאָן איז דאָס וואַסער לאַנגזאַם געקראָכן און נישט מיטגעשלעפּט דעם אָפּגלאַנץ פון די עלעקטרישע לאָמפּן.

איך האָב געהייסן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן.

— מוסיע! — האָב איך מיך געווענדעט צום אינזשיניער, — איר זענט גרייט אויף אַ מוטיקן טריט...

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ...

— גייט אַרויס פון אויטאָ.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און האָלב מיט שמייכל, האָלב פאַרווּנדערט געקוקט אויף מיר.

— שפּרינגט אַריין אין וואַסער, וועט אויף דער ערד זיין מיט אַ חזיר ווייניקער.

ער איז געוואָרן צעטומלט, און איך האָב דערווייל געהייסן דעם שאָפער פאָרן.

איצט נאָכן דערציילן פרעגט זי בײַ מיר:

— וואָס זענט איר אַזוי איבעראַשט? פאַריז האָט טויזנטער אַזעלכע פאַקטן און געשיכטעס. עס קרענקט אָבער, וואָס דאָס האָט פּאַסירט מיט מיר... ווייל, ווייל דאָ קלאַפּט אַ האַרץ, זי האָט אָנגעוויזן אויף איר ברוסט...

אין איין אויג איז בײַ איר געשטאַנען אַ טרער, אַן אמתע מענטשלעכע טרער, און אין דעם צווייטן אויג האָט אַ בליק געטון אַ שטראַל:

— איר האָט שלעכט געטון, וואָס איר האָט מיך געבעטן צו דערציילן, גענוג וועט זיין! זי האָט גענומען לאַכן און וויצלען זיך, געוואָלט זיך אַרויסטרייבן פון זיך אַליין.

און דאַכט זיך, אַז דאָס האָט זיך איר איינגעגעבן. אין אַ שעה אַרום האָבן מיר ביידע געטאַנצט אין „פּאַנטאַוי" אויף מאָנמאַרט.

ראַנען, וואַרפט מיט געלט — אַנריס אַ געטרייער חבר, טראַכט איך...

נאָר פאַרוואָס גלעט ער אַזוי מיינע הענט און וואָס וויל ער טון? קושן מיינע ליפּן? אַנריס ליפּן...

איך זידל אים האַלב־פריינטלעך, האַלב־בייז, און דערביי זאָג איך:

ווען אַנרי זאָל דאָס וויסן...

נעמט דער סאַטיר לאַכן אין טעקסי, ער נעמט לאַכן, און דערביי רעדט פון אים אַרויס דער ווין, וואָס ער האָט נאָר וואָס אויסגעטרונקען אין רעסטאָ־אַן:

— אַנרי ווייסט, ער ווייסט אַלץ. ער באַדאַרף נישט דיינע ליפּן, ער באַדאַרף געלט...

איצט, פון איין וואָרט, פון איין האַלב וואָרט האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. צוויי נידערטרעכטיקע מענטשן האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך. איינער האָט דעם צווייטן פאַרקויפט מיין קערפּער, אַ טראַנזאַקציע געמאַכט אונטער מיינע אויגן...

זי איז שוויגעדיקער געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און גערעדט, ווי צו זיך אַליין:

— איך בין גאָרנישט אַזאַ כשרע מאַדאָנע, איך קען אָבער מוחל זיין זינד, נאָר נישט פאַרברעכן. די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב געטון אין יענער רגע, איך האָב זיך אַליין אָפּגענאַרט, אָנגעכאַפּט אָן אַ שטרויעלע און באַשלאָסן, אַז דאָס איז אַ מיאוסער בלבול אויף מיין אַנרי... נישט מער, ווי אַ בלבול, כאָטש איך האָב מיט אַלע חושים געפילט, אַז איך נאַר מיך... אַ נאַרישע רעטונג.

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן, און מיין שווייגן האָט געווירקט אויף דעם אינזשנער מער, ווי אַלע ווערטער און פּראָטעסטן, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען זיך פאַרענטפערן:

— אַנרי איז אַ פאַרדאָרבענער מענטש, ער איז אָבער אַנדערש, ער איז גרייט אויף שענערס, אויף בעסערס.

— יאָ? — האָב איך געפרעגט. — איר זענט נאָך פעיק צו טון עפּעס אַ רעכטן טריט אין לעבן.

אויף דעם גלאַנציקן און גליטשיקן פּאַרקעט האָבן זיך געשפּיגלט און געשאַרט הונדערטער פיס און שלאַנקע פּיס־ליך...

פליסיקער פאַר אַלע האָט געטאַנצט לאַלי.

אַ שטילע דראַמע.

אַנגעהויבן האָט זיך עס אין אַ שווערער יעשען-נאַכט, ווען עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז די איינזאַמקייט און ליידיקייט פון די גרויסע תפיסות איז אַרויס אין גאַס אַריין, אין גאַס, אין געסל, אין פעלד און אין גאָרטן. דער עלנט פון בית-עולם בלאָנדזשעט אַרום צווישן די, וואָס לעבן נאָך און ווילן לעבן.

אין אַ נאַכט, וואָס שלינגט איין אַלע פריערדיקע ליכטיקע טעג, אַלע זוניקע חדשים פון זומער, ווען גלויבן און האָפנונג שטאַרבט אָפּ. יעדער טריט איז געשמידט פון ווילנלאָזיקייט, יעדער בליק — יאוש. פילסט דאַמאָלס אַ נאָנטקייט צום הונט, וואָס טוליעט זיך לעבן דער וואַנט, און ווען דו פרווווסט זיך דערנענטערן צו אים — אַנטלויפט ער דער כלב — ער וויל דיך נישט קענען, צי ער האָט מורא פאַר דיר. קענסט נישט דערגיין, ווער עס יאָמערט: דער ווינט, צי דיין מאַכטלאָזע נשמה...

אין אַזאַ נאַכט האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן אַ וואָרעם ווינקל. א מ דנע ג פיל: ער האָט זיך דערפילט עלנט, ווי אַ הונט. פריער איז בּאַ אים גאָרנישט געווען אַזאַ נעבעכדיק געפיל... וואָס איז דאָס? די פיס ברעכן זיך אונטער, אין קאָפּ קלינגט און

242

דאָס האַרץ שפּרינגט עפּעס, ווי אַ קאַליע געוואָרענער זייגער... אַהין און אַהער.

אויף דער נאָנטסטער גאַס וווינט אַ נאָנטער פריינט זיינער, די סטודענטין דאָראַ העפנער. זי איז אַ ווויל מיידל, אָבער שוין אַ ביסל איבערגעבליט. זי איז אַ גוטע, זי באַקומט מער געלט, ווי אַלע חבר׳טעס פון דערהיים, זי טיילט זיך מיט זיי גלייך אויף גלייך.

צו דאָראַן איז גוט אַריינצוגיין. עס איז גוט בא איר צו זיצן אַזוי לאַנג ביז דו דערפילסט ישט... אַז זי באַדאַרף שוין אַ חתן, אַז... זי וואָלט זיך וועלן פאַרליבן.

און פאַרוואָס נישט? ריין איז זי, מיאוס אויך נישט, געבילדעט און אינטעליגענט. נאָר צו ליבע קומט עס נישט, עס פעלט איר אָט יענער ביסעלע חן, וואָס מאַכט גליקלעך אַ סך נאַרישע און פּוסטע מיידלעך. און אַזוי איז דאָס שוין געוואָרן פון זיך אַליין: צו דאָראַן קומט מען זיך אָפּרוען און אָפּט אויסרעדן, נאָר פאַרליבן זיך קען מען אין אַנדערע.

איצט, אין דער באַטער יעשען-נאַכט, ווען איסאַק, דער שטענדיק-לוסטיקער עקסטערנער, האָט זיך געשלעפּט נישט מיט זיינע פיס איבער די גאַסן, האָט ער זיך דערמאָנט, און עס האָט אים אַ צי געטון צו דאָראַ העפנער.

עס איז געווען נישט ווייט, פאַרבייצוגיין עטלעכע הייזער, און ער וועט זיך געפינען אין אַ וואַרעמען ליכטיקן חדר, און די גרויסע ליידיקע גאַס וועט בלייבן אַליין מיט איר פוסטן אומעט, מיט איר האַלבן חושך, וואָס זוכט זיך, ווו צו באַהאַלטן, און פריער ווי אַלץ קריכט ער אין מענטשנס נשמה.

אָנגעקלאַפּט און אַריין. זי איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט דעם גוטן שמייכל, מיט אַ גרויסער צופרידנקייט, וואָס אין אַזאַ נאַכט האָט דאָך ווער פאַרבלאָנדזשעט צו איר. ווען זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, האָט זי אויפגעציטערט און אויסגעשריגן:

— איר ברענט דאָך, איסאַק, איר האָט היץ, איר זענט קראַנק.

— יאָ, עפּעס פיל איך זיך נישט גוט.

איצט האָט זי אים געזוויער באַטראַכט. די אויגן זיינע, וואָס האָבן אויפגעמונטערט שטענדיק געפינקלט, זענען איצט געשטאַנען אויף איין אָרט, אויף די ליפּן האָט ער זיך געסטאַרעט אַרויסצו־צוזן אַ שמייכל.

— לייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע, איך וועל אַריין צו מיינע באַלעבאַטים בּאָרגן אַ טערמאָמעטר.

זי איז באַלד געקומען צוריק, און געמאָסטן די היץ בּאַ דעם עקסטערנעם.

— מיט ניין און דרייסיק גראַט גייט איר אַרום, משוגע־נער, איר וועט דאָ נעבטיקן, דאָ אויף דעם אָרט...

ער האָט זיך געאַמפּערט:

— נאַרישקייטן, בּאַ מיר טרעפט עס אָפט, ווער קוקט אויף אַזעלכע קלייניקייטן.

—ס'איז נישט קיין קלייניקייט און דאָס טרעפט נישט אָפט... איר זענט ערנסט קראַנק...

ער האָט געפּרוּווט זאָגן וויצן, לאַכן, נאָר באַלד איז ער געוואָרן מיד, כאָטש ער האָט נאָך געשמאַמלט:

— אונדזער טיפּ, מעג עס זיין אַן עקסטערנער אַפילו, אונד־זער טיפּ איז אַ באָסיאַק, און באָסיאַקעס קרענקען נישט.

דאָס מאָל האָט ער זיך אָפּגענאַרט. ער האָט יאָ געקרענקט און זייער לאַנג.

העכער אַ חודש איז ער אָפּגעלעגן בּאַ איר אין צימערל. ס'איז געווען אַ טיפוס, זי האָט געקעמפט מיט זיין מלאך־המות זי האָט געקעמפט מיט אירע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט קיין קראַנקן בּאַ זיך אין שטוב, זי האָט געקעמפט מיט באַלי יי, וועלכע האָט אים געוואָלט צונעמען אין שטאָטישן שפּיטאָל...

און זי האָט אויסגעפירט.

ער איז געבליבן בּאַ איר, איבערגעקרענקט די שווערסטע טעג. זי האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זי ראַטעוועט אַ מענטש. זי האָט געציטערט פאַר זיין געזונט, האָט געפייניקט די דאָקטוי־רים, אינמיטן דער נאַכט פלעגט זי לויפן נאָך זיי, פלעגט אַליין אָנפילן דעם פעכער מיט אייז און אַליין צולייגן צו זיין ברע־

בענדיקן קאָפּ, און געקוקט אויף אים מיט שרעקנדיקע אויגן, זי האָט געהאַט פיל מאָל אַ געפיל, אַז זי ראַנגלט זיך מיטן טויט, וועלכער קריכט צו איר צימער.

און זי האָט געזיגט.

אין איר צימער, בײַ איר אויף די הענט איז ער געזונט געוואָרן. אַן אָפּגעשוואַכטער, ווי אַ פויגל אָן פֿליגל, איז ער איצט געווען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: אויף די פענסטער האָט זיך שוין געצויגן אַ דין הייטל פון פראָסט...

איצט איז שוין ווינטער. ווייסער ווינטער. ס'איז אַזוי ליב צו קוקן אויף דער גרויסער ווייסער וועלט, אויף די דעכער, וואָס דעקן זיך איין אין ווייסע קאָלדרעס, אַלץ איז גוט, די גאַנצע וועלט איז שטענדיק פול מיט שיינקייט. עס ווילט זיך לעבן און געניסן, פרייען זיך מיט אַלץ.

ווען איז ער אַהער געקומען? דאַמאָלס, ווען אויף די גאַסן האָט דער האַרבסט געבערודיקט דאָס לעבן מיט זיינע פּסדרדיקע רעגנס, וועלכער גוטער מלאך האָט אים דאָ געבראַכט צו דער גוטער דאָראַ. זי האָט אים דאָך געראַטעוועט, און מיט אַזוי פיל איינגעשפּאַרטקייט, מיט אַזוי פיל מסירת-נפש...

— דאָראַ!

זי קוקט אויף אים, זי וואַרט אויף זיין פאַרלאַנג.

און ער רעדט:

— איך האָב שטענדיק געלאַכט פון די גוטע מענטשן. איך האָב אָנערקענט דעם ערנסטן עגאָיזם, דעם שאַרפסטן... איצט ליג איך דאָ, און מיין נשמה פילט אַ גרויסן יום-טוב. דאָס האָט איר מיר געבראַכט אַזאַ יום-טוב, דאָראַ! איר אַליין. וויפיל שוועריגדיקע נעכט זענט איר דאָ אַליין אָפּגעזעסן לעבן מיר מיט די רפואות, מיט דעם פענכער אייז... פאַר וועמען? צוליב וועמען האָט איר דאָס געטון? ווער בין איך אייך? נאָר אייך איז געגאַנגען צו ראַטעווען אַ מענטשנס לעבן... אַ מענטשנס לעבן איז אַ טייערע זאַך, די טייערסטע, די הייליקסטע זאַך אויף דער ערד.

— לויבט מיך קיין סך נישט, דאָס קען מיר נאָך שאַדן,

און רעדט נישט קיין סך, ווייל דאָס קען אייך שאַדן, איר זענט נאָך זייער שוואַך.

זי האָט אים די האַנט אַרויפגעלייגט אויף די ליפּן און צוגעשלאָסן זיין מויל, האָט ער גערעדט מיט די אויגן, געדאַנקט מיט די בליקן.

אַ מענטש האָט זיך אויפגעכאַפּט צום לעבן, אַ מענטש האָט זיך געפרייט.

טעג זענען אַוועק, וואָכן, ער איז פאָלקאָם געזונט געוואָרן. דערביי זענען די חברים געוווּיר געוואָרן, אַז צווישן איסאַקן און דאָראַן איז „אַוועק" אַ ליבע.

פרעמדע האָבן פאַרשטאַנען, אַז פון איסאַקן איז דאָ פאַרמישט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט. זי האָט אים דאָס לעבן געראַטעוועט, זי האָט פאַר אים אַזוי פיל געטון.

נאָר דיזעלבע פרעמדע מענטשן, געציילטע פון זיי, האָבן איצט באַמערקט אויף איסאַקס פּנים אַ מאָדנע אויסדרוק, זיין גאַנצע פריילעכקייט איז אַוועק, זיינע באַוועגונגען זענען פאַראַליזירט געוואָרן, פונקט ווי עס פייניקט זיך אינעווייניק, דאַכט זיך, אַז עס שעמט זיך פאַר ווער, צי פאַר זיך אַליין, עס איז אים עפּעס אומאָנגענעם.

אין אַ צייט שפּעטער, ווען דער פרילינג איז שוין אָנגעקומען, איז ער געוואָרן אינגאַנצן מעלאַנכאָליש. אַ חבר האָט אים געפרעגט:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, איסאַק?!

— ווּעסט מיך נישט פאַרשטיין...

— אפשר יאָ...

און די צוויי זענען אַוועק אין שטאָט־גאָרטן. איסאַק האָט אויסגערעדט זיין האַרץ.

— איך האָב זי נישט ליב, דאָראַן, ס'איז איינע פון די גרעסטע ליגנס, אַ זינדיקער ליגנט... איך האָב זי נישט ליב, דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער געפיל. דאַנקבאַרקייט, מענטשלעכקייט, אָנערקענונג, אַלץ, וואָס דו ווילסט, נאָר נישט קיין ליבע. זי איז די בעסטע, די ערלעכסטע, נאָר וואָס זאָל איך טון, בשעת איך בין

שטעדיק קאַלט צו איר, און מיין גאַנץ האַלטן זיך מיט איר איז אַ גרויסער שווערער „מוז". איך האָב זיך באַנאַ ישט, און פאַר דער נאַרישקייט בין איך איצט אויף קאַטאָרגע...

וואָס קעלטער איך ווער צו איר, אַלץ מער ליגט זאָג איך. איך רוף זי נישט „דאָרא", נאָר „דאָרעטשקע". נאָר גלייב מיר, פאַר יעדע „דאָרעטשקע" בין איך מיר גרייט אָנצושפייען אין פנים אַריין.

דער חבר האָט געעפנט ברייט די אויגן.

— דערפאַר ביסטו אויס איסאַק. ברודערקע, מאַך אַ סוף. עס וועט פאַר דיר און פאַר איר זיין גלייכער, אַנדערש וועט איר זיך אויף טויט פאַרפייניקן.

איסאַק האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווי אָן אַ שטרוי:

— יאָ, אַ סוף, און וואָס גיכער, איך וועל משוגע ווערן, איך וויל צוריק זיין „איך", איך וויל נישט זיין געפּענטעט.

— אָבער, דו וועסט זיין אַ „מענטש"? — האָט דער חבר געפרעגט.

— איצטער יאָ... דו האָסט מיך געראַטעוועט, איך האָב אַליין זיך נישט געקענט באַשליסן, מוט האָט מיר געפעלט.

אויף מאָרגן אין דעמזעלבן גאָרטן איז אויף אַ באַנק גע־זעסן דאָרא, און לעבן איר איז געשטאַנען איסאַק. ער האָט גע־רעדט און זי האָט געשוויגן. די טיפסטע אַרגומענטן האָט ער גע־בראַכט, און זי האָט זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגערופן.

— פאַרשטייט מיך, דאָס וואָלט דאָך געווען אַן אייביקער ליגנט.

זי האָט אַריינגערוקט אירע בליקן ערגעץ דאָרט, צווישן די יונגע צווייגן. געציילטע טרערן זענען געפאַלן פון אירע אויגן, נאָר קיין וואָרט האָט זי נישט אַרויסגערעדט.

— גיב מיר די האַנט — האָט איסאַק געבעטן.

זי האָט שווייגנדיק דערלאַנגט די האַנט אירע, ער האָט זי געדריקט און גענומען האַסטיק לויפן פון גאָרטן.

וואָס טוט זיך מיט אים? ער איז דאָך געווען אַ „מענטש", געהאַנדלט, ווי דאָס האַרץ האָט אים אונטערגעזאָגט, און איצט...

דערטרינקען איז ער זיך גרייט, אָנשפּייען זיך אַליין אין פּנים. ער שעמט זיך פאַר זיך, פאַר מענטשן, פאַר דער גאַנצער וועלט... מיאוס, מיאוס, טויזנט מאָל מיאוס...

שפּעטער האָט ער באַגעגנט דעם זעלבן חבר.

— נו? — האָט יענער געפרעגט.

איסאַק איז געווען צעבראָכן און קליין באַ זיך.

— הער זיך איין, איך האָב גערעדט מיט קאָפּ און מיט האַרץ, גערעדט מיט בלוט צו איר, און זי האָט געשוויגן. הער זיך איין, מיט איר שווייגן האָט זי מיך טויזנט מאָל מער איבערצייגט, ווי איך זי מיט מיינע ווערטער.

— און וואָס האָט זי דיך איבערצייגט?

— אַז איך בין באַגאַנגען די גרעסטע זינד. זי מיינע ווערטער וועט נישט געדענקען, איך וועל אָבער נישט פאַרגעסן איר שווייגן, קיינמאָל נישט.

ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעזעגנט און געלאָפן ווייטער, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים געיאָגן...

איבערגעקומען.

אַ קאָפּ מיט ווייסע האָר טראָגט זי. דעם ערשטן איינדרוק האָסטו, אַז די פרוי האָט אָנגעטון אַ ווייס שייטל... נאָר באַם צווייטן בליק אויף איר, איבערצייגסטו זיך, אַז דער קאָפּ איז גרוי פון יאָרן, כאָטש דאָס פּנים איז פריש, די ליכטיקע אויגן באַשטראַלן די דינע קנייטשן פון איר געזיכט. איר קערפּער איז נאָך שלאַנק. ער פאַרמאָגט נישט יענעם צוזוקס פון דער אַלטקייט, וואָס מאַכט דעם מענטש שווער און אומבאַוועגלעך.

איינער האָט זיך וועגן איר אָנגערופן:

— אַזאַ שיינע עלטער קומט פון אַ שיין לעבן...

ס'קען זיין...

צו איר אין שטוב קומען אַ סך יונגעלייט און יונגע מיידלעך, סטודענטן, קינסטלער. מיט דעם עלטערן דור חברט זי זיך נישט. דאָס מאַכט זיך אַליין פון זיך אַליין, נישט זי פאַרבעט צו זיך און נישט זי טרייבט וועמען אַרויס, ס'איז באַ איר אַן אָפענע טיר, עטלעכע שיינע צימערן מיט געשמאַק צוגעפּוצט... עס ציט אַהער, ווי אין אַ הייסן זומער־טאָג ציט אונטערן געדיכטן שאָטן פון אַן אַלטן בוים.

מיט איר קען מען רעדן וועגן אַלץ. וועגן אַנרי בערגסאָן

און וועגן די מאָדעס פון פערציק יאָר צוריק, מיט איר קען מען דיספוטירן וועגן מאַן און פרוי, וועגן ליבע און אייפערזוכט . .

זי איז אין די געדאַנקען אירע זייער פריי. פרייער פאַר די יונגע היציקע קעפ, נאָר אַלע אירע געדאַנקען רעדט זי אַרויס ער־לעך, באַטראַכט, מיט אַ ווירדיקע זיכערקייט.

און צו דעם אַלעם קומט צו דער שיינער דרך־ארץ, וואָס אַלע האָבן צו איר. מען הערט זי אויס, מען פילט פון יעדן וואָרט, אַז אַ מענטש נאַרט זיך נישט און וויל נישט נאַרן.

— הערט זיך איין, קינדער! מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, אין הונדערט יאָר אַרום, וועט מען פון אונדזער דור זייער לאַכן, שטאַרק לאַכן פון אונדזערע געזעצן און פון אונ־דזערע סענטימענטן, מען וועט זאָגן: אין דער צייט פון עלעק־טריע און ראַדיאָ, אין דער צייט, ווען אין מענטשנס מאַרך איז אַריין די געטלעכקייט פון ערפינדונג, איז דער מענטש אַליין גע־בליבן פּרימיטיוו און נאַריש...

— אין וועלכער הינזיכט, מאַדאַם?

— אין דער וויכטיקסטער הינזיכט... איר האָט דאָך נאָך היינט אַזעלכע מיידלעך, וועלכע לעבן אָפּ זייער לעבן און פאַרזוכן נישט פון ליבע, דערפאַר, ווייל עס האָט זיך נישט געפונען קיין בעלן, וועלכער וואָלט זיי וועלן אָנטון אַ קידושין־רינג.

— אָבער די פרייהייט קאָסט אָפּט צו טייער...

— און פאַרשקלאַפונג קאָסט דאָך אַלץ, עס בלייבט גאָר־נישט.

זי וואַרפט אַריין אַ וואָרט, די יוגנט צינדט זיך אָן, מען וואַרפט אַרגומענטן, פאַקעלן צינדן זיך אָן און פאַרלעשן זיך, מען אָפּערירט מיט פאַקטן, מען פאַרופט זיך אויף אויטאָריטעטן, זי, די אַלטע, בלייבט רויק אפילו דאַמאָלס, ווען עמעצער איז נישט איבעריק טאַקטיש. זי איז מוחל: רויק איז דער, וועמעס איז גערעכט...

— אָפּלעבן אַ לעבן, זאָגט זי, און יעדן טאָג אַ ביסל זיך צוקוקן צום לעבן, יעדן טאָג אַ ביסעלע קלערן, איבערקלערן,

צו וויפֿל ס׳בן א ביסל פּאקן און אָפּשאצן, און צום סוף פֿון די יאָרן געמאַכט דעם סך־הכּל און איבערגעבן דאָס פֿאַר אַנדערע...

— און אַז די אַנדערע מאַכן אַנדערע חשבונות...

— גוט, גאַנץ גוט, זאָל יעדערער זיין זעלבסטשטענדיק, אָבער מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז דער „נעכטן" איז אויך געווען אַ „היינט". דער עלטער ווערן איז טייער מיט דעם, וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אים אָנגעשטעלט פֿאַר אונדז — קיינער טאָר אים נישט אויסגיסן.

זי לאָזט נישט באַליידיקן דעם נעכטן.

און זי האַלט פֿון „היינט". מען באַדאַרף דערצו זיין שטענדיק פֿריי אינערלעך, זיין אויפֿריכטיק צו זיך אַליין, דעמאָלט וועט ווייניקער שלעכטס זיין אויף דער וועלט.

זי פֿאַרטיידיקט שטענדיק די פֿרויען, וועלכע זענען צוליבע אריינגעפֿאַלן אין שאַנד, זי האָט אירע אַרגומענטן. זי וויל ניט באַרעכטיקן די געזעצן, וועלכע טוען אָן קייטן אויף דעם לעבעדיקן קערפּער פֿון דער נאַטור.

זי פּראָטעסטירט. ווען די וועלט זאָל זיך צוהערן צו אירע פּראָטעסטן, וואָלט די וועלט אַן אַנדערע געווען. נאָר די גאַס טומלט אויף דעם גאַס־שטייגער און מענטש לעבן נישט ווי זיי ווילן, נאָר ווי אַנדערע לעבן. איינער קוקט אויפֿן צווייטן, דער צווייטער קוקט אויפֿן דריטן. מען כאַפּט אַרויס פֿראַגמענטן פֿון פֿרעמדע ווערק, מען פֿלאָנטערט זיך אין פֿרעמדע ווידערשפּרוכן, מען טרעט די אָנגענומענע געזעצן מיט די פֿיס, נאָר פֿאַר דער אויסערלעכקייט ווייזט מען זיך שטענדיק פֿרום, — איך — איך האָב נישט געזינדיקט.

אַ סך מאָל פֿאַראינטערעסירט די אַלטע, זי מיט אירע פֿרייע געדאַנקען...

זי אַליין... ווי האָט זי אָפּגעלעבט איר לעבן?

די האָר זענען פֿון ריינעם שניי, די אויגן ערלעך און גוטמוטיק... אָבער זי איז דאָך געווען יונג און פֿריי אין אירע געדאַנקען — דאָס לעבן האָט דאָך גענוג רייץ... איז זי קיינמאָל

נישט אַריינג פאַלן אין נעץ פון לעבנס-רייץ. עס איז דאָך לייכט צו שפּילן זיך אין פרומקייט, עס איז לייכט צו פּרעדיקן דאָס פּרייסטע, דאַמאַלס, ווען אַליין קענסטו שוין אויסקומען אָן דעם.

איר מאַן איז שוין לאַנג געשטאָרבן, איין זון האָט זי. יענער איז אַ פּראָפעסאָר אין ער שווייץ. דאָס איז אַלץ, וואָס מען ווייסט פון איר פאַמיליען-לעבן.

אָבער געוויער ווילט זיך וויסן ווי האָט זי אָפּגעלעבט אירע יאָרן. אויף דער וואַנט הענגט אַ גרויסע פּאָרטרעט פון איר מאַן, אַ פּאָר קלוגע אויגן באַטראַכטן דעם עולם, פּונקט, ווי ער וואָלט קוקן פון יענער וועלט.

די אַלטע רופט זיך אָן:

— ער איז געווען זייער קלוג...

און עס געפינט זיך אַ דרייסטער יונגערמאַן, אַ סטודענט, און ער פרעגט:

— נו, און זיין קלוגשאַפט האָט אים געהאָלפן? — די פרוי מיטן ווייסן ש"נעם קאָפּ פאַרשטייט די פראַגע, זי דערלאַנגט אַ שמייכל.

— איר ווילט וויסן, צי איך האָב אים געגאַרט, צי איך בין אים געבליבן טריי?

עטלעכע פון די געסט פּראָטעסטירן און פאַלן-אָן אויף דעם סטודענט, וואָס ער קריכט אַזוי אַריין אין אַ פרעמדער נשמה מיט זיין פראַגע.

אָבער זי פאַרטיידיקט אים:

— ער איז גערעכט און האָט רעכט צו פרעגן אַזעלכע פראַגן. איך פרעדיק פרייהייט, קומט אַ מענטש און פרעגט מיך, צי איך בין אַליין פריי... ער איז פאָלקום גערעכט און איך וועל געננו אייך ענטפערן.

זי טראַכט נאָך אַ רגע, זי וויל, דאַכט זיך, אויספירן, אַז אירע געדאַנקען זאָלן אויסקומען קלאָר, דייטלעך, פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען.

איצט ערשט ווערן אַלע נייגיריק:

— דערציילט!

און די פרוי רעדט רויק:

— מיין מאַנס קלוגשאַפט האָט דאָ גאָרנישט צו זאָגן. ווען איך וואָלט וועלן זיין אַנדערש, וואָלט איך עס געווען, ער איז געווען פאַרליבט אין מיר, און אַ פאַרליבטער איז בלינד, אַ בלינדן איז לייכט צו נאַרן...

— און איר זענט דאָך אויך געווען פאַרליבט אין אים?

— ניין, אַ גאַנץ לעבן ליב האָבן איינעם, — פאַר מיין כאַראַקטער איז דאָס נישט צוגעפּאַסט. מען ווערט דאָך אויך דערעסן, עס מעג זיין פון בעסטן מאַטעריאַל...

— זענט איר נישט געבליבן געטריי?

— אים בין איך געבליבן געטריי, זיך — נישט...

— וואָס הייסט?

— ווייל עס זענען געווען בא מיר מאָמענטן, ווען מיין האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן, ווייל עס זענען געווען בא מיר חדשים, ווען מיין גאַנצע נשמה האָט געלעבט מיט אַנדערע געפילן. און מיט מיין „געזעצלעכן" מאַן האָבן די געפילן קיין שום פאַרבינדונג נישט געהאַט. ער איז מיר געווען פרעמד, ווי די טויזנטער אַנדערע מענער. נאָר דער איינער פרעמדער האָט געהאַט רעכט אויף מיין נאַנטקייט, אויף מיין נשמה און קערפּער, איצט ציטער איך אויף פון יענע דערינערונגען, דאַמאָלס, ווען מיין עמפּפינדלעכקייט איז יעדן טאָג צעטרעטן געוואָרן...

ווען איך פלעג באַליידיקט ווערן דורך יענעמס ליבע, דורך יענעמס טרייהייט, גיט אַ קוק אויף דעם פּאָרטרעט, אויף די קלוגע אויגן. ניין, פאַר מיר, פאַר מיינע געפילן האָבן די קלוגע אויגן נישט געהאַט קיין פּאַרש אַנד...

געזעצלעכקייט. מאַן און ווייב... אַט דאָס...

אָט דאָס איז געווען דער פאַלשער צעמענט פון אונדזער צוזאַמענלעבן.

אַ בליק, אַ גוט וואָרט פון אַ נייעם מענטש איז מיר טויזנט מאָל מער טייער געווען, ווי זיין גאַנצע ליבע, נאָר איך בין אים טריי געבליבן, ווייל איך בין צו שוואַך געווען צו בלייבן „איך".

איצט פֿריי איך זיך אָפּ, וואָס איך בין דאָס איבערגעקומען, ווײַל עס איז אַ גרויס מאַטערניש זײַן טריי דעם טרוקענעם געזעץ. איך בין אַמאָל שטאָלץ געווען מיט דעם, וואָס איך פֿלעג זיך אַליין איבערשטײַגן, אָבער איצט איז נישטאָ וואָס צו דערמאָנען...

עס גייען פֿאַרבײַ מײַנע אויגן ווײַטע פֿרילינגס, עקזאָטישע זומערן, און איך דריי זיך אַרום אין די זוניקע טעג, ווי אַ מאַנעקין. די בלומען, די רויזן, די מאַנגאָליעס זענען פֿאַר מיר געווען פֿאַרגליווערט...

ווײַל איך בין געווען אַ טרײַ ווײַב... יאָ, יאָ. טויזנט מאָל געטריי. און נישט געחלומט האָט זיך מײַן מאַן, פֿון וואָס איך טראַכט און פֿון וועמען איך טראַכט. איך גלייב, אַז טויזנטער מענער לעבן אַזוי אָפּ מיט זייערע „טרײַע" ווײַבער, און זיי ווייסן נישט און קענען נישט וויסן, וועלכע לידער עס זינגען זיך אין זייערע נשמות...

— מאַדאַם, ווילט איר אָפּלייקענען, אַז עס איז נישטאָ קיין טריי צווישן צוזאַמענלעבן פֿון צוויי מענטשן?

— ס'איז פֿאַראַן, נאָר דאָס הייסט באַשטענדיקייט, און אין באַשטענדיקייט און רויִקייט איז נישטאָ קיין רייץ. צו מײַן אומגליק בין איך געווען פֿון די פֿרויען, וואָס קוקן אַרויס פֿון די אָפֿענע פֿענסטער...

און נישט איינמאָל האָב איך געזען, ווי דער פֿרילינג האָט געבליט, די גרויסע קאַשטאַנעס האָבן ברייט געעפֿנט זייערע בלומיקע קאַנדעלאַברעס. און איך פֿלעג פֿאַרגעסן, וואָס אין די צימערן בײַ מיר טוט זיך, איך האָב נישט געוואָלט וויסן, און דאָך בין איך געבליבן אין די חדרים, וווּ אויף יעדן חפֿץ איז געהאָנגען די ליידיקייט פֿון מײַן נשמה.

איך בין טריי געבליבן, נאָר נאָך אַזאַ לעבן וואָלט איך נישט וועלן דורכמאַכן. איך האָב געלעבט און קיין ליגנט נישט געזאָגט, נאָר דעם אמת האָב איך אויך נישט אַרויסגערעדט...

קינדער, הערט זיך אײַן: געזעצן ווערן אָנגעשריבן פֿאַר אַלעמען און בלומען האָבן נישט אַלע ליב. נישט אַלע בענקען נאָך זון-אויפֿגאַנג און נישט אַלע ווערן באַצויבערט פֿון זון-פֿאַר-

גאַנג. איך האָב געמוזט זיין טריי, ווייל טרייהייט איז אַ געזעץ פון אונדזער צייט...

און ליבע איז גאָטס גאָב... ווי צו די, וואָס צעטרעטן און דערשטיקן אין זיך גאָטס מתנה.

אַ לייכטער שטאָלצער אומעט באַווייזט זיך אין אירע אויגן. די האָר זענען באַ איר אויסגעזילבערט, אָבער אין דער נשמה זענען געבליבן זינגענדיקע דערינערונגען און זיי פייניקן נאָך איצט, זיי רופן און פאָדערן אַן ענטפער. די יונגע חברה קוקט זיך צו און הערט זי צו...

יעדעס וואָרט בלייבט באַ זיי אין די הערצער.

די אַלטע ווינטשט זיך איין זאַך: נישט איבערקומען דעם רייץ פון לעבן, נאָר לעבן, לעבן מיטן פולן האַרץ. און ווען עס טרעפט זיך, אַז עמיצער פון די צוואַנציקיעריקע כאַפט אַריבער די מאָס, איז זי די ערשטע, וואָס פאַרטיידיקט...

איר אַלט האַרץ לעבט פאַר דער יוגנט.

אינהאַלט:

זייט:

נאָך איינע — 5

אַש פון אַ ציגאַר — 13

איך, זי און ער — 19

געוועזענע — 31

דאָס ליידיקע ציפערבלאַט — 34

טאַמבורין פון ראָמאַ — 41

שפּילצייג — 48

דער שנאָרער פון ליבע — 56

אַ קלייניקייט — 70

די אייביקע צוויי — 77

אַ בריליאַנט — 85

קיין איינע אויך נישט — 92

מיר זענען קוויט — 99

קליידער — 106

נקמה — 113

מימאָזע — 120

בלומען — 127

דער לעצטער אידעאַל — 134

קרובים — 141

די טראַנזאַקציע — 149

ווייבער — 156

מאַמעלע — 163

עס רעגנט — 171

אינקאַ די טענצערין — 177

אַ סצענע אין קאַפע „לאַ ראָטאָנד" — 183

פּטור געוואָרן — 190

אין וואַלד — 197

שאול דער שווארצער — 212

דעם גנבס ליבע — 219

דער גאָלדשמיד — 226

לאָלי — 234

אַ שטילע דראַמע — 242

איבערגעקומען — 249